STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07111

DAVID BEN-GURYON

Haim Abraham Hurwitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד בן־גוריון

חיים א. הורוויץ
(ח. וויטאַל)

דוד בן־גוריון
ערשטער פּרעמיער פון ישראל

מיט אַ פאָרוואָרט פון
הלל ראָגאָף

אַרויסגעגעבן פון די ברידער שולזינגער

ניו־יאָרק 1952

Copyright 1952 *by*
HAIM A. HURWITZ
NEW YORK, N. Y.

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן אויך טיילווייז פֿאַרבאָטן.

שער־בלאַט געצייכנט פון ש א ו ל ר אַ ס ק י ן

פֿאַרלאַג
שולזינגער
ברידער

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING AND PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

253

ל ב ת י

ש י ר ה

שירת חיי

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון הלל ראַגאָף.......... 9

ערשטער קאַפּיטל

פּערזענלעכע שטריכן.......... 15

צווייטער קאַפּיטל

די עלטערן.......... 28

דריטער קאַפּיטל

פּלאָנסק און די ערשטע קינדער־יאָרן.......... 43

פערטער קאַפּיטל

„עזרא" — די ערשטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.......... 55

פינפטער קאַפּיטל

אין וואַרשע.......... 69

זעקסטער קאַפּיטל

אין ארץ ישראל.......... 84

זיבעטער קאַפּיטל

אלס לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער.......... 98

אַכטער קאַפּיטל

אין דער פּאַרטיי־פירערשאַפט.......... 111

נייַנטער קאַפּיטל

מיטן ביקס אין האַנט.......... 125

צענטער קאַפּיטל

אין ירושלים.......... 135

עלפטער קאַפּיטל

דער ערשטער אין דער רייע.......... 146

צוועלפטער קאַפּיטל

אין סאלאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל.......... 155

דרייצנטער קאַפּיטל

ווערט „אויף אייביק" אַרויסגעשיקט פון ארץ ישראל.......... 165

פערצנטער קאַפּיטל

אויפן אַמעריקאַנער באָדן.......... 174

פופצנטער קאַפּיטל
הסתדרות און פּאַרטיי........................ 185
זעכצנטער קאַפּיטל
ציוניסטישער מנהיג........................... 197
זיבעצנטער קאַפּיטל
צו אידישער מלוכה׳שאַפט....................... 207
אַכצנטער קאַפּיטל
מדינת ישראל................................. 217
ניינצנטער קאַפּיטל
פּרעמיער און פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער.............. 227
צוואַנציקסטער קאַפּיטל
דער מענטש................................... 233
ביבליאָגראַפיע 245

בילדער־פאַרצייכענונג

דוד בן־גוריון
ר׳ אביגדור גרין
דוד בן־גוריון און זיין פרוי
י. שוחט, דוד בן־גוריון און י. בן־צבי
דוד בן־גוריון, צוזאַמען מיט אב, קאהאן, אין אַ גרופּע חברים אין תל־אביב
דוד בן־גוריון אין אַ שיפל אויפן ים כנרת
דוד בן־גוריון אין קרייז פון זיין פאַמיליע
דוד בן־גוריון גיט איבער פרעזידענט טרומאַן אַ מנורה — אַ מתנה פון ישראל
דוד בן־גוריון און פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין
דוד בן־גוריון און עלענאָר רוזוועלט
דוד בן־גוריון אין האַפן פון אילת
דוד בן־גוריון אַלס סנדק
דוד בן־גוריון אין זיין ביבליאָטעק־צימער



ד. בן-גוריון

**
*

שוין עטלעכע יאָר ווי דער אידישער עולם גאַרט נאָך אַזאַ ווערק ווי חיים א. הורוויץ (ח. וויטאַל) האָט דאָ פאַר אונז אָנגעשריבן. מיט דוד בן־גוריון האָט פּאַסירט עטוואָס אויסערגעוויינלעכעס. ער איז באַרימט געוואָרן מיט אַמאָל, איבער נאַכט. הונדערטער טויזנטער אידן און מיליאָנען נישט־אידן, וועלכע האָבן פריער וועגן אים כמעט קיין אָנונג נישט געהאַט, האָבן נאָך דער אָנטשטייאונג פון מדינת ישראל זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז ער פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט אין דער נייער אידישער מלוכה, און אַז די אויגן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער מדינה זיינען געריכטעט צו אים. און פון דעם טאָג וואָס ער איז דערהויבן געוואָרן צום פּרעמיער־אַמט, איז זיין רום געשטיגן אַלץ העכער און העכער און זיין נאָמען איז אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דער מדינה, נישט נאָר צווישן אידן נאָר אויך צווישן די מלוכות פון דער וועלט.

איז געווען נאַטירלעך אַז דער ברייטער עולם זאָל האָבן אַ באַגער צו וויסן מער וועגן דער פּערזענלעכקייט און לעבנס־געשיכטע פון דוד בן־גוריון. ביי אַ טייל שטאַמט דער באַגער פון פּשוט'ן נייגיר, פון דעם אינטערעס וואָס געוויינלעכע מענטשן געפינען אין די גליקלעכע, וועלכע דערהויבן זיך צו פּאָפּולאַריטעט. ביי די מער אינטעליגענטע איז דער פאַרלאַנג צו וויסן אויספירלעך וועגן בן־גוריון פאַרבונדן מיט זייער וואונטש צו קענען באַגרייפן בעסער זיין פירערשאַפט, זיינע דערגרייכונגען, זיינע רעגירונגס־פּאָליסיס, און צו קענען בעסער אָפּשאַצן זיינע פאַרדינסטן, זיין ווערט, און זיין פּלאַץ אין דער אידישער געשיכטע.

חיים א. הורוויץ (ח. וויטאַל) האָט זיין בוך געשריבן מער פאַר דער צווייטער גרופּע אידן ווי פאַר דער ערשטער. ער האָט געהאַט אין זינען יענע לייענער וואָס ווילן וויסן דעם וועג פון דוד בן־גוריון, וואָס האָט דערפירט צו זיין איצטיקער הויך; די לייענער

וועלכע ווילן וויסן דעם פונדאַמענט אויף וועלכן ער האָט זיין קאַריערע געבויט פון זיינע יונגסטע יאָרן, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל דער פונדאַמענט איז געמאַכט, און ווי שטאַרק און סאָליד דער פונדאַמענט איז; פאַר די יעניקע וועלכע ווילן לערנען צו פאַרשטיין דעם איצטיקן בן־גוריון אין דער ליכט פון זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, פון זיינע יונגסטע יאָרן ביז היינט.

אין די שטורעמדיקע, וואונדערלעכע יאָרן פון דעם געבורט פון ישראל, האָט מען אָפט געהערט דעם וואָרט „נס". מען האָט אַ סך דערציילט וועגן נסים: דער נס פון די אידישע זיגן אויף די שלאַכט־פעלדער, דער נס פון די פאַרהאַנדלונגען און אָפּשטימונג פון דער יו־ען, דער נס פון דער פּראָקלאַמאַציע פון דער מלוכה און אַזוי ווייטער. פון דעם בוך וועט זיך דער לעזער דערוויסן, אַז דער מענטש וואָס האָט מאַנעוורירט מיט די אַלע נסים איז אַליין קיין נס נישט געווען. און אַז מיט אים, מיט זיין מערקווירדיקן אויפקום און אויפשטייג, האָבן קיין נסים נישט פּאַסירט. ער איז פון דער נאַטור באַשטימט געוואָרן צו זיין דאָס וואָס ער איז געוואָרן. ער האָט זיין הויכן אָרט, זיין רום און אָנערקענונג זיך דערוואָרבן דורך זיין זשעני, זיין ענערגיע, זיינע געוואַלטיקע פעאיקייטן, וועלכע ער האָט זיין גאַנצן לעבן געווידמעט צו זיין אידעאַל — דעם אויפלעבן פון אידישן פאָלק אויף זיין אייגענעם באָדן, אין ארץ ישראל.

פון דעם בוך וועט איר זיך דערוויסן, אַז אַלץ וואָס בן־גוריון טוט איצטער, אַלס פּרעמיער פון ישראל, איז נישט ווי מען מיינט די פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון אַ טרוים, נאָר די פאַרענדיקונג פון אַן אַרבעט וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין זיינע יונגסטע יאָרן. אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן בן־גוריון און די אַנדערע פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט צוזאַמען אין די צענדליקער יאָרן פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. ביי די אַנדערע פירער איז דער ציוניזם געווען אַ טרוים, אַ האָפענונג, אַן אידעאַל וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין דער ווייטער אָדער אפשר נאָענטער צוקונפט. ביי בן־גוריון

איז דער ציוניזם געווען אַן אידייע וואָס מוז גלייך, איצטער, פאַר־ווירקלעכט ווערן, אויף ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך. ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז ארץ ישראל וועט געגעבן ווערן צו די אידן, אַז דאָס לאַנד וועט דעראָבערט ווערן דורך פּאָליטיק אָדער דורך נסים. ער האָט געגלויבט אַז אידן וועלן מוזן דאָס לאַנד איינגעמען: איינגעמען מיט אַרבעט, מיט קאָלאָניזאַציע, מיט אויפ־בוי און אנטוויקלונג, און איינגעמען, אויב עס וועט נויטיק זיין, אויך מיט מאַכט, מיטן שווערד אין האַנט.

און ער האָט די פליכט דאָס צו טאָן גענומען אויף זיך אַליין. ער האָט נישט ווי די אַנדערע פירער, די אַנדערע מנהיגים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, גע׳דרשנ׳ט, אַז אַנדערע זאָלן פאָרן קיין ארץ ישראל, אַז אַנדערע זאָלן דאָרט לייגן דעם פונדאַמענט פון דעם ישוב, אַז אַנדערע זאָלן דורכטראָגן די געפאַרן, די ווייטאָגן, די צרות פון דער פיאָנערן־אַרבעט. ער איז אַליין געווען איינער פון די ערשטע צו פאָרן קיין ארץ ישראל, ווען ער איז נאָך געווען כמעט אַ אינגל. ער איז אַהין געקומען נישט אַלס פירער, נאָר אַלס פשוט׳ער אַרבעטער. ער האָט געאַקערט און געזייט, געגראָבן די ערד און געררייניקט די זומפּן. ער האָט געקעמפט מיט די אַראַבישע שונאים און מיט די אידישע פאַרלוימדער. און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען מיט איין ציל, מיט איין שטרעבונג, צו בויען אַ אידיש לאַנד, צו פאַרוואָרצלען די אידן אין דעם ארץ ישראל באָדן.

דאָס איז אייגנטלעך געווען די אורזאַך פאַרוואָס מען האָט אין חוץ לארץ ווייניק געהערט פון בן־גוריון; פאַרוואָס הונדערטער אַנדערע ציוניסטישע טוער און פירער זיינען געווען מער באַוואוסט, מער פּאָפּולער און מער באַרימט ווי ער. אָבער אין לאַנד גופא, דער דאָרטיקער ישוב, די אמת׳ע בויער, האָבן געוואוסט ווי אָפּ־צושאַצן בן־גוריון און זיין אַרבעט. זיי האָבן געוואוסט זיין ווערט פאַר דער קעגנוואַרט און נאָך מער פאַר דער צוקונפט פון דער אידישער ארץ ישראל. און ווען דער אַנטשיידנדער מאָמענט איז געקומען, ווען די מעגלעכקייט פון דער גרינדונג פון דער מדינה

האָט זיך באַוויזן, האָבן זיי, די אידן פון ארץ ישראל, נישט געדאַרפט טראַכטן קיין איין איינציקן מאָמענט. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז דער איינציקער אויף וועמענס אויפריכטיקן אידעאַליזם און פראַקטישן פאַרשטאַנד זיי קענען זיך פאַרלאָזן, אין וועמענס הענט זיי קענען אָנפאַרטרויען זייער שיקזאַל און דעם שיקזאַל פון דער מדינה.

דאָס אַלץ וועט דער לעזער אַרויסטראָגן פון דעם בוך וואָס ה. וויטאַל האָט דאָ אויפגעשריבן. ער פאַנגט אָן פון דער הויז אין דער שטעטל פלאָנסק אין פוילן וואו בן־גוריון איז געבאָרן געוואָרן, די הויז וואָס איז געווען דער צענטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ווען דוד איז געווען אַ קליין קינד, און וואו ער האָט איינגעזאַפּט די אידייע און דעם אידעאַל פון דער ווידער־אויפלעבונג פון דער אידישער מלוכה; און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ טיפער איז די אידייע אַריינגעדרונגען אין זיין וועזן. שפּעטער אַביסל האָט ער דעם ציוניסטישן אידעאַל פאַראייניקט מיט דעם סאָציאַליסטישן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פּועלי ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געשטעלט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל איבער דעם ציוניסטישן. צוליב דעם איז ער פיל מאָל געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער מאַיאָריטעט פון זיין אייגענער באַוועגונג. ער איז אָבער פון זיין שיטה קיינמאָל נישט אָפּגעטרעטן. פון דער ליניע, וואָס וויטאַל צייכנט אָן אין דעם לעבנס־גאַנג פון דוד בן־גוריון, קען מען פאַרשטיין און ריכטיק אָפּשאַצן זיין שטעלונג צו די קריטישע פּראָבלעמען אין דער מלוכה און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לעצטע פּאָר יאָר.

ה. א. הורוויץ (וויטאַל) צייכנט אָן די וויכטיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דער פּועלי ציוניסטישער באַוועגונג אין וועלכער בן־גוריון האָט געשפּילט אַ ראָלע, און וועלכע זיינען נויטיק צו וויסן אַלס הינטערגרונט צו וויכטיקע געשעענישן אין בן־גוריונ׳ס קאַריערע און אין זיין ציוניסטישן וועג פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר.

ה. וויטאַל גיט אונז אויך אַ פּאָרטרעט פון בן־גוריונ׳ס פּער־

זענלעכקייט. ער מאָלט די הויפּט און בולט׳סטע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, דערציילט אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון זיין פּריוואַטן און פאַמיליען־לעבן, דייטעט אָן אויף זיינע שוואַכקייטן, און אַפילו אויף זיינע פעלערן. ער ווידמעט אויך פּלאַץ אַרויסצוברענגען די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון זיין גייסטיקן וועזן, זיינע געוואַלטיקע פעאיקייטן אַלס שרייבער און רעדנער, זיין דורשט נאָך וויסן און זיין ברייטע קענטעניש אין פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן. און ער אונטערשטרייכט ווידער און ווידער זיין מערקווירדיקן פיזישן, מאָראַלן און גייסטיקן מוט, זיין אומדערשראָקנקייט און לאָיאַליטעט צו זיין אידייען און איבערצייגונגען. צעוואָרפן אין דעם בוך געפינט מען מעשה׳לעך און אַנעקדאָטן וועגן בן־גוריון, וואָס ברענגען אַרויס די שטריכן פון זיין כאַראַקטער און די מערקווירדיקייט פון זיין נאַטור אויף אַ בולט׳ן און אינטערעסאַנטן אופן.

ה. וויטאַל׳ס בוך איז די ערשטע אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון דוד בן־גוריון, וואָס דערשיינט אויף אידיש. יעדער אָנפאַנג איז שווער אָבער וויטאַל האָט זיך מיט דער שוועריקייט געספּראַוועט; ער איז בייגעקומען אַלע שטרויכלונגען, וואָס ליגן אין וועג פון יעדן אָנהויב. ער האָט אונז געגעבן אַ ווערטפולע, קאָמפּעטענטע, זייער אינטערעסאַנטע און נויטיקע אַרבעט, פאַר וועלכע אַלע לייענער פון דעם ווערק וועלן אים דאַנקבאַר זיין.

הלל ראָגאָף

ערשטער קאַפּיטל

פּערזענלעכע שטריכן

אין דעם דראַמאַטישן געראַנגל פון דער וועלט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין דער גרויסער שפּאַנונג צווישן מזרח און מערב, אין דער צושפּליטערונג צווישן פעלקער, האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל אין מיטעלן מזרח, אויף אַ קליינעם שטח לאַנד אָפּגע־שפּילט דער דראַמאַטישסטער אַקט פון אַלע אַקטן — די פּראָקלאַ־מירונג פון מדינת ישראל דעם 14טן מאַי 1948 (ה׳ אייר תש״ח). אין דער רייכער וועלט־געשיכטע מיט אויסערגעוויינלעכע געשעע־נישן, וואָס ווייסט צו דערציילן ווי אַזוי מדינות זיינען אַנטשטאַנען און פאַרשוואונדן, וואָס ווייסט צו באַריכטן ווי אַזוי פעלקער האָבן געקעמפט פאַר זייער פרייהייט, פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט, געפינען מיר אָבער נישט קיין ענלעכן, גלאָריע־רייכן פאַל, ווי די אַנטשטייאונג פון דער אידישער מלוכה. אַ אידישער ישוב וואָס האָט געציילט בערך 650 טויזנט נפשות, אין אַ לאַנד מיט אַ פיינט־לעכער באַפעלקערונג, וואָס איז מער ווי צוויי מאָל אַזוי די גרויס; אַרומגערינגלט מיט פיינטלעך־פאַרביסענע שכנים, וועלכע ציילן אין די צענדליקער מיליאָנען, קעגן דעם ווילן פון מאַנכע פיינטלעכע גרויס־מאַכטן, קעגן דער אָנווייזונג פון אַנדערע פריינטלעכע מדינות — רעכנט זיך נישט מיט דעם אַלעם, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם פרעמדן יאָך און דערקלערט זיך אַלס פריי פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד. 1877 יאָר נאָך דעם חורבן פון בית שני, נאָך דעם ווי די אידן

זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלוירן יעדן שיין פון מלוכה׳שן לעבן, יעדע ברעקל זעלבסט־שטענדיקייט — ווערן זיי ווידער אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, און צווישן די פאָנען פון די פרייע לענדער הויבט אויף אָן פלאַטערן אַ נייע פאָן, די בלוי־ווייסע פאָן פון מדינת ישראל.

אין דעם דאָזיקן דראַמאַטישן אַקט פון וועלט־פאַרנעם האָט די הויפּט־ראָלע געשפּילט דוד בן־גוריון. אויף דער אַרענע פון אידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן איז ער אויפגעטראָטן מיט צענדליקער יאָרן פריער, כמעט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַר דעם זייענדיק נאָך אַ גאָר יונגער בחור׳ל. צו דעם דאָזיקן וויכטיקן מאָמענט אין דער אידישער געשיכטע איז נישט נאָר זיין בליק געווען גע־ווענדעט, נאָר אויך זיינע מעשים. אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע, מיט אויסערגעוויינלעכע אַרבעטס־פעאיקייטן. צו דעם בנין פון דער אידישער מדינה האָט ער — סיי אַלס אידישער פירער און סיי אַלס אַרבעטער פירער — געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַ ציגל אויף אַ ציגל, האָט פאַראייניקט און פאַרצעמענטירט די באַזונדערע טיילן, געאַרבעט מיט שוויס און מיט בלוט, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן דער גאַנצער בנין.

ווען מיר ווילן היינט דערציילן דעם לעבנס־וועג און די טעטיקייטן פון דעם פּלאָנסקער בחור׳ל דוד יוסף גרין — דער שפּע־טערדיקער דוד בן־גוריון, — וועלכער האָט מיט איבער 45 יאָר צו־ריק באַטראָטן דעם באָדן פון ארץ־ישראל, און וועלכער האָט שפּעטער געהאַט דעם זכות און דעם גליק צו פאַרווירקלעכן דעם אַלטן אידישן חלום, — מוזן מיר דאָ צוערשט זיך אָפּשטעלן אויף די דריי הויפּט־עטאַפּן אין דער געשיכטע פון ציוניזם, און וועגן די טעטיקייטן פון נאָך דריי פּערזענלעכקייטן, אָן די מעשים פון וועלכע וואָלט אפשר די היסטאָרישע שעה פאַרן אידישן פאָלק נישט געקאָנט שלאָגן. זיי זיינען: טעאָדאָר הערצל, אַרטור דזשעימס באַלפור און הערי ס. טרומאַן.



ר׳ אביגדור גרין, בן־גוריון׳ס פאָטער



דוד בן־גוריון און זיין פרוי, פאָטאָגראַפירט אין ניו־יאָרק, אין 1918

ד״ר הערצל האָט פאַר דער וועלט פּראָקלאַמירט דעם איינפאַכן געדאַנק, אַז די צושפּרייטע אידישע יחידים זיינען אַ פאָלק און דורך אַ צוזאַמענשמעלצונג פון די דאָזיקע יחידים וועלן זיי אויך קאָנען באַשטימען זייער אייגענעם שיקזאַל. ער האָט אויך געשאַפן דעם אינסטרומענט, וועלכער האָט אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק, פון אידישע יחידים, פאַראייניקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג; ער האָט געשאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

דער צווייטער עטאַפּ אויפן דאָזיקן וועג איז די באַלפור דעקלע־ראַציע וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער ענגלישער רעגירונג דעם 2טן נאָוועמבער 1917. די באַלפור־דעקלעראַציע האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר אַ גרעסערע אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. אונטער דער טערקישער הערשאַפט וואָלט די דאָזיקע אַנטוויקלונג נישט געווען מעגלעך, ווי זי איז געווען מעגלעך אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט. די באַלפור־דעקלעראַציע האָט דעם ישוב געגעבן דעם מוט און די לעגאַליטעט אפילו צו באַקעמפן דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד, וועלכע האָט זיך זייער אָפט אַנטקעגנגעשטעלט די אידישע קאָלאָניזאַטאָרישע אַספּיראַציעס.

אַ היסטאָרישע ראָלע פון ערשטער באַדייטונג, אויפן ווייטער־דיקן וועג צו דער גרינדונג פון מדינת ישראל, האָט אויך געשפּילט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, הערי ס. טרומאַן, וועלכער האָט אינסטרואירט די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער (יו־ען), אַז זיי זאָלן זיך איינשטעלן פאַר דעם צוטיילונגס־פּלאַן פון ארץ ישראל און פאַר דער גרינדונג פון אַ אידישער מדינה אין איין טייל פון לאַנד. אַ דאַנק דעם איז די אָפּשטימונג פון 29טן נאָוועמבער 1947 אויסגע־פאַלן צו גונסטן די אידן. און אָן דעם אַקט וואָלט אפשר די אַנטשטיי־אונג פון מדינת ישראל געהאַט אַן אַנדער פאַרלויף.

די אַנדערע כוחות, וואָס זיינען נויטיק געווען פאַר דער דאָ־זיקער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, זיינען אין אַ געוויסער

מאָס געשאַפן געוואָרן דורך דוד בן־גוריון. זאָגנדיק דאָס ווילן מיר נישט אָוועקנעמען די פאַרדינסטן פון אַנדערע גרויסע ציוניסטישע פירער, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ סך געלייסטעט סיי פאַרן ציוניזם און סיי פאַר ארץ ישראל. מיר ווילן אויך נישט אָוועקנעמען די פאַרדינסטן פון די אַמעריקאַנער אידישע פירער, וועלכע האָבן אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן דורכטראָגן די געבורט־וויען פון דער יונגער אידישער מדינה. אָבער די בולט׳סטע אידישע פיגור אויף דער דאָזיקער אַרענע איז געווען די פון דוד בן־גוריון.

בן־גוריון איז ביז היינטיקן טאָג דער הייסטער אָנהענגער, דער גרעסטער פאַרערער פון ד״ר טעאָדאָר הערצל. ער איז געווען און געבליבן דער איבערגעגעבנסטער הערצליאַנער, ניט געקוקט אויף דעם סאָציאַליזם, וועלכן ער האָט צוגעגעבן צו הערצל׳ס ציוניזם. ביי אַ סך געלעגנהייטן אין זיין לאַנגער ציוניסטישער קאַריערע האָט ער אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע פאַרערונג פאַר הערצל׳ן. אַזוי ווי הערצל אַזוי אויך ער האָט די אַלע יאָרן פון זיין פירערשאַפט — ביז די אַנטשטייאונג פון דער מדינה — אַריינגעהאַמערט אין די מוחות און הערצער פון זיינע נאָכפאָלגער, אַז די באַפרייאונג פון אידישן פאָלק קען צושטאַנד קומען נאָר פון אים אַליין, פון דעם ווילן פון פאָלק. און אַזוי ווי הערצל האָט ער געשטרעבט צו אַ אידישער מלוכה נאָך אין אונזערע טעג.

אַלס בחור׳ל האָט ער זיך אינגאַנצן געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער פאַרצויבערנדיקער פערזענלעכקייט פון ד״ר הערצל. ער האָט געלעבט אינגאַנצן אין דער אַטמאָספערע, וואָס דער גרינדער פון פאָליטישן ציוניזם האָט געשאַפן אויף דער אידי־שער גאַס אין מזרח אייראָפּע, אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסיש־פּוילן.

אַלס זייער וואַכזאַם, גייסטיק־פרי אַנטוויקלט, קינד, ביי אַ פאָטער אַ ציוניסט, האָט ער אין שטוב פון זיינע עלטערן זיך אַ

סך אָנגעהערט וועגן דער גרויסער געשעעניש פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די געשעעניש איז געווען — אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין אידישן נאַציאָנאַלן לעבן. ער האָט זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן דעם לעגענדאַרן ד״ר הערצל, וועלכער האָט געשאַפן די קאָנגרעס־טריבונע, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט פון ערשטן קאָנגרעס איז דוד יוסף גרין געווען אַ אינגל פון עלף יאָר. אין דער פאַנטאַזיע פון יונגן פלאָנסקער חדר־אינגל איז דער ציוניס־טישער מנהיג געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, איז אויסגעוואַקסן צו אַ ריז, צו אַ גייסטיקן פרינץ. און אַ פרינץ דאַרף דאָך האָבן באַשיצונג, לייב־וועכטער.

אין איין שיינעם טאָג, — אַזוי דערציילט אונז זיינער אַ יוגנט־פריינט — דאָס איז געווען אין יאָר 1901 אָדער 1902, ער איז דאַן אַלט געווען 15־16 יאָר, האָט ער צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים זיינע פון דעם שטעטל,ביידע מיט אַ יאָר־צוויי עלטער פון אים — שמואל פוקס און שלמה צמח — אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו ד״ר הערצל און אים פאָרגעשלאָגן צו קומען קיין ווין, אין דער עסטרייך־אונגאַרישער הויפּשטאָט, און אים דאָרט דינען אַלס לייב־וועכטער.

מיר ווייסן נישט ווי אַזוי ד״ר הערצל האָט רעאַגירט אויף דעם דאָזיקן נאַאיוון פאָרשלאָג, וואָס פאַר אַ שמייכל עס האָט זיך באַ־וויזן אויף זיין שיינעם פנים לייענענדיק זייער בריוו. זיי האָבן אויך באַקומען אַ דאַנק־בריוו פון דער רעדאַקציע פון ציוניסטישן אָרגאַן „די וועלט״. דער פאַקט באַווייזט אָבער אין וואָס פאַר אַ ריכטונג עס איז געגאַנגען די פאַנטאַזיע פון יונגן פלאָנסקער בחור׳ל.

הערצל איז געשטאָרבן כ׳ תמוז תרס״ד. נאָך זיין טויט האָט דער יונגער דוד יוסף גרין, נאָך נישט קיין 18 יאָר אַלט, געהאַלטן אַן אויסערגעוויינלעך רירנדן הספד נאָכן גרויסן נפטר אָפּשאַצנדיק דעם גרויסן פאַרלוסט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געליטן מיט זיין טויט. אַ לענגערע צייט איז ער געווען אינגאַנצן אונטער דעם איינ־פלוס פון דעם דאָזיקן פאַרלוסט, און אין אַ קאַרטל צו זיינעם

אַ פריינט אין אויסלאַנד, פון כ״ה תמוז, טיילט ער זיך וועגן דער דאָזיקער גרויסער געשעעניש און שרייבט זיך אונטער: „ממני אחיך האומלל דוד יוסף גרין״ — פון מיר דיין אומגליקלעכן ברודער. אין די צוויי ווערטער „אחיך האומלל״ פילט איר דעם גאַנצן יוגנט־לעכן צער. עס זיינען נישט סתם ווערטער, נישט סתם אַ געפליגלטע פראַזע, איר פילט אין זיי אַרויס זיין צעבראָכן יוגנטלעכן געמיט.

די דאָזיקע באַגייסטערונג פאַר דער גרויסער פערזענלעכקייט פון הערצל איז אים געבליבן ביז היינטיקן טאָג. און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, באַזונדערס אין הערצל׳ס יאָרצייטס־טעג, האָט ער זי אויך איבערגע׳חזר׳ט. הערצל׳ס וויזיע איז אויך שטענדיק גע־שטאַנען פאַר זיינע וויזיאָנערישע אויגן.

דוד בן־גוריון געהערט צו די אויסדרוקספולסטע פערזענלעכ־קייטן פון אונזער דור אידישע פירער, וואָס זייער נאָכוואוקס איז אַ גאַנץ זעלטענער. ער פאַרמאָגט אַ סך וואונדערבאַרע אייגנשאַפטן, און אַלס מענטש האָט ער אויך זיינע שוואַכקייטן. ער איז אַ זעלטענער רעדנער, און רעדט מיט אַ סך פּאַטאָס, מיט האַרץ, מיט איבערצייי־גונג. איר פילט, אַז דאָס זיינען „דברים היוצאים מן הלב״. אין באַצוג צום רעדן האָט ער אַ סך איבערגענומען פון דער אַלטער רוסישער רעוואָלוציאָנערע שולע וואו פּאָליטישע דיסקוסיעס פלעגן זיך ציען אָן אַן אויפהער. דאָרט האָט ער אויך באַקומען זיין ערשטע „אויסבילדונג״ אויף דעם דאָזיקן געביט. ער קאָן שעה׳ן לאַנג רעדן און ווערט ניט מיד. זייער אָפט באַקלאָגן זיך זיינע צוהערער, אַז ער רעדט צו לאַנג. קיינער וועט זיך אָבער נישט באַקלאָגן אַז ער האָט געהאַלטן אַ נודנע רעדע. ער האָט אַלע מאָל וואָס צו זאָגן, אַ נייעם וואָרט, אַ נייעם געדאַנק, וואָס פאַרכאַפּט און דערהויבט דעם צוהערער. ער בליצט אָפט אין זיין רעדן. און ביי אים האַלטן אַ רעדע פון 3־4 שעה און מערער, איז ווי ביי אַן אַנדערן „אויפעסן אַ צוקערלעקעך״.

אַזוי האָט ער אַלעמאָל גערעדט, סיי ווען ער איז געווען אַן אַרבעטער, סיי ווען ער איז געווען דער לייטער פון דער הסתדרות, און סיי ווען ער איז געווען דער פירער פון דער אידישער אַגענטור. און ביי דער דאָזיקער געוואוינהייט איז ער אויך געבליבן איצט, ווען ער איז פּרעמיער מיניסטער, ווען זיין וואָרט ווערט אויסגע־טייטשט אַלס די מיינונג פון דער העכסטער אויטאָריטעט אין דער רעגירונג, ווען זיין וואָרט ווערט געוואויגן און געמאָסטן, ווען זיין וואָרט ווערט צוטראָגן איבער אַלע לענדער פון דער וועלט.

און ער האָט כמעט קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין געשריבענע רעדע. ער קאָן זיך אַליין נישט איינשפּאַנען אין די ראַמען פון געשריבענעם וואָרט. געווען אַ פאַל, אַז אין איינעם פון די מלוכה׳שע ימים טובים האָט מען אים דערלאַנגט צו האַלטן אַ רעדע, וואָס מ׳האָט פאַר אים אָנגעשריבן. האָט ער איר דורכגעלייענט און גע־זאָגט:

— „דאָס איז אַ גוטע רעדע, אָבער גיט זי אַן אַנדער רעד־נער״!... און ער האָט געהאַלטן זיין אייגענע רעדע. אַזוי האָט ער אויך גערעדט בעת זיין היסטאָרישער אויפטרעטונג אין „מעדיסאָן סקווער גאַרדן״ אין ניו יאָרק דעם 10טן מאַי 1951. די צוגעגרייטע רעדע איז געלעגן אויפן פּולפּיט אַן אַ זייט. ער איז אַ מענטש מיט אַ ברוויזנדיקן טעמפּעראַמענט, אימפּולסיוו, שטימונגס־פול, גאָרנישט ווי אַ דיפּלאָמאַט. און ווען ער שטעלט זיך רעדן פון פּאַפּיר — צערייסן זיינע שטימונגען און אימפּולסיווקייט די ראַמען פון דער געפּלאַנטער רעדע, און ער זאָגט מער אין דעם נישט־צוגעגרייטן, אימפּראָוויזירטן, ווי אין דעם פאָראויס געפּלאַנירטן.

בן גוריון דער רעדנער צייכנט זיך הויפּטזעכלעך אויס ווען ער האָט דעם קאָנטאַקט מיט זיינע צוהערער, און ווען ער דאַרף נישט קוקן אויפן זייגער. מיט אַ יאָר 20 צוריק איז אים אויסגעקומען אין שיקאַגאָ צום ערשטן מאָל רעדן דורכן ראַדיאָ. נאָך דער רעדע, וואָס האָט אינגאַנצן געדויערט אַרום צען מינוט, איז ער

אַרויסגעגאַנגען אַ פאַרשוויצטער, אַ מידער, ווי ער וואָלט געהאַקט שטיינער, און זיך אָנגערופן צו זיין באַגלייטער:

— „גיי רעד צו דער וואַנט!"

אימפולסיווקייט איז נישט קיין מעלה פאַר אַ דיפלאָמאַט. אין דער הינזיכט איז בן־גוריון אַ קנאַפּער דיפלאָמאַט. ער קען נישט דורך אויסערלעכע פאָרמען, דורך שיינע ווערטער פאַרדעקן דאָס, וואָס ער טראַכט; דאָס, וואָס אים ליגט אויפן לונג, ברענגט ער אויך אַרויס אויפן צונג. ביי אים שטייט דער אמת העכער פון אַלע קונצן. דורך זאָגן דעם אמת גלייך איינעם אין פּנים אַריין, אַרויס־זאָגנדיק וואָס ער טראַכט, האָט ער זיך אַלע מאָל געשאַפן אַ סך שונאים. אַזאַ פערזענלעכער שונא איז אים אויך געוואָרן דער גע־וועזענער אַלגעמיינער ציוניסט און היינטיקער מפ״ם־פירער ד״ר משה סנה. צוערשט ווען ד״ר סנה איז געקומען קיין ישראל אין 1940 האָט אים בן־גוריון מקרב געווען און דערהויבן ביז צו די העכסטע אַמטן אין דער באַוועגונג. אָבער שפּעטער, ווען ער האָט אויסגע־פונען אַז ד״ר סנה גייט אויף גליטשיקע וועגן, האָט ער אים אַריינ־גערופן צו זיך און אים געזאָגט וואָס ער טראַכט וועגן אים. דאַן האָט ד״ר סנה באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין בן־גוריון. און ער טוט דאָס אויף אַלערליי אופנים.

בן־גוריון קען זיך אָבער נישט איבעראַנדערשן. האָט ער עפּעס אויפן לונג מוז ער עס אויך אַרויסברענגען אויפן צונג. קיינער האָט אים, צום ביישפּיל נישט געצוואונגען צו זאָגן וואָס ער טראַכט וועגן די ציוניסטישע פירער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. קיינער צווייפלט נישט אין דעם, אַז זיין אָפּשאַצונג איז אַ ריכטיקע. ער האָט דאָס אָבער נישט געדאַרפט זאָגן. ער האָט אומזיסט געשאַפן בייז בלוט ביי די דאָזיקע פירער. אומפאָרזיכטיק איז ער אויך געווען מיט אַ צייט צוריק ווען ער האָט דערציילט דער כנסת וועגן דער „גרויסער מיסיע", וואָס ש. ז. שאזאר, געוועזענער דערציאונגס און קולטור מיניסטער, וועט האָבן אין סאָוועטן פאַרבאַנד אַלס אַמבאַ־

סאָדאָר פון ישראל. און די פּאָר ווערטער אויפן אַדרעס פון שאַזאַר זיינען געווען געגנוג, אַז די מאַכט אין סאָוועטן פאַרבאַנד זאָל אים ניט וועלן האָבן אַלס ישראל פאַרטרעטער אין מאָסקווע.

אָפנהאַרציקייט איז אַ שיינע מעלה; מיט אָפנהאַרציקע מענטשן איז בעסער צו האַנדלען. אָבער דאָס איז נישט קיין אייגנשאַפט פאַר אַ דיפּלאָמאַט, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו האָבן שטענדיק פאַר אַלעמען אַ גוט וואָרט און אַ שמייכלענדיקן אויסדרוק אויף זיין פּנים.

דערפאַר איז ער אָבער אַ גאָט־געבענטשטער פּאָליטיקער, אַ שטאַטסמאַן פון אַ גרויסן פאַרנעם. פּאָליטיק — אַזוי ווערט אין אַל־געמיין אָנגענומען — האָט אַ גרויסע שייכות מיט קונסט, און וואָס גרעסער עס איז די מאָס קינסטלער אין פּאָליטיקער אַלץ גרעסער זיינען זיינע שאַנסן אויף אומשטערבלעכקייט. אַזאַ סאָרט פּאָליטיקער־קינסטלער איז דוד בן־גוריון. זייער אָפט באַהערשט דער קינסטלער אין אים בן־גוריונ'ען דעם פּאָליטיקער. פון זיינע רעדעס, פון זיינע עפנטלעכע אויפטרעטונגען, קענט איר פילן ווי אין אים קומט פאַר אַ שטענדיקער געראַנגל צווישן דעם קינסטלער און דעם פּאָלי־טיקער; אַ שטענדיקער קאָנפליקט צווישן זיינע געפילן — די הויפּט־אייגנשאַפטן פון אַ קינסטלער — און צווישן זיינע געדאַנקען — די הויפּט אייגנשאַפטן פון דעם פּאָליטיקער.

אין דער יוגנט האָט ער געאיבט זיין פּעדער אין שרייבן שירים. אייניקע שירים האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דעם העקטאָגראַפירטן יוגנט־זשורנאַל „עזרא", וואָס ער און אַ גרופּע חברים האָבן אַרויס־געגעבן אין פּלאָנסק. שטיקער פּאָעזיע געפינט איר אין זיינע בריוו, אין די ערשטע באַשרייבונגען פון ארץ ישראל, פון נאַטור און לאַנד. מיט דער צייט האָט ער פאַרנאַכלעסיקט דעם דאָזיקע גע־ביט. ער האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער פּאָליטיק. אָבער אין דער פּאָליטיק איז ער געבליבן דער קינסטלער, דער וויזיאָנער.

נאָר אַזאַ וויזיאָנער ווי ער האָט מיט יאָרן פריער געקענט דייט־לעך פאָראויסזאָגן די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. דער פאַר־

שטאַרבענער ד״ר מ.ביילינסאָן, איינער פון די באַליבטע פירער פון מפא״י אין ארץ ישראל, האָט ערגעץ־וואו אין זיינע שריפטן די פאָלגנדע באַמערקונג:

אין יאָר 1930, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס ווייסע פּאַפּיר פון לאָרד פּאַספילד האָבן מיר געהאַט אַ פּאַרטיי באַראַטונג אין תל אביב. איינער פון די חברים (דוד בן־גוריון) איז אַרויף אויף דער טריבונע און געזאָגט, נייך, ער האָט נישט געזאָגט, נאָר אויסגעשריען:

— „מיר וועלן אויפטרייסלען די בריטישע אימפּעריע״!

„מיר האָבן נישט אָנגענומען די דאָזיקע לאָזונג״ — באַמערקט ד״ר ביילינסאָן — „אָבער מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר וועלן זיגן. איך האָב געוואוסט, אַז אין דעם אויסגעשריי איז פאַראַן אַזוי פיל צער, באַליידיקונג און בטחון אין אונזער אַבסאָלוטן רעכט צו טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן, בטחון אין אונזערע ריינע געפילן, אין אונזער נויטווענדיקייט צו זיגן — איך האָב געוואוסט, אַז מיר וועלן זיגן...״

דאָס האָט באַמערקט ד״ר ביילינסאָן מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק.

דוד בן־גוריון איז מער אַ מענטש פון אימפּראָוויזאַציע ווי איינער וואָס טראַכט זיך טיף אַריין אין אַ לאַגע. און אַלס וויזיאָנער זעט ער נאָר דעם ענד־ציל, און באַמערקט אָפט נישט די שטרויכלונגען, וואָס ליגן אויפן וועג צום ענד־ציל, אַפילו זייער וויכטיקע שטרויכלונגען. אַלע שוועריקייטן אויפן וועג פון זיין ציל באַזייטיקט ער מיטן כוח פון זיין ווייט־זעאונג. די וויכטיקסטע ציוניסטישע פירער, צווישן זיי אויך זיינע נאָענטסטע חברים, זיינען אָפט אַריינגעפאַלן אין יאוש אָנטרעפנדיק זיך מיט די דאָזיקע שוועריקייטן, וואָס זיינען געלעגן אויפן וועג פון דער אידישער מדינה. בן־גוריון איז אָבער קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן אין יאוש, ער האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט, אַז די אידייע פון דער אידישער מדינה וועט

פאַרווירקלעכט ווערן. ווייל, אַלס קינסטלער, האָט ער דייטלעכער געזען דעם ענד־ציל, די אידישע מדינה.

זיינע פּאָליטישע קעגנער געפינען אין אים אַ סך חסרונות: זיי וואַרפן אים פאָר, אַז אים פעלט ניכטערקייט; זיי וואַרפן אים פאָר אומבאַרעכנטקייט; זיי וואַרפן אים פאָר, אַז אים פעלט די באַגאַבונג אויסצורעכענען סיטואַציעס מיט אַלע דעטאַלן. טיילווייז זיינען די דאָזיקע פאַרוואורפן באַרעכטיקט. אָבער וואָלט ער געווען אַ ניכטערער מאַטעמאַטיקער וואָלטן מיר פּיליכט היינט נישט גע־האָט קיין אידישע מדינה. ווייל, לויט אַלע מאַטעמאַטישע אויסרע־כענונגען זיינען 35־40 מיליאָן אַראַבער שטאַרקער ווי אַ ישוב פון זעקס הונדערט טויזנט נפשות; לויט אַלע מאַטעמאַטישע אויסרע־כענונגען דאַרפן זעקס מלוכות — ווי שוואַך זיי זאָלן נישט זיין — האָבן אַ מיליטערישע איבערמאַכט איבער אַ קליינעם, ווייניק־באַוואָפנטן, אידישן ישוב. אַ ניכטערער פּאָליטיקער וואָלט נישט אָנגעהויבן קיין מלחמה מיט דער גרויסער אַראַבישער וועלט. ווייל לויט אַלע לאָגישע אויסרעכענונגען זיינען די אידן געווען פון פריער פאַרשפּילטע. און ווער נאָך ווי ער האָט אַזוי גוט געוואוסט ווי שוואַך דער ישוב איז דאַן געווען מיליטעריש אָרגאַניזירט! דאָך דער קינסטלער און וויזיאָנער אין אים האָבן נישט געזען די אַלע שוועריקייטן. ער האָט נאָר געזען דעם ענד־ציל פון זיין ווילן. מיט זיין קינסטלערישער אינטואיציע האָט ער אַרויסגעפילט, אַז עס וועלן אין קריג מיט די אַראַבער געשען נסים — און די נסים זיינען געשען!

בן־גוריון איז היינט דער סימבאָל פון באַנייטן אידישן מלוכה־לעבן און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט שטאַרקע חסידים, באַגייסטערטע פאַרערער. אָבער אויסער שטאַרקע פאַרערער האָט ער אויך פאַרביסענע קעגנער, וועלכע וואָלטן אים דערטרונקען, ווי מען זאָגט, „אין אַ לעפל וואַסער". אַ פאַרביסענער מפ"מ'ניק האָט אַפילו נישט לאַנג צוריק געהאַט די חוצפה אויסצורופן אין דער

כנסת, אַז ער, בן־גוריון, איז „שונא נומער איינס פון ישראל". די קעג־נערישע פּאַרטייען שרייבן אים אַפּילו צו, אַז ער איז אינגאַנצן שולדיק אין דעם איצטיקן שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס הערשט אין ישראל. אין אַלע אַנדערע לענדער וואָלט מען פון אַזאַ פּרעמיער געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן. אין ישראל איז אָבער נישטאָ קיין איין פּאַרטיי, וואָס וואָלט געוואָלט שאַפן אַ רעגירונג אָן אים. און אַלע פּאַרטייען זעען אין אים דעם איינציקן פּאַסיקן פּרעמיער־מיניסטער אין ישראל. איז דאָס נישט מערקווירדיק?

פינף און פערציק יאָר אין ארץ ישראל האָט בן־גוריון „גע־פּאָקט און געמאָזלט" מיטן ישוב. ער האָט אין באָדן געשלאָגן טיפע וואָרצלען און האָט אים באַפרוכפּערט מיט זיין שוייס און בלוט. און ער איז אויף דעם זעלביקן באָדן אויך אויסגעוואַקסן צו דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער גרויס. ער האָט זיך געפרייט מיט די דערגרייכונגען פון ישוב און געטרויערט אויף זיינע פּאַרלוסטן, אויף די שטענדיקע קרבנות, וועלכע זיינען געפאַלן פון די אַראַבישע קוילן.

בן־גוריון ווערט באַטראַכט אין ישוב אַלס שטאַרקער מענטש, אַלס מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילן, מיט אַן אייזערנעם כאַראַקטער. אָבער דער דאָזיקער שטאַרקער מענטש איז אָפּטמאָל אויך ווייך און סענטימענטאַל און ער קאָן אַפּילו וויינען. דאָס איז געווען אויפן לעצטן, 23טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים. ער האָט דאָרט געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע. מיטאַמאָל האָט ער גענומען רעדן וועגן דעם אידישן בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין דער צייט פון באַפרייאונגס קריג. זיין מעטאַלענע שטימע האָט דאַן צוזאַמענ־געבראָכן, ער האָט ווייטער נישט געקענט רעדן און ער האָט אָנגעהויבן וויינען. מיט די טרערן האָט ער דאַן פאַר זיך געוואונען דעם גאַנצן קאָנגרעס.

פון נאַטור אַ קעמפער, אַ רעוואָלוציאָנער, האָט ער מיטגע־קעמפט אויף אַלע פראָנטן, וואָס דער ישוב האָט פאַרמאָגט אין פאַר־

לויף פון די לעצטע פיר און אַ האַלב צענדליק יאָר; און אויך גע־קעמפט מיטן ביקס אין האַנט, ווי אַ „שומר" און אַ זעלנער. און אויף זיינע פּלייצעס האָט ער אויך אויסגעטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט — אַלס פאַרטיידיקונגס מיניסטער — פאַר דעם באַפרייאונגס קריג. דעריבער זיינען אים אַזוי טייער און הייליק אַלע קרבנות.

מיט זיין גרויסן קאָפּ און מיט זיין צעשויבערטער — היינט גרויער — טשופרינע מאַכט ער אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די, וועלכע קומען מיט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט. זיין גרויסער קאָפּ וועלכער זיצט פעסט אויף זיין נידעריק־געוויקסיקן קערפּער זעט אויס נישט פּראָפּאָרציאָנעל, און די דאָזיקע נישט פּראָפּאָרציאָנעל־קייט האָט אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג קינד, זיך נאָך בולט'ער אַרויסגעוויזן. דאָס האָט אויך שטאַרק באַאומרואיקט זיינע עלטערן. איז דאָס נישט קיין קראַנקהאַפטע דערשיינונג? דער באַ־זאָרגטער פאָטער איז דאַן מיט זיין 5־6 יעריקן דוד'ל אַוועקגעפאָרן קיין פּלאָצק, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ גובערניע שטאָט און פאַרמאָגט גוטע דאָקטוירים. נאָכדעם ווי אַ דאָקטאָר האָט אונ־טערזוכט דאָס קינד און מיט אים געהאַט אַ לענגערן שמועס, האָט ער זיך אָנגערופן צום פאָטער: — „פאַר אַהיים און זאָרג נישט. ביי דיר וואַקסט אַ קינד, וואָס וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער מענטש".

די פאָראויסזאָגונג פון יענעם פּלאָצקער דאָקטאָר מיט בערך 60 יאָר צוריק איז מקוים געוואָרן. היינט קען די גאַנצע וועלט דעם פּעאיקן פּרעמיער מיטן גרויסן קאָפּ פון דער יונגער דעמאָקראַטישער מדינת ישראל.

צווייטער קאַפּיטל

די עלטערן

פּלאָנסק, אָדער — ווי די פּולישע אידן האָבען דער שטעטל גע־רופן — פּלוינסק, איז איינע פון די אַלטע און באַרימטע שטעט־לעך אין דער אַמאָליקער פּוילן. אין דער געשיכטע פון די אידן אין פּוילן ווערט זי שוין דערמאָנט אין די אַקטן פון 16טן יאָר־הונדערט. אָבער איר באַרימטקייט אויף דער אידישער גאַס שטאַמט פון אַ שפּעטערדיקער דאַטע. זי איז איינע פון די ווייניקע שטעטלעך אין רוסיש־פּוילן וואו די השכלה־באַוועגונג איז אַריינגעדרונגען, פאַרהעלטניסמעסיק, גאַנץ פרי; און איז איינע פון די זעלטענע שטעטלעך, וואָס איז גאַנץ פרי געוואָרן אַ פעסטונג, צוערשט פון חובבי ציון און שפּעטער — פון פּאָליטישן ציוניזם.

אין דיביידע באַוועגונגען, סיי אין דער השכלה און סיי אין ציוניזם, זיינען די אידיש־פּוילישע שטעטלעך געווען אַ היפּש ביסל אָפּגעשטאַנען. די חסידישע רביים האָבן גאַנץ שטאַרק מקפּיד געווען, אַז קיין שיין פון פּראָגרעס זאָל נישט דערגרייכן צו זייערע נאָכ־פאָלגער. די אידיש־פּוילישע שטעטלעך זיינען אין דער הינזיכט געווען ווייט הינטערשטעליק פון די שטעטלעך אין ליטע, און אַפילו פון די אידישע שטעטלעך אין גאַליציע. אַן אויסנאַם האָט געבילדעט פּלאָנסק, וועלכע איז געווען ווייט פאַרגעשריטענער פון די אַרומיקע אידישע שטעטלעך.

דעם נאָמען אירן פּלאָנסק האָט זי גענומען פון דעם טייכל

פלאָנאַ, וואָס פליסט אויף איר שטח. אַדמיניסטראַטיוו האָט פּלאָנסק אַמאָל געהערט צו פּלאָצקער גובערניע און אַמאָל — צו וואַרשעווער. גאָר אין די אַלטע צייטן, אין דער תקופה פון פּוילן פאַר דער ערשטער צעטיילונג, האָט זי געהערט צו דער פּלאָצקער וואָיע־וואָדשאַפט. די אידן אַלס שטייער־צאָלער אין פּלאָנסק ווערן צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין יאָר 1569. אין די פּריווילעגיעס וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אין יאָר 1612, דורך דעם פּוילישן קעניג זיגמונד, איז די אידן דאָרט פאַרבאָטן געוואָרן אָנצוהאַלטן מערק אין די חגאות־טעג. דער ערשטער אידן־פּאָגראָם אין שטעטל איז פאָרגעקומען אין יאָר 1656, און די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען געווען די פּוילישע סאָלדאַטן פון דער טשאַרנעצקי אַרמיי. אויף דעם געביט האָבן די שפּעטערדיקע פּוילישע סאָלדאַטן, פון אונזער עפּאָכע, פון גענעראַל האַלער׳ס אַרמיי און אַנדערע, אויסגעאיבט נישט מער ווי אַן אַלטע „טראַדיציע"...

אַנדערע וויכטיקע דאַטן אין דער אַלטער געשיכטע פון פּלאָנסק זיינען: אין יאָר 1670 האָט דער פּוילישער קעניג מיכאַאיל ווישנעוועצקי באַנייט די אַמאָליקע פּריווילעגיעס, וועלכע זיינען צוגענומען געוואָרן פון די פּלאָנסקער אידן. ער האָט זיי צוריק ערלויבט צו בויען הייזער, צו ברויען ביר און מעד, צו באַשעפטיקן זיך מיט טרייבן בראָנפן און האַלטן שענקען, פירן יעדן סאָרט האַנדל, בויען אַ שול און אויך איינאָרדענען אַ בית־החיים. די דאָזיקע פּריווילעגיעס האָבן אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. די מעשטשאַנעס פון שטעטל איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס די אידן האָבן באַקומען אַזוי פיל רעכט, און זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף דעם ביים קעניג יאַן דעם דריטן. אין יאָר 1677 האָט יאַן ביי די אידן צוגענומען דאָס רעכט אויסצואַרבעטן אַלקאָהאָל־געטראַנקען און אויך פאַרבאָטן אָנצופירן גרויס־האַנדל. די דאָזיקע פאַראָרדענונג פון קעניג איז שפּעטער אויך באַשטעטיקט געוואָרן פון זיינע נאָכפאָלגער אויפן פּוילישן

טראָן. אין יאָר 1765, עטלעכע יאָר פאַר פוילנס צעטיילונג האָט פלאָנסק מיט איר סביבה געציילט 455 אידן.

מיר האָבן דאָ אַביסל דערציילט פון דער אַלטער געשיכטע, ווייל זי גיט דעם עכט־פוילישן הינטערגרונט צו דער אידישער לאַגע אין יענעם לאַנד.

אָט אין דער דאָזיקער אַלטער פוילישער שטעטל פלאָנסק מיט אירע אַלטע טראַדיציעס איז י״ז תשרי תרמ״ז, דעם 16טן אָקטאָבער 1886, ביי אביגדור און שיינדל גרין, געבוירן געוואָרן אַ זון, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן דוד יוסף — ער איז דער היינטיקער פרעמיער פון ישראל דוד בן־גוריון.

ביים איבערגאַנג פון אונזער יאָרהונדערט, אין די צאַרישע צייטן, איז פלאָנסק געווען אַ אויעזדנע שטאָט אין וואַרשעווער גובערניע. טראָץ דעם וואָס פלאָנסק איז געווען אַ אויעזדנע שטעטל, מיט אַדמי־ניסטראַטיווע באַאַמטע, האָט אָבער די צאַרישע מאַכט פאַר איר נישט געזאָרגט, אַז זי זאָל האָבן נעבן זיך אייזנבאַן. די קאָמוניקאַציע מיט וואַרשע, מיט דער מעטראָפּאָליע, איז געווען מיטן אַקס. און געפאָרן איז מען איבער נאָווי־דוואָר. בערך אַ דריי שעה ביז נאָווי־דוואָר און אַזוי פיל בערך פון נאָווי־דוואָר קיין וואַרשע. אומגעפער אַזאַ שטח איז אויך געווען פון פלאָנסק קיין פלאָצק. דאָס זיינען געווען די נאָענטסטע צוויי גרויסע שטעט, וואוהין סוחרים זיינען געפאָרן האַנד־לען, וואוהין קראַנקע זיינען געפאָרן זיך קורירן, און וואוהין די שטעטלדיקע יוגנט איז געפאָרן זיך בילדן קיין וואַרשע מער ווי קיין פלאָצק.

צו יענער צייט האָט פלאָנסק פאַרמאָגט אַרום 8—10 טויזנט איינוואוינער פון וועלכע אַרום 7 טויזנט זיינען געווען אידן. און איר אידישע באַפעלקערונג איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע. אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע שטעטלעך איז פלאָנסק געווען צו יענער צייט אַ פאַרמעגלעכע שטעטל. זי האָט אויך געהאַט רייכע אידן: רייכע וואַלד־סוחרים, רייכע תבואה־סוחרים, רייכע וואָל־סוחרים.

און זי האָט אויך פאַרמאָגט טשעקאַווע אידישע טיפּן. קורץ געקליי־דעטע אידן, אידן משכילים, אידן איבערגעגעבענע ציוניסטן. אין אונטערשייד פון אַנדערע אידיש־פּוילישע שטעטלעך פון יענער צייט, וועלכע האָבן פאַרמאָגט נאָר חסידים, נאָר שטיבלעך־אידן, האָט שוין פּלאָנסק דאַן געהאַט אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל מתנגד׳ישע אידן, אידן, וועלכע האָבן ניט געהאַלטן פון רביים, און זיי אַפילו באַקעמפט. אַזעלכע אידן, מתנגדים, זיינען אויך געווען ר׳ אביגדור גרין און ר׳ צבי אריה גרין — דער פאָטער און דער זיידע פון בן־גוריון.

אין די שריפטן פון באַרימטן העברעאישן שריפטשטעלער דוד פרישמאַן (1860—1922) געפינט זיך ערגעץ די פאָלגנדע באַמער־קונג: „את השכלתי שאפתי ממשכילי פולין, אשר כידוע מפלונסק יצאו למלוך״ — מיין השכלה האָב איך געשעפּט פון די פּוילישע משכילים, וועלכע זיינען, ווי באַוואוסט, אַרויס צו געוועלטיקן פון פּלאָנסק. און דאָס איז אַ שיינער „אַטעסטאַט״ פאַר דער דאָזיקער אידישער שטעטל!

אין דער צייט וואָס פרישמאַן האָט אַרויסגעשטעלט אַזוי פיין די פּלאָנסקער משכילים, האָט אין שטעטל עקזיסטירט אַ חברה, וואָס איז געווען אייגנאַרטיק אין יענער צייט אויף דער אידישער גאַס. די חברה האָט געהייסן „כל הקהל״ און איר ציל איז געווען: צו גיין אין פאָלק, צו בילדן די פּשוטע אידישע מאַסע, די שניידער, שוסטער, בעלי העגלה און אַנדערע, וועלכע איז פאַרגרעבט און ווייסט נישט וואָס עס גייט אָן אויף דער וועלט; צו בילדן די פּשוטע מאַסע אין לייענען און שרייבן, אין רעכענען און געשיכטע. די אידייע פון „כל הקהל״ איז געווען נישט גאָר קיין אָריגינעלע. אין רוסלאַנד איז דאַן אָנגעגאַנגען די באַוועגונג פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, וועלכע האָט געשטרעבט צו בילדן דעם פּשוטן רוסישן מענטשן. צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך מיט פאַרנומען, האָבן זיך דאַן אויך געפונען אַ היפּשע צאָל אידן. די אייגנאַרטיקייט פון „כל

הקהל״ איז געווען: צו גיין אין דעם אידישן פאָלק, צו בילדן די אידישע מאַסע.

די גרופּע משכילים אין פּלאָנסק איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דעם דעמאָלטדיקן העברעאישן חודש־זשורנאַל „השחר״ און זיין רעדאַקטאָר פּרץ בן משה סמאָלענסקי (1840—1855), וועלכער האָט פון איין זייט באַקעמפט די אַסימילאַציע, די „בערלינער השכלה״, און פון דער צווייטער זייט — געווירקט אין דער ריכטונג פון אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. עס איז שווער היינט צו זאָגן, וואָס עס האָט דאַן געמיינט אין פּלאָנסק „גיין אין פאָלק״. די מיטגלידער פלעגן זיך פון צייט צו צייט פאַרזאַמלען ביי איינעם אָדער אַן אַנדערן פון די חברים, לייענען השכלה־ליטעראַטור און דיסקוטירן די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען דאַן געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדנונג אין דער אידישער וועלט.

טראָץ דעם, וואָס פּלאָנסק האָט דאַן פאַרהעלטניסמעסיק פאַרמאָגט אַ סך משכילים, איז דאָך די חברה שטאַרק באַקעמפט געוואָרן דורך די חסידישע און פאַנאַטישע עלעמענטן. זי איז אויך געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַר פאַרשיידענע ליצנות. פון „כל הקהל״ איז געוואָרן „קאַלאַקאַטקעס״ — אַ צונאָמען פאַר די מיטגלידער פון דער דאָזיקער חברה. און דער דאָזיקער צונאָמען האָט אָנגעהאַלטן אין פּלאָנסק צענדליקער יאָרן.

מיט אַ דור שפּעטער האָבן די קינדער פון די דאָזיקע „קאַלאַקאַטקעס״ געגרינדעט דעם יוגנט־פאַראיין „עזרא״, וועלכער האָט אין זיין פּראָגראַם געהאַט אַ סך פון די אויפגאַבן פון „כל הקהל״, און וועלכער האָט אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער אידישער יוגנט אין פּלאָנסק. איינער פון די גרינדער פון „עזרא״, און פאַר אַ פּאָר יאָר זיין סעקרעטאַר, איז געווען דוד יוסף גרין, דער שפּעטערדיקער בן־גוריון.

זיין איינגעוואָרצלטקייט אין אידישן גייסטיקן שאַפן, זיין קנאות

פאַר דעם העברעאישן וואָרט, זיין ליבשאַפט צו דער העברעאישער קולטור און ליטעראַטור — איז אים געקומען מיט זיין מוטער׳ס מילך; ער האָט עס גע׳ירש׳נט פון זיין זיידן און פאָטער; ער האָט דאָס איינגעזאַפּט אין זיך אין דער סביבה, וואו ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע שריט, און האָט דאָס שפּעטער געפּלעגט זיינע אַלע יאָרן. צו עלטערן — אַזוי ווי צו קינדער — דאַרף מען אויך האָבן גליק. בן־גוריון איז אין דער הינזיכט געווען אַ גליקלעכער מענטש! און די דערמאָנטע גייסטיקע ירושה האָט ער באַקומען נישט מיטן בייטש, ווי עס האָבן אַמאָל אידישע עלטערן געפּרואווט צו טאָן, נאָר דורך ליבע, דורך צערטלעכקייט.

ווען ר׳ צבי אריה גרין, זיין זיידע, איז געשטאָרבן, אין יאָר תרנ״ד, איז דוד יוסף געווען אַ קינד פון 7 יאָר, און ער איז געווען דער יונגסטער אין דער משפּחה פון די אייניקלעך. דאָך געדענקט ער אים נאָך זייער גוט. אין אַ בריוו אַהיים גלייך נאָך זיין פאָטער׳ס טויט, אין מאַי 1942, ווען בן־גוריון זייענדיק אין ניו־יאָרק האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם דאָזיקן פאַרלוסט, שרייבט ער, אין זיין בריוו אַהיים, צווישן אַנדערע אויך עטלעכע שורות וועגן זיין זיידן:

— „פון זיין פאָטער צבי אריה, וועלעכער איז געשטאָרבן ווען איך בין אַלט געווען 7 יאָר, אַ משכיל און אַ פרומער, וועלכער האָט זיך ערצויגן אויפן „דעסויער״ (משה מענדעלסאָן) — האָט מיין פאָטער גע׳ירש׳נט זיין ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. איך געדענק נישט צי דער זיידע איז אין זיין צייט געווען אַ חובב ציון. איך געדענק אָבער זיין גרויסע ליבשאַפט צו דער העברעאישער שפּראַך. איך געדענק ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד, כמעט אַן עופה׳לע, פלעגט ער מיר האַלטן אויף זיינע קני און מיט מיר איינ׳חזר׳ן העברעאישע ווערטער און כללים פון דקדוק. איך געדענק אָבער נישט צי איך האָב פון אים געהערט עפּעס וועגן ארץ ישראל, וועגן חיבת ציון״.

אַן אויספירלעכערן בילד פון זיידן, פון ר׳ צבי אריה, גיט

זיין זון ר׳ אביגדור גרין, בן־גוריונ׳ס פאָטער. אויף די עלטערע יאָרן האָט ר׳ אביגדור גרין ביי זיך אין אַ העפטל פאַרצייכנט:

— „מיין פאָטער און לערער ר׳ צבי אריה גרין זכרונו לברכה, איז געווען אַ גרויסער למדן און אויך אַ משכיל. ער האָט געקאָנט גרינטלעך דריי שפּראַכן: העברעאיש, פּויליש און דייטש. ער איז געווען אַ פאַרערער פון שפּינאָזאַ און געהאַלטן פון זיין פילאָזאָפישער שיטה. ער האָט זיך געפירט ווי אַ פרומער איד און אָפּגעהיט אַלע מצוות, די לייכטערע אַזוי ווי די האַרבערע, ערב תשעה באב פלעגט ער זיצן אויף דער ערד און עסן בייגל מיט אַש. הושענא־רבה־נאַכט פלעגט ער זיצן אין סוכה, אין אַ פוטער אויב ס׳איז געווען קאַלט, און פלעגט זאָגן „תיקון״. נאָר פון צוויי מנהגים האָט ער נישט געהאַלטן: פון כפּרות שלאָגן ערב יום כפור און פון גיין צום „תשליך״ ראש השנה. ער איז אויך געווען אַ גרויסער קעגנער פון חסידות און האָט פיינט געהאַט רביים״.

ווייטער שרייבט ר׳ אביגדור:

— „דער פאָטער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ „שמח בחלקו״, אַ צופרידענער מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט. ער האָט געהאַט אַ ידיעה אין די פילאָזאָפישע שיטות, אָנהויבנדיק פון סאָקראַטעס ביז קאַנט׳ן; און אין די ביכער פון די אידישע פילאָזאָפן פון רמב״ם ביז ר׳ נחמן קראָכמאַל איז ער געווען קלאָר. ער איז געווען אַ שטענ־דיקער אַבאָנענט אויפן „השחר״ און אַ פאַרערער פון זיין רעדאַקטאָר סמאָלענסקי׳ן. ער האָט אויך ליב געהאַט מענדעלסאָנ׳ען״.

ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָט ר׳ אביגדור גרין זיך אויס־געדריקט, אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אין אַלגעמיינע קענטענישן און אין שפּראַכן, האָט ער עס פון זיין פאָטער געלערנט. פון באַרוף איז ר׳ צבי אריה געווען אַ לערער. ווען ער איז אַלט געווען 30 יאָר איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס לערער אין דער רייכער משפּחה פון הרב פאָזנער אין דאָרף קוכארי, ביי פּלאָנסק. די משפּחה פון הרב פאָזנער איז דאַן געווען גוט באַקאַנט אין גאַנצן געגנט אַרום

פלאָנסק, און זיין דאָרט אַ לערער און דערציער פון יונגן דור, איז געווען נישט קיין קליניקייט. די משפחה האָט אויך אַרויסגעגעבן באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, און אַן איניקל פון יענעם הרב פּאָזנער איז געווען דער שפּעטער באַרימטער פּ.־פּ.־ס.־אָוויעץ סאָלאָמאָן פּאָז־נער, באַקאַנטער פּוילישער סאָציאַליסט, וועלכער איז אויף דער עלטער געווילט געוואָרן אין סענאַט פון באַניטן פּוילן.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ר׳ צבי אריה גרין געלעבט מיט זיין זון ר׳ אביגדור, וואו ער פלעגט די אייניקלעך לערנען העברעאיש. ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ פאַר־העלטניסמעסיק גרויסע ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון ביכער אין פינף שפּראַכן.

דאָס איז וואָס מיר וויסן פון בן־גוריונ׳ס זיידן, פון פאָטערס צד. אין די דאָזיקע פּרטים פון ר׳ צבי אריה גרינ׳ס לעבן זעען מיר פאַר זיך אַ גלענצנדע געשטאַלט, אַ פאַלענדעטע, אַ גאַנצע, און מערק־ווירדיק: זיין זון אביגדור — געבוירן געוואָרן כ״ט טבת תרט״ז — איז גייסטיק געשטאַנען זייער נאָענט צו אים. טראָץ דעם וואָס ער איז געבוירן מיט אַ דור שפּעטער, און באַזיצנדיק אַ באַרוף, אַדוואָקאַטור, וואָס האָט אים געבראַכט אין נאָענטע באַציאונגען מיט דער אויסע־רער, נישט־אידישער וועלט — האָט ער דאָך מיטביידע פיס גע־שטעקט אין בית מדרש און אין דעם אַלטן אידישן טראַדיציאָנעלן לעבן. און פון אים, פון פאָטער, האָט ר׳ אביגדור גע׳ירש׳נט זיין ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור, די ליבע, וועלכע ער האָט נאָכהער איבערגעפּלאַנצט אין זיין זון דוד יוסף.

אין יענער צייט האָט פּלאָנסק פאַרמאָגט אַ גרויסע אַלטע שול, איינע פון די באַרימטסטע אין פּוילן, דריי בתי־מדרשים און עטלעכע חסידים־שטיבלעך. איינער פון די בתי מדרשים האָט געטראָגן דעם נאָמען „נייער״, אָדער, ווי ער האָט זיך אויך גערופן: יצחק כהנ׳ס בית מדרש, אויפן נאָמען פון זיין גרינדער, וועלכער האָט דעם בית מדרש געבויט. דער נייער בית מדרש איז אין פאַרלויף פון אַ סך

יאָרן געווען דער צענטער פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פלאָנסק. דאָרט האָבן געדאַוונט די משכילים, די חובבי ציון׳ניקער און שפּעטער — די ציוניסטן. צווישן די חשוב׳ע בעלי בתים זיינען דאָרט געווען די באַקאַנטע ציוניסטן: אביגדור גרין, זיין פריינט, מרדכי יאשפע און אַנדערע. אין נייעם בית מדרש פלעגן אָנקומען אַלע אידישע נייעס, אַלע ציוניסטישע געשעענישן, און דאָרט פלעגן זיי אויך דיסקוטירט ווערן. אין נייעם בית מדרש האָט מען שוין נישט מקפיד געווען אויף דער קליידונג פון די מתפללים, און אַ היפּשע צאָל איז שוין דאָרט געווען קורץ געקליידט, און צווישן די לעצטע איז אויך געווען אביגדור גרין. און מיר דאַרפן נישט פאַר־געסן, אַז אביגדור גרין איז געווען אַ מתנגד — אַזוי ווי זיין פאָטער.

אביגדור גרין האָט געהאַט אַ זעלטענע פּראָפעסיע פאַר יענער צייט — ער איז געווען איינער פון די צוויי אידישע אַדוואָקאַטן אין שטאָט. ער איז נישט געווען קיין געענדיקטער יוריסט, ווי דאָס געזעץ האָט געפאָדערט פון אַ פולבאַרעכטיקטן אַדוואָקאַט, נאָר אַ „טשאַסטני פּאָווערעני״ אָדער ווי מען האָט אַזאַ איינעם גערופן אין פּויליש: „פּאָקאָנטני דאָראַדצאַ״. אַזאַ אַדוואָקאַט אין זאַמאָשטש, אין אַן אַנדער שטאָט אין רוסיש־פּוילן, און כמעט צו דער זעלבער צייט, איז געווען דער באַרימטער שריפטשטעלער י. ל. פּרץ (1852—1915). אין יאָר 1878 האָט אביגדור גרין באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג דאָס רעכט אויפצוטרעטן אין די נידעריקע געריכטן. די דאָזיקע רעכט האָט ביי אים שפּעטער צוגענומען די פּוילישע רע־גירונג אין יאָר 1920, ווען פלאָנסק איז געוואָרן אַ טייל פון דער באַ־פרייטער פּוילן. טראָץ דעם, וואָס ער איז נישט געווען קיין געענדיקטער יוריסט, און האָט אין אוניווערסיטעטן נישט שטודירט, האָט ער דאָך גוט געקאָנט די געזעצן פון לאַנד, און האָט אויך גוט געקאָנט באַ־גרינדן אַ ביטע צום געריכט.

אין פלאָנסק איז אביגדור גרין געווען געאַכטעט און באַליבט נישט נאָר צווישן אידן, נאָר אויך צווישן דער נישט־אידישער באַ־

פעלקערונג. ער איז געווען נישט להוט נאָך האָנאָראַר, נאָך די פּאָר רובל, ווען ער האָט עמעצן פאַרטיידיקט אין געריכט, אָדער האָט פּאָר וועמען אָנגעשריבן אַ „פּראָשעניע". און נישט נאָר לגבי אידן האָט ער אַזוי געהאַנדלט, נאָר אויך לגבי נישט־אידן. ער איז געווען אַ גוטער פון דער נאַטור, און מענטשלעכע ליידן, אָדער אָרעמקייט, האָבן אים זייער גערירט. זיין הויז איז געווען אָפן פאַר אַלעמען, וועלכע זיינען צו אים געקומען בעטן אַן עצה אָדער הילף. און נישט נאָר אַדוואָקאַטישע עצות אָדער אַדוואָקאַטישע הילף — נאָר אויך מאַטעריעלע. אויב ער האָט אַליין נישט געקענט געבן גענוג, וויפל מ׳האָט געדאַרפט, האָט ער אַנדערע געמאַכט געבן.

אין באַצוג צו זיך — איז ער געווען פּעדאַנטיש. ער איז געווען אַ מקפיד אויף זיינע קליידער, זיי האָבן אַלע מאָל אויסגעזען נעט און שיין. קיין פלעק האָט זיך אויף זיי נישט געפונען. אַ וואָרט — איז געווען אַ וואָרט; צייט — איז געווען צייט. געוויינלעך זיינען אַזעלכע מענטשן שטייפע, טרוקענע. נישט אַזוי אביגדור גרין. ער איז געווען אַ נוח לבריות, גוטמוטיק. און אַזוי איז ער אויך געווען ביי זיך אין דער היים, אין באַצוג צו די קינדער.

ער איז געווען דער ציוניסטישער פירער אין שטאָט, וועלכער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט די לייצעס פון דער גאַנצער באַ־וועגונג, אויף וויפל זי האָט דאַן עקזיסטירט. גאָרנישט איז געטאָן געוואָרן אָן זיין וויסן, אָן זיין הילף. שמחה אייזיק, אַ חסיד, אַ זעל־טענער טיפּ ציוניסט פאַר יענער צייט, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ארץ ישראל, אין כפר סבא, איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער אידעאָלאָגישער פירער, און אביגדור גרין — דער פּראַקטישער. און נישט נאָר אויפן ציוניסטישן געביט אַליין איז ער געווען טעטיק, נאָר האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט אַנדערע קהל׳שע זאַכן. ער איז, צום ביישפּיל, געווען דער גרינדער פון דער ערשטער ליי און שפּאָר קאַסע, פון דער ערשטער באַנק אין שטאָט, געווען אין פאַר־

לויף פון יאָרן אין איר פאַרוואַלטונג, און האָט אויך אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון בוכהאַלטער.

ער איז געווען פון די גרינדער פון ערשטן „חדר מתוקן" אין פּלאָנסק, אויך אַ געוואָגטע אונטערנעמונג צו יענער צייט, און האָט אַראָפּגעבראַכט דעם דיכטער בנימין יעקב קאַצענעלסאָן (פאָטער פון באַרימטן העברעאיש־אידישן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכן די נאַציס האָבן אומגעבראַכט) כדי אָנצופירן מיט דעם דאָזיקן מאָדערנעם חדר.

און פּלאָנסק, ווי אַלע שטעט און שטעטלעך פון יענער צייט, האָט אויך פאַרמאָגט קנאים, פאַרביסענע אַנטי־ציוניסטן, וועלכע האָבן נישט געשוינט דעם כבוד פון איבערגעגעבענעם עסקן אביגדור גרין און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָבן זיי אים גע׳מסר׳ט פאַר דער רוסישער „נאַטשאַלסטוואָ", וועלכע האָט בכלל געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף זיין שטוב. אַזוי אַרום האָט מען אים גע׳מסר׳ט, אַז ער זאַמלט געלט פאַר ציוניזם, אַ זאַך וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אין צאַרישן רוסלאַנד. פּאָליציי איז געקומען צו אים אַ היים און געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע, וועלכע האָט געדויערט זעקס שעה. זיי האָבן ממש איבערגעקערט די שטוב. און זיי האָבן אויך געפונען וואָס זיי האָבן געזוכט: שקלים און אַנדערע ציוניסטישע דאָקומענטן. אביגדור גרין האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסדרייען פון דער צרה און אויסזוכן תרוצים פאַר דער פּאָליציי... פאַרקערט, ער האָט מיט שטאָלץ דערקלערט:

— איך בין אַ ציוניסט און איך שטיי אויפן באַזעלער פּראָגראַם, וועלכער שטרעבט צו שאַפן אין ארץ ישראל אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים מיט דער צושטימונג פון די אייראָפּעאישע מלוכות.

אַ צווייטן מאָל האָט מען אים גע׳מסר׳ט ווען ער האָט געעפנט דעם „חדר מתוקן" אָן דער ערלויבעניש פון דער מאַכט. פאַר דער דאָזיקער עברה איז ער פאַראורטיילט געוואָרן, צוזאַמען מיטן לערער קאַצענעלסאָן, צו באַצאָלן אַ געלט־שטראָף.

מסירה איז געווען איינע פון די סטראַטעגישע מיטלען, וואָס די גער׳ער חסידים אין שטאָט האָבן דאַן אָנגעווענדעט אין זייער קאַמף קעגן ציוניזם.

אביגדור גרין איז געווען אַ זעלטענער שטאָלצער איד, אידיש־נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניק, און אַ ברעקל מינדערוועריקייטס קאָמפּ־לעקס. און אַ פּגימה אויף דער אידישער נשמה איז דאַן לייכט געווען צו באַקומען. אַלס אַדוואָקאַט האָט אים זיין באַרוף געצוואונגען צו פאַרקערן מיט דער רוסישער אַנטי־סעמיטישער „נאַטשאַלסטוואָ״, וועלכע האָט אין איר אומוויסנהייט זיך באַצויגן נאָר מיט שפּאָט צו אידן; אַלס משכיל בן משכיל איז ער דורכגעגאַנגען די דעמאָלטדיקע אַסימילאַטאָרישע טענדענץ אין אידישן לעבן; אַלס געבילדעטער מענטש, לויט די דעמאָלטדיקע באַגריפן, מיט גוטע קענטענישן אין פּויליש און רוסיש, וואָס האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אויך געשריבן אַרטיקלען אין „גוי׳אישע״ צייטונגען — דאָס אַלץ האָט געקאָנט ווירקן, כדי אָפּצוזייגן פון דרך הישר. זיי האָבן אָבער אויף אביגדור גרין נישט געווירקט.

וועגן בן־גוריונ׳ס מוטער, שיינדעלע, ווייסן מיר, לײדער, זייער ווייניק. מיר ווייסן נאָר, אַז זי איז געווען אַ קרובה פון איר מאַן, אביגדור, אַ טאָכטער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. איר פאָטער, דוד יוסף פרידמאַן, וועמענס נאָמען עס טראָגט דער ערשטער פּרעמיער פון ישראל, איז געווען אַ רייכער גיט־באַזיצער, און האָט געשטאַמט פון זייער אַ יחוס׳דיקער פאַמיליע. די משפּחה האָט זיך מתיחס גע־ווען צו שאול וואהל, וועלכער איז געווען — ווי די לעגענדע שרייבט אים צו — אויף איין טאָג קעניג פון פּוילן.

שיינדל האָט זיך ערצויגן אין אַ הויז פון גרויסער שפע, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין יענע צייטן אין די הייזער פון אידישע רייכע גוט־באַזיצער. זי איז געווען פון בידעריקן וואוקס מיט בולט׳ע געזיכטס־שטריכן. אַלס מענטש האָט זי פאַרמאָגט זייער גרויסע מעלות: איידל, פיינפילנד מיט אַ וואַרעם האַרץ פאַר מענטש־

לעכעליידן. זי איז געוועזן די גוטסקייט אַליין. איר הויז אין פּלאָנסק איז שטענדיק געוועזן פול מיט נויטליידנדע, וועלכע זיינען ביי איר געקומען בעטן הילף. נישט אומזיסט האָט איר די שטעטל אַ נאָמען געגעבן „שיינדל די צידקנית".

דוד יוסף איז געוועזן שטאַרק צוגעבונדן צו זיין מוטער, און די מוטער האָט דעם קליינעם דוד'ל פאַרגעטערט. פון איר איז באַקאַנט דער פאָלגנדער אויסדרוק:

— „אַז איך האָב אַ זון אברהמ'לע, וועלכער וועט זיין אַ גרויסער למדן און אַ פרומער איד — דאָס ווייסט די גאַנצע שטאָט. אַז עס וואַקסט ביי מיר אַ זון דוד'ל — וועגן דעם וועט וויסן די גאַנצע וועלט".

אברהם גרין איז שפּעטער געוואָרן דער גרינדער פון מזרחי אין פּלאָנסק. און וועגן איר זון דוד'ל — ווייס טאַקע איצט די גאַנצע וועלט!

שיינדל האָט געבוירן עלף קינדער, זין און טעכטער פון וועלכע זעקס זיינען געשטאָרבן. דוד יוסף איז געוועזן דער פערטער צווישן די קינדער, וועלכע זיינען געבליבן לעבן. מיטן געבורט פון לעצטן קינד, דעם עלפטן, איז די מוטער אַליין געשטאָרבן. דוד איז דאַן אַלט געוועזן עלף יאָר, און דער טויט פון זיין מוטער האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. איר געשטאַלט האָט ער מיט זיך שטענדיק געטראָגן מיט ליבשאַפט, און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער באַזוכן איר קבר, אַפילו דאַן ווען ער איז גרויס געוואָרן. שטענדיק ווען ער פלעגט קומען פון דער פרעמד, פון וואַרשע און אַפילו פון ארץ ישראל, איז זיין ערשטער באַזוך געוועזן אויף דעם קבר פון דער מוטער.

מיטן אַנטשטיין פון דער באַנייטער פּוילישער מלוכה האָט די פּוילישע רעגירונג, ווי מיר האָבן דערמאָנט, אין יאָר 1920, צוגע־נומען ביי ר' אביגדור גרין זיין רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט, וואָס ער האָט באַקומען פון דער רוסישער מאַכט אין יאָר 1878. אין

פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר האָט ער נאָך דעם אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער אידישער קהילה אין פּלאָנסק, און אין יאָר 1925 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו ער האָט נאָך געלעבט 17 יאָר. דעם 13טן מאַי 1942, אין עלטער פון 86 יאָר, איז ער דאָרט געשטאָרבן. ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן איז זיין באַ־ליבטער זון, דוד, געווען ווייט פון אים. בן־גוריון איז דאַן געווען אין ניו־יאָרק, וואו ס'איז פאָרגעקומען די וויכטיקע ציוניסטישע קאָנפע־רענץ, וועלכע האָט אָנגענומען דעם באַרימטן „בילטמאָר פּראָגראַם„ און וואו ער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

אויף דער הייסער מינוט, באַקומענדיק די טרויעריקע ידיעה וועגן פאָטער'ס טויט, האָט זיך בן־גוריון אַוועקגעזעצט און אָנגע־שריבן אַ בריוו אַהיים. אָט דער דאָזיקער בריוו איז דער בעסטער דאָקומענט צו דער געשיכטע פון זיין אייגענער יוגנט. גלייכצייטיק פילן מיר פון בריוו אַרויס די וואַרעמקייט, וואָס דער זון האָט די אַלע יאָרן געפלעגט צו זיין איבערגעגעבענעם פאָטער, וועלכער איז אים יאָרן לאַנג געווען פאָטער און מוטער צוזאַמען. ער שרייבט:

— „היינט ביי נאַכט האָב איך באַקומען די מיטטיילונג, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן. ווייט אין איינזאַמקייט, נישט שטייענדיק ביי זיין בעט אין די לעצטע מינוטן, נישט זעענדיק אים פאַר זיין אַוועק־גיין. און ווען איך וועל קומען אַהיים וועל איך אים מער נישט געפינען. איך ווייס ווי שטאַרק ער האָט מיך געוואָלט זעען יעדן טאָג, און איך ווייס ווי ער האָט געגאַרט מיך צו זען, פילנדיק, אַז עס רוקן זיך אָן די לעצטע טעג. און אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד!

— „ווייל פון מיין עלפטן לעבנס יאָר און ווייטער, ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן, איז ער מיר געווען גלייכצייטיק אַ פאָטער און אַ מוטער. אַ סך, אַ סך האָט ער מיר געגעבן — און געגעבן מיט אַ סך ליבשאַפט. און מיר האָבן אַ סך געמיינזאַמעס געהאַט, טראָץ דעם, וואָס איך בין געווען פון אַן אַנדער דור, און אַנדערש פון אים אין אַ סך זאַכן. פון אים האָב איך באַקומען מיין ליבע צום

אידישן פאָלק, צו ארץ ישראל און צו העברעאיש. אין אונזער קליינעם הויז אין פלאָנסק, עק שטאָט, נאָענט צום פאַרוואַרלאָזטן פעלד, נאָענט צום גאָרטן פון פוילישן גלח, פלעגן זיך פאַרזאַמלען, ווען איך בין געווען אַ קינד, די חובבי ציון׳יקעס פון שטאָט, און מיטן אַנטשטיין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך ד״ר הערצל — איז אונזער הויז אויך געוואָרן דער זאַמלפונקט פון די ציוניסטן אין שטאָט. ווען איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען די פאַרהאַנדלונגען און דיסקוסיעס — האָב איך שוין איינגעזאַפּט אין זיך די ציון־האָפענונגען, וועלכע האָבן אָנגעפילט דעם חלל פון אונזער הויז אין די וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אין די טעגלעכע באַגעגענישן פון די הויפּט־עסקנים: שמחה אייזיק, יאָשפע, דער שוחט און אַנדערע, פון וועלכע דער פאָטער איז געווען דער אָנפירער. זיין פרייע צייט פון זיין באַרוף אַלס אַדוואָקאַט, האָט ער אָוועקגעגעבן דער חיבת ציון באַוועגונג, דעם ציוניזם און די שטאָטישע באַדערפעניש״.

נאָכדעם ווי ער שרייבט עטלעכע שורות וועגן פאָטערס פאָטער, וועגן ר׳ צבי אַריה גרין — וואָס מיר האָבן ציטירט פריער אין דעם אַרטיקל — זעצט ער פאָר דעם בריוו: — „וועגן פאָטער אָבער געדענק איך פון מיין פריסטער יוגנט ווי ער פלעגט זיך באַשעפטיקן מיט ארץ ישראל. דאָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון. איך געדענק זיינע דרשות אין נייעם בית מדרש, אין וועלכן ער האָט געדאַוונט צוזאַמען מיט זיין חבר יאָשפע — אויך איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט. איך געדענק זיין אייפעריקן לייענען דעם „המליץ״ און „הצפירה״, וועלכע זיינען אָנגעקומען צו אונז אַהיים. איך געדענק די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די חובבי ציון און ציוניסטן אויף וועלכע שמחה אייזיק איז געווען דער הויפּט־רעדנער״.

דער בריוו איז אַ פיינע עלעגיע פון אַ זון אויפן טויט פון זיין פאָטער, וועלכן ער האָט ליב געהאַט, וועלכן ער האָט געאַכטעט און צו וועלכן ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן.

ד ר י ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

פּלאָנסק און די ערשטע קינדער יאָרן

דאָס צוויי שטאָקיק הויז אין קאָזשע געסל, עק שטאָט — איינע פון די צוויי הייזער אין הויף, פון איין זייט — אַ שטיק פאַרוואָרלאָזט פעלד, פון דער צווייטער זייט — דער גאָרטן פון פוילישן גלח, האָט אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, כל זמן ר׳ אביגדור גרין האָט דאָרט געוואוינט, געדינט דער אידישער פּלאָנסק אַלס צענטער פאַר יעדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, סיי אין פּאָליטישן און סיי אין פילאַנטראָפּישן זין, סיי אין לאָקאַלן און סיי אין נאַציאָנאַלן זין; און האָט אויך געדינט אַלס אידישער אַדרעס פאַר דער גאַנצער אומגעבונג.

צו די גבירים אין שטאָט האָט מען ר׳ אַביגדור גרין נישט געקאָנט צורעכענען. ער האָט נישט געהאַנדלט, נישט געפירט קיין מסחר ביי וואָס מ׳קאָן רייך ווערן. ער האָט אָבער פאַרדינט גענוג פון זיין פּראָפעסיע, פון זיין אַדוואָקאַטור, כדי צו קאָנען פירן אַ ברייט הויז, אַ פיין לעבן, אַן אָפן הויז פאַר אַלעמען. אין פאַרלויף פון גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט די טיר פון הויז נישט גערוט. מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען, אידן און נישט־אידן. ווער ס׳האָט געהאַט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט דאָרט געפונען אַן אויער, וואָס זאָל אים אויסהערן. ס׳זיינען געקומען מענטשן ווער נאָך הילף פאַר זיך אַליין און ווער — פאַר אַ צווייטן. אוןביידע, סיי ר׳ אביגדור און סיי זיין פרוי שיינדל — ווען זי האָט געלעבט, —

האָבן געגעבן, האָבן אויסגעהערט, האָבן געטרייסט, האָבן גע׳עצה׳ט; האָבן יעדן געהאָלפן אויף אַן אַנדער שטייגער.

אַן אַנדער סאָרט באַזוכער האָט דאָס הויז געהאַט אין די אָוונטן. אויב אין פאַרלויף פון טאָג איז דאָס הויז געווען: אַן אַדוואָקאַטן „קאַנצעלאַריע״, אַ קהל שטיבל, אַן אכסניה, אַ גאָרקיך — איז דאָס הויז אין די אָוונטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב, אין אַ פּאָלי־טישן און קולטורעלן צענטער. ס׳זיינען דאָרט פאָרגעקומען ציוניס־טישע פאַרזאַמלונגען; מ׳האָט דאָרט דיסקוטירט אידישע און ארץ ישראל פּראָבלעמען; מ׳האָט דאָרט גערעדט וועגן שקלים, וועגן אַקציעס פון קאָלאָניאַל־באַנק. אויסער דעם האָט מען זיך דאָרט אויך מתווכח געווען וועגן די נייעסטע שאַפונגען אין דער העברע־אישער ליטעראַטור, אָדער וועגן אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל אין „המליץ״, „הצפירה״.

און גאָר אַנדערש האָט דאָס הויז אויסגעזען ווען ר׳ אביגדור׳ס קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, ווען זיי זיינען אַליין געוואָרן גע־זעלשאַפטלעך טעטיק, הויפּטזעכלעך ווען דוד יוסף איז אַרויפגע־שוואומען אויף דער אויבערפלאַך. אויסער פאַרזאַמלונגען, אויסער שטענדיקע דיסקוסיעס האָט דאָס הויז אויך געדינט: אַלס אַמוניציע־סקלאַד פאַר דער זעלבסטשוץ פון שטאָט, אַלס צענטער פאַר אומ־לעגאַלער ליטעראַטור, אַלס רעוואָלוציאָנערע נעסט. יוגנט און על־טערע האָבן זיך דאַן אין הויז אויסגעמישט. און די יוגנט האָט אין אַ געוויסן זין פאָרגעזעצט די טראַדיציעס פון די עלטערע, נאָר מיט אַ צושלאַג פון סאָציאַליזם, מיט רעוואָלוציאָנערן שוואונג און מיט יוגנטלעכן פּאַטאָס.

די קינדער יאָרן פון צאַרטן דוד יוסף גרין זיינען אַריבער ווי ביי דאָס רוב קינדער פון באַלעבאַטיש־משכיל׳ישע עלטערן אין די שטעטלעך פון גרויס־פּוילן. ווייט פון מקור האָט מען זיי נישט אָפּ־געריסן. דוד׳ל איז געגאַנגען אין די פיינסטע חדרים, ביי די בעסטע מלמדים. אַלגעמיינע לימודים און די רוסישע שפּראַך האָט ער גע־

לערנט ביי פּריוואַטע לערער. און ווען ער איז אַביסל עלטער געוואָרן — איז ער אַוועק אין בית מדרש, אין נייעם בית מדרש, פאַרשטייט זיך. און דער בית מדרש איז פאַר אים געווען אַן אָרט נישט אַזוי פאַר לערנען, ווי אַ שולע פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. צו יענער צייט האָבן אין די בתי מדרשים פון פלאָנסק געלערנט אַרום 150 בחורים. די בחורים אין דעם נייעם בית מדרש זיינען שוין געווען געכאַפּט אויף השכלה, פאַרכאַפּט פון דעם ציוניסטישן אידעאַל, און מאַנכע אַפילו — פון סאָציאַליזם. דער יונגער דוד גרין האָט אין דעם דאָזיקן בית מדרש געפונען אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר זיינע פאַרשיידענע עפנטלעכע טעטיקייטן.

אַלס קינד האָט דוד יוסף גרין אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן: ער האָט פאַרמאָגט זייער אַ שנעלע אָריענטאַציע, ער האָט זייער לייכט אויפגעפאַסט סיטואַציעס, ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן ווילן צו דערגרונטעווען זיך ביזן סוף פון אַן ענין. ער איז געווען אַ זייער וואַכזאַם קינד מיט אַן „אָפענעם קאָפּ" — ווי מען זאָגט — און מיט אַ וואַרעמער האַרץ. ער האָט זיך שוין דאַן אויסגעצייכנט מיט זיין קראַפט צו קאָנצענטרירן זיך אויף איין זאַך, אָפּגעבן דער דאָזיקער זאַך זיין גאַנצע אויפמערקזאַמ־קייט.

מיט זיין דערציאונג האָט זיך דער פאָטער דער׳עיקר׳שט אָפּ־געגעבן אַליין, מיט איינפלאַנצן אין אים ליבע צום אידישן פאָלק, ליבע צו ארץ ישראל, ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך און צו די אידישע גייסטיקע אוצרות. אין גייסט איז דער גרעאָטענער דוד׳ל געווען אַ סך ענלעך צום פאָטער, און דער פאָטער האָט אים אַוועק־געשענקט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, לייגענדיק אויף אים גרויסע האָפענונגען, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן וועט ער זיין אַ גרויסער איד און אַ גרויסער מענטש — אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט.

ר׳ אביגדור גרין איז בכלל געווען אַ געטרייער איבערגע־געבענער פאָטער. אין באַצוג צו זיך, ווי מיר האָבן דערמאָנט, איז

ער געווען אַ פּעדאַנט; ער האָט געהאַט זיינע פאַרשיידענע געוואוינ־הייטן, אָבער וואָס שייך די קינדער — איז ער געווען זייער אַ מילדער פאָטער. ער האָט זיך מיט זיי אַ סך אָפּגעגעבן: זיי געגעבן עסן, זיי אָנגעטאָן, מיט זיי זיך אויך געשפּילט, און ווי שוין געזאָגט — זיי אויך ערצויגן. און מער ווי מיט די איבעריקע קינדער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דוד'לען. און דער גרעסטער פאַרגעניגן פון פאָטער איז געווען צו ליגן מיטן געראָטענעם קינד אין בעט אין די לאַנגע ווינטער אָוונטן, מיט אים שמועסן, אים פאַרלייענען, און אים אויפ־קלערן די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן דאַן באַשעפטיקט דעם אידישן מענטש, און נאָכמער — דעם יונגן אידישן דור. דוד גרין איז נאָך געווען זייער יונג ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פלאָנטערן אין די פאַרשיידענע אידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען; ער איז נאָך געווען זייער יונג ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שווימען אין די ברויזנדע וואַסערן, וועלכע האָבן דאַן פאַרפלייצט די אידישע גאַס אין דעם גרויסן צאַרישן רוסלאַנד. צו צען יאָר איז ער שוין עפּנטלעך אויפגעטראָטן פאַר אַן עולם צוהערער, שוין אַזוי יונג האָט ער זיך גענומען שניידן אַלס רעדנער.

אַן אומגעהויער שטאַרקן איינדרוק האָט אויפן יונגען דוד געמאַכט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך געעפנט אין באַזעל, שוויץ דעם 29טן אויגוסט 1897. ער איז דאַן אַלט געווען קאַרגע עלף יאָר, אָבער מיט זיין אינסטינקט, מיט זיין שאַרפער אינטואיציע, האָט ער שוין אַרויסגעפילט די גרויסע היס־טאָרישע געשעעניש, וועלכע קומט פאָר אין אידישן לעבן. זיין יוגנט־פאַנטאַזיע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם גראַנדיעזן „קיבוץ גלויות"־געדאַנק.

און די פאַנטאַזיע פון אַ יונגען בחור'ל האָט געקאָנט פאַרכאַפּט ווערן. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אין זיך אָפּגע־שפּיגלט אַלע טיילן און קלאַסן פון אידישן פאָלק. נעבן אָרטאָדאָק־סישע, טראַדיציאָנעל לאַנג־געקליידעטע, רבנים האָט מען דאָרט

געזען עלעגאַנטע אייראָפּעער; נעבן אַלטע חובבי־ציון — יונגע אַסי־מילירטע מערב־אייראָפּעאישע אינטעלעקטואַלן. 197 דעלעגאַטן פון אַלע אידישע תפוצות, פון אַלע לענדער און מלוכות, זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען, באַהערשט פון אַ געמיינזאַמען האָפנונגספולן און ברידערלעכן גייסט. ס'איז דאָך געווען די ערשטע נאַציאָנאַל־אידישע פאַרזאַמלונג, דער ערשטער אידישער פאַרלאַמענט זייט דעם חורבן ירושלים.

די באַשרייבונגען אין דער פּרעסע פון באַזעל, פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, זיינען געווען אין די הערלעכסטע פאַרבן, הויפּטזעכלעך פון דער ערעפענונגס־זיצונג:

אַן אויסערגעוויינלעכע באַגייסטערונג — שרייבט איינער פון די קאָרעספּאָנדענטן — האָט אַרומגענומען אַלע אָנוועזנדע. גאַנץ פרעמ־דע מענטשן זיינען זיך, מיט טרערן אין די אויגן, געפאַלן איינע די אַנדערע אין די אָרעמס. אויף אַלע פּנים'ער האָט מען געזען אַ פריי־דיקע דערוואַרטונג. אַ טיפע פייערלעכע שטילקייט האָט באַהערשט דעם גאַנצן זאַל בשעת דער עלטסטער צווישן די דעלעגאַטן, דער אַלטער חובבי־ציון עסקן פון רומעניע, ד"ר ק. ליפּפּע, איז דערשינען אויף דער טריבונע און אָנטועענדיק דאָס היטל אויף זיין גרויען קאָפּ, האָט ער מיט אַ שוואַכער אָבער התלהבות־פולער שטים געמאַכט די ברכה „שהחינו". אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן זאַל, און ביי מאַנכע אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. נאָך ד"ר ליפּפּע האָט גענומען דאָס וואָרט טעאָדאָר הערצל. לאַנגזאַם איז ער צו־געגאַנגען צו דער טריבונע. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געוועב־דעט צום שעפער פון „יודענשטאַט". ענטוזיאַזם האָט באַהערשט דעם גאַנצן זאַל. אויף דער קאָנגרעס־טריבונע איז געשטאַנען נישט דער עלעגאַנטער, שמייכלנדיקער ווינער שריפטשטעלער, נאָר אַ הערלעכע געשטאַלט פון אַ ביבלישן נביא, אָדער מלך, אין זיין גאַנצער לעגענדאַרער פּראַכט. הערצל'ס בליק איז געווען מאַיעס־טעטיש... אַלע אָנוועזנדע אין זאַל זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן יובעל־

טעטיש און קאָנצענטרירט, פול מיט איידעלער טרויער און מאַכט. שטורעם, וועלכער האָט געדויערט 15 מינוט צייט און נישט געוואָלט נעמען קיין סוף.

פון אַזאַ הערלעך בילד קאָן מען באַגייסטערט ווערן אַפילו היינט, שוין אָפּגערעדט וואָס צייט־גענאָסן זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער גרויסער געשעעניש, וואָס דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. די דאָזיקע געשעעניש האָט אָוועקגערוקט אָן אַ זייט אַלע פּאַסירונגען פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער שטעטל אין מזרח־אייראָפּע, און נאָך מער פון פּלאָנסק, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַ ציוניסטישע פעסטונג.

דער עלף יעריקער דוד גרין האָט דאַן געוויס נאָך נישט געקאָנט אָפּשאַצן וואָס פאַר אַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט דאָס אידישע פאָלק לעבט איבער. און דאָס, וואָס ער האָט דאַן נישט פאַרשטאַנען — האָט ער געהערט איבער׳חזר׳ן אויף די פאַרזאַמלונגען אין זיין פאָטערס הויז, וואו די געשעעניש פון קאָנגרעס איז זייער אָפט דיסקוטירט געוואָרן. אין פאַרלויף פון די קומענדיקע יאָרן איז אים דער פּאָליטישער ציוניזם אַריין אין בלוט, און הערצל איז געוואָרן די ליכטיקסטע געשטאַלט אין זיין לעבן. דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס שאַפט אַ נייע ערא אין זיין לעבן. אין דער יוגנט דאַטירט ער זיינע בריוו נישט „לבריאת העולם״, לויט דער וועלט־באַשאַפונג, ווי עס טוען דאָס פרומע אידן; און נישט לויט דער קריסטלעכער דאַטע — ווי עס טוען דאָס די היינטוועלטיקע; נאָר „למנין הקונגרסים״, נאָך די יאָרן, וואָס די קאָנגרעס־אינסטיטוציע עקזיסטירט. ער דאַטירט זיינע בריוו דאַן: ו׳ לקונגרסים, ז׳ לקונגרסים און אַזוי ווייטער.

כמעט אין דער זעלביקער צייט מיט זיינע שטאַרקע ציוניסטישע איבערלעבונגען, מאַכט ער אויך מיט זיין גרעסטע פּערזענלעכע טראַגעדיע. צו עלף יאָר — ווי מיר האָבן אין אונזער פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט — שטאַרבט אים זיין הייס־געליבטע מוטער צו

י. שוחט, דוד בן־גוריון, י. בן־צבי

בעת אב. קאהאנ׳ס באַזוך אין תל־אביב, אָקטאָבער, 1929 : 1) אב. קאהאן; 2) דוד בנגוריון; 3) בערל קאַצענעלסאָן; 4) ש. ז. רובאשאָוו (שזר); 5) א. הארצפעלד; 6) מ. ניישטאט (נוי); 7) י. יציב; 8) חיים ליבערמאַן; 9) אומבאַקאַנטער; 10) י. טריוואַקס.

וועלכער ער איז געווען ענלעך אין אַ סך פּרטים און פאַרמאָגט מערערע פון אירע פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן, און צו וועל־כער ער איז געווען זייער שטאַרק צוגעבונדן. זיין יונגע נשמה איז דאַן אויפגעטרייסלט געוואָרן, און ער האָט יענע וואונד אין האַרצן געטראָגן אַ סך יאָרן.

די דאָזיקע פּערזענלעכע טראַגעדיע פון קינד האָט אויף דעם פאָטער אַרויפגעלייגט נייע פליכטן: צו זיין נישט נאָר אַ פאָטער, נאָר אויך אַ מוטער. עס איז נישט קיין טאָפּלטע אויפגאַבע, נאָר אַ צען־פאַכע, אַ הונדערט־פאַכע. ער האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע אחריות פאַר דער פאַמיליע, אויף ווי ווייט אַ פאָטער קאָן פאַר אַ קינד פאַרטרעטן אַ מאַמען.

אין אַזאַ לאַגע, ווען איינער פון די עלטערן שטאַרבט, איז לייכט פאַר דעם לעבן געבליבענעם צו איבערטרייבן די מאָס, צו ווערן צו צאַרט, צו סענטימענטאַל צום קינד. אביגדור האָט אָבער נישט איבערגעטריבן די מאָס. ער האָט געהיט אויף דער גלייכגעוויכט אין דעם קינדס נשמה — און דאָס איז אים געלונגען. צווישן פאָטער און זון איז געשאַפן געוואָרן אַ זעלטן־וואַרעמע און פריינט־לעכע באַציאונג.

די העברעאישע ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע איז פול מיט באַשרייבונגען וועגן „מלחמת האבות והבנים", וועגן קאַמף צווישן עלטערן און קינדער: אַ קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אויפן גרונט פון מיינונגס־פאַרשיידנהייטן; אַ קאַמף צווישן אַלטן לעבנס־שטייגער און נייעם. דער דאָזיקער קאַמף האָט אָפט געפירט צו טראַגעדיעס פאַר ביידע צדדים; און ביידע זייטן האָבן געליטן פון אומטאָלעראַנץ איינער צום צווייטן. אַ סך קינדער זיינען אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זייערע עלטערן, האָבן פאַרהאַסט די שענסטע טראַדיציעס פון אידישן לעבן, און מאַנכע זיינען אַוועק גאָר ווייט אין זייער אָפּגע־פרעמדקייט.

דוד יוסף גרין האָט אין דער יוגנט געהאַט דאָס גליק אויס־

צומיידן דעם דאַזיקן אומאַנגענעמען און שעדלעכן קאַמף. ווען ער איז מיט יאָרן שפּעטער אַוועק פון דער היים — איז ער אַוועק נישט קיין פאַרביטערטער, נישט קיין ענטוישטער. פאַרקערט, פון דער היים האָט ער מיטגענומען די זיסטע זכרונות, די בעסטע עראינגע־רונגען. ווען אַלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אים אין דער יוגנט געעגבערט — האָט ער געהאַט מיט וועמען צו רעדן, מיט וועמען צו דיסקוטירן, מיט וועמען זיך צו טיילן. און נישט נאָר איינער האָט ליב געהאַט דעם אַנדערן נאָר איינער האָט אויך רעספּעקטירט דעם אַנדערנס אידייען, דעם אַנדערנס מיינונגען. נישט מיט אַלע פּאָליטישע אָנשויאונגען איז ר׳ אביגדור געווען איינפערשטאַנען מיט זיין זון דעם רעוואָלוציאָנער. און אויך פאַרקערט, נישט מיט אַלץ האָט דוד איינגעשטימט מיט זיין פאָטער. זיי זיינען דאָך געווען צוויי באַזונדערע דורות. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט זייער פאָטערלעך־ און חבריש־פריינטלעכע באַציאונגען.

אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן בן־גוריונ׳ס אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אַהיים פון ניו־יאָרק, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן פאָטער׳ס טויט. אין יענעם בריוו געפינען מיר נאָך ווערטפולע איינצלהייטן, וואָס כאַראַקטעריזירן ר׳ אביגדור גרין אַלס מענטש און פאָטער, איינצלהייטן, וועלכע זיינען אויך זייער ווערטפול צו בן־גוריונ׳ס ביאָגראַפיע. ער שרייבט דאָרט:

— „ווען איך האָב צו מיין ציוניזם צוגעטשעפּעט סאָציאַליזם — האָט מיין פאָטער מיט מיר נישט מסכים געווען. ער האָט אָבער נישט געפּרואווט מיר צוריק אומצוקערן „אויפן גלייכן וועג״. ער האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אין מיין יוגנט זיך צופיל אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. זיין אידעאַל איז געווען, אַז איך זאָל זיין אַ סטודענט און ענדיקן אוניווערסיטעט, און ער האָט זיך מצטער געווען ווען איך האָב אים מיטגעטיילט, אַז איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל, כדי דאָרט צו ווערן אַן אַרבעטער.

דער דאָזיקער באַשלוס מיינער איז פאַר אים געווען אַן ענטוישונג, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז איך וועל ווערן אַ באַרימטער געלערנטער. ער האָט מיר אָבער אין מיין באַשלוס נישט געשטערט. פאַרקערט, ער האָט מיר אַפילו געגעבן די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיק געווען צו דעקן די נסיעה, און ער האָט פאַר מיר אויך איינגעאָרדנט די רייזע״.

האָט פייגעלע, ר׳ אביגדור׳ס אינגסטע טאָכטער, געוואָלט זיך לערנען אַלס פרעבליסטין, אַלס קינדער־גאָרטן לערערין, און זי איז דאַן אַלט געווען נישט מער ווי 16 יאָר, האָט איר דער פאָטער געגעבן אויף הוצאות, און זיינע ברכות, און זי איז אַוועקגעפאָרן שטודירן קיין בערלין, דייטשלאַנד.

אַ קינד, און דערצו אַ מיידל, אַ יונג מיידל פון 16 יאָר, זאָל אַליין פאָרן אין דער פרעמד, אין דער גרויסער וועלט, און אַזוי וויט — אַזש אין דייטשלאַנד — אַזאַ זאַך איז פריער אין פלאָנסק נישט געהערט געוואָרן. אַ סך פון די שטעטלדיקע בעלי בתים האָבן דאָס באַטראַכט אַלס הפקרות מצד דעם מיידל, און אַלס „שגעון״ מצד דעם „אומפאַראַנטוואָרטלעכן״ פאָטער.

און נישט נאָר האָט מען דאַן געקוקט קרום ווען אַ יונג מיידל, אַ יונגע אידישע טאָכטער, איז אַליין אַוועקגעפאָרן אין אויסלאַנד, נאָר עלטערן האָבן אויך געקעמפט מיט זייערע דערוואַקסענע זין און זיי נישט געוואָלט דערלויבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. און פלאָנסק פון יענער תקופה וויס צו דערציילן וועגן בחורים, וועלכע האָבן זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון דער היים, אָן דעם וויסן פון טאַטע־מאַמע און האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין ארץ ישראל. און ווען די עלטערן האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט — איז אין זייערע היימען געוואָרן תשעה באב׳דיקע שטימונגען.

און עס האָבן אַמאָל אויך געטראָפן „אויפברויזונגען״ אין הויז פון ר׳ אביגדור גרין, מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן פאָטער און זון, דוד. און וועגן אַזאַ „אויפברויזונג״, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש

פאַר זיי ביידן, ווילן מיר דאָ דערציילן. דאָס איז געווען אין יאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, 1905. דוד איז דאַן געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 19 און איז שוין געווען שטאַרק טעטיק אויף פאַרשיידענע פּאָליטישע געביטן. ער איז דאַן שוין געווען באַקאַנט אַלס רעוואָ־לוציאָנער, אַלס ציוניסט־סאָציאַליסט און דערצו אַלס גוטער רעדנער. דאָס יונגע אידיש־רעוואָלוציאָנערע וואַרשע האָט אים שוין דאַן גוט געקענט.

ער איז דאַן געווען אין פּלאָנסק. אין איינעם אַן אָוונט, דאָס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע וואו ער ווערט דרינגענד געבעטן גלייך צו קומען. דער פאָטער איז שוין דאַן געשלאָפן. האָט ער אים אויפגעוועקט און ביי אים געבעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין וואַרשע. דער פאָטער האָט אים די דאָזיקע דערלויבעניש נישט געגעבן.

— „אין וואַרשע" — האָט ער אים געזאָגט — „וועסטו דאָך געוויס רעדן אויף די באַריקאַדן, און מען וועט דיך געוויס אַרעס־טירן"!

צווישן פאָטער און זון איז פאָרגעקומען אַן אויפגערעגטער ווערטער־אויסטויש. און דער פאָטער האָט אים ווייטער געזאָגט:

— „אויב דו ווילסט פאָרן קאָנסטו דאָס טאָן, איך וועל דיר אָבער מיין ברכה נישט געבן".

אין מיטן דער נאַכט איז דוד אַרויס פון שטוב, אָן דער ברכה פון פאָטער מיט דער כוונה צו פאָרן קיין וואַרשע. ער איז אָבער נישט געפאָרן, און זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. ער האָט נישט גע׳פועל׳ט ביי זיך אַוועקצופאָרן קיין וואַרשע אָן דער צושטימונג פון פאָטער, אָן זיין „זיי געזונט". ער האָט נישט געוואָלט פאַרלעצן דעם פאָטערס געפילן. די מצווה פון „כיבוד אב" האָט ער אַלע מאָל הייליק געהאַלטן, און האָט איר אויך דאָסמאָל נישט געוואָלט פאַר־שוועכן. אויף מאָרגן איז ווידער פאָרגעקומען אַ געשפּרעך צווישן פאָטער און זון, און דוד האָט דאָס מאָל איבערצייגט דעם פאָטער,

אַז ער מוז פאָרן אַפילו ווען ער זאָל אַרעסטירט ווערן. דער פאָטער האָט דאָס מאָל איינגעשטימט, און דוד איז געווען גליקלעך צו האָבן אַ ריינעם געוויסן לגבי דעם פאָטער.

און דער פאָטער איז געווען גערעכט. דוד איז דאָן טאַקע אַרעס־טירט געוואָרן אין וואַרשע. אָבער צוליב אַ צופאַל האָט דער אַרעסט נישט צו לאַנג געדויערט. ווען ר׳ אביגדור גרין האָט באַקומען די ידיעה, אַז זיין דוד איז אַרעסטירט געוואָרן איז ער אַוועק קיין וואַרשע זיך משתדל זיין וועגן זיין באַפרייאונג. דער גראָדער וועג אין דער ריכטונג איז געווען צו גיין צו דעם הויפּט פון דער „אָכראַנע״, פון דער געהיים־פּאָליציי, וועלכער האָט פאַראָרדנט דעם אַרעסט. עס איז דאָן געווען נישט אַזוי לייכט אָנצוקומען צו אַזאַ הויכן צאַרישן באַ־אַמטן, אָבער ווען ר׳ אביגדור האָט אים אַריינגעשיקט זיין וויזיט־קאַרטל איז ער גלייך אויפגענומען געוואָרן.

— „איר ווייסט״ — האָט זיך דער שעף פון דער „אָכראַנע״ אָנ־גערופן — „איך הייס אויך וויקטאָר גרין!״

אָט דער דאָזיקער צופאַל האָט געפירט, אַז דוד זאָל גלייך באַ־פרייט ווערן.

דאָס הויז אויף עק קאָזשע געסל, וואו עס האָט שטענדיק גע־ווימלט מיט באַזוכער; וואו מענטשן זיינען געגאַנגען און געקומען; וואו ס׳איז שטענדיק דיסקוטירט געוואָרן אידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען, האָט מיט זיך געטראָגן די נייע ווינטן, וועלכע האָבן דאַן, אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, שטאַרקער גענומען בלאָזן אויף דער אידישער גאַס אין גרויסן רוסישן תחום המושב. טאַטעס און מאַמעס האָבן געציטערט פאַר די דאָזיקע נייע ווינטן, אַז זייערע קינדער זאָלן מיט זיי נישט פאַר־כאַפּט ווערן, מיטגעריסן ווערן; און מערערע עלטערן האָבן אַפילו פאַרבאָטן זייערע קינדער צו חבר׳ן זיך מיט די קינדער פון ר׳ אביגדור גרין, פאַרבאָטן צו באַזוכן יענעם הויז אין עק שטאָט.

— „דאָס הויז וועט נאָך ברענגען אומגליק אויפן שטעטל״ —

ד ו ד ב ן־ג ו ר י ו ן

האָבן מערערע בעלי בתים געטענה׳ט. די דאָזיקע בעלי בתים האָבן נישט פאַרשטאַנען די ענדערונגען אין אידישן לעבן, וועלכע קומען פאָר פאַר זייערע אויגן, האָבן נישט באַגריפן דעם היסטאָרישן פראָצעס, וואָס קומט פאָר אויף דער אידישער גאַס. אביגדור גרין איז אין דער הינזיכט געווען אַן אויסנאַם.

פערטער קאַפּיטל

„עזרא" — ערשטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

דאָס יאָר 1900 איז אַ וויכטיקע דאַטע אין לעבן פון דעם היינטיקן פּרעמיער פון ישראל: דוד בן־גוריון. אין דעם יאָר האָט ער צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים, יונגע בחורים׳לעך ווי ער, שמואל פוקס און שלמה צמח, געגרינדעט דעם יוגנט־פאַראיין „עזרא" אין פּלאָנסק, וועלכער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער דאָרטיקער יוגנט, און האָט אויך געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. אַזוי ווי שמואל פוקס איז געווען עפּעס עלטער פון זיינע חברים, איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין, און צוליב דעם, וואָס דוד יוסף גרין איז געווען דער יונגסטער — איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון „עזרא".

אָפּצושטעלן זיך אויף דעם פּראָגראַם פון „עזרא" איז היינט אַביסל שווערלעך, ווייל ער איז דאַן געווען אייגנאַרטיק אויף דער אידישער גאַס, אָריגינעל און פון קיינעם נישט קאָפּירט זיין אינ־האַלט. אין זיין הויפּט־ציל איז ער געווען אַ קולטור־פאַראיין, דערביי אָבער שטאַרק ציוניסטיש באַאיינפלוסט און באַפאַרבט מיט אַביסל סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע ביילאַגע זיינע איז אָבער נישט פון אַלע מיטגלידער אָנערקענט געוואָרן. און מ׳קאָן זאָגן, אַז דער

פאַראיין האָט באַקומען אַ דירעקטע השפּעה פון די אַמאַליקע „קאלא־קאַטקעס", וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

אין דער הינזיכט זיינען די קינדער, אין אַ געוויסער מאָס, געגאַנגען אין די פוס־טריט פון זייערע עלטערן. די „עזרא"־מיטגלידער, אויב נישט אַלע, זיינען געווען קינדער פון יענע אידעאַליסטישע עלטערן, וועלכע זיינען געווען באַאיינפלוסט פון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", און זיינען געגאַנגען אין פאָלק, אין אידישן פאָלק, מיטן צוועק צו בילדן די מאַסן, די אידישע מאַסן.

דעם זעלביקן צוועק, אין אַ געוויסער מאָס, האָבן זיך אויך געשטעלט די „עזרא"־מיטגלידער. טראָץ דעם, וואָס דער דערמאָנטער יוגנט־פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין אַ שפּעטערדיקער תקופה און איז שטאַרק געווען באַאיינפלוסט פון אחד־העם (1856—1927) און הערצל, גאָר אַנדערע אידייען ווי די, וועלכע האָבן געהערשט אויף דער אידישער גאַס מיט אַ דור פריער, האָט דאָך די פלאָנסקער אידישע יוגנט אָנגענומען דעם פּראָגראַם: בילדן די אומוויסנדע אידישע יוגנט, מאַכן זי באַוואוסטזיניק מיט די נייע שטרעבונגען אין אידישן לעבן.

אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט די אידישע יוגנט איבערגעלעבט זייער אַן אומרואיקע צייט. דער אַלטער אידישער לעבנס־שטייגער, אַפילו אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך, האָט זיך גענומען איינברעכן, און אָפט — מיט געוואַלד איינברעכן. הייליקטימער פון נעכטן זיינען וואַכעדיק געוואָרן. און דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַזוי רעוואָלוציאָנעריש, וואָס מ'האָט קוים דעם אָטעם געקאָנט אָפּכאַפּן. אויף די חורבות פון אַלטן אידישן לעבן זיינען אויפגעקומען נייע שפּראָצונגען. אַזאַ ענלעכע תקופה האָט דאָס אידישע לעבן קיינמאָל פריער נישט דורכגעמאַכט, און די קלוגסטע און די דערפאַרנסטע אין פאָלק האָבן נישט געקאָנט פאָרויסזאָגן, וואָס פאַר אַ פּירות ס'וועלן אויסוואַקסן פון די נייע

שפּראָצונגען. דאָס אידישע לעבן, דאָס אידישע שטעטל אין גרויסן צאַרישן רוסלאַנד האָט געברויזט מיט נייע אידייען, מיט נייע שטרע־בונגען און ריכטונגען.

אויף דעם דאָזיקן באָדן איז פאַרלייגט געוואָרן דער יוגנט־פאַראיין „עזרא" אין פלאָנסק, וועלכער האָט געצויגן זיין גייסטיקע שפּייז: פון אחד העמ׳ס „מרכז רוחני", פון הערצל׳ס פּאָליטישן ציוניזם, פון דער אַלטער העברעאישער שפּראַך און קולטור, פון רוסישן סאָציאַליזם פון אַ דור פריער און נאָך און נאָך.

די בילדונגס־„קלאַסן", וואָס „עזרא" האָט געגרינדעט זיינען באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון תלמידים־געזעלן, וועלכע האָבן דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט אין וואַרשטאַטן, און זיינען צווישן מנחה און מערב געקומען אין נייעם בית המדרש, כדי צו הערן אַ קאַפּיטל אידישע היסטאָריע, אַ לעקציע אין העברעאיש אָדער גאָר אַ קורס אין רעכענען, אין אַריטמעטיק. צו די געזעלן זיינען צוגעקומען גע־וויסע בית־מדרש־בחורים, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט דעם מוט, אָדער באַשלוס, איבערצורייסן מיט דעם אַלטן לעבנס־שטייגער.

אין דעם נייעם בית־מדרש אין פלאָנסק, בין מנחה למערב, האָט איר געקאָנט זען אַ זעלטן בילד, וואָס איר האָט אין אַנדערע בתי מדרשים נישט געזען. ביי איין טיש האָבן עלטערע בעלי־בתים געלערנט אַ בלאַט גמרא, געלערנט אַ פּרק משניות, אַנדערע — האָבן אַריינגעקוקט אין אַן „עין יעקב", אין אַ „חיי אדם", און ביי אַן אַנדער עק בית־מדרש זיינען געזעסן פאַרהאַרטעוועטע געזעלן פאַרטיפט איבער „חיבור" אָדער „כפל", אָדער איבער עפּעס אַ שווערן כלל אין דקדוק. דער נידעריק־געוויקסיקער און דאַרער 15־14 יעריקער בחור׳ל דוד יוסף גרין איז אויך געווען איינער פון די לערער.

מיר האָבן געזאָגט, אַז בין מנחה למערב פלעגן די געזעלן קומען צו די בילדונגס קורסן פון „עזרא". נישט אַזוי לייכט איז אָבער אָנגעקומען דאָס צוזאַמענברענגען פון די געזעלן. אַ סך פון

די „מייסטערס״, פון די וואַרשטאַטן־אייגנטימער, האָבן גאָרנישט געוואָלט זיי פּריילאָזן; האָבן גאָרנישט געוואָלט, אַז זייערע געזעלן זאָל זיך גיין בילדן. ערשטנס איז זיי געווען אַ שאָד די צייט, דער בין מנחה למעריב, וואָס זיי האָבן נישט געאַרבעט. צווייטנס — איז געווען לייכטער צו עקספּלואַטירן אַ געהילף, וועלכער איז נישט אויפגעקלערט, וועלכער ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אָט אין די דאָזיקע וואַרשטאַטן האָט „עזרא״ דערקלערט אַ שטרייק פון די געזעלן, און די אייגנטימער האָבן געמוזט נאָכגעבן: באַפרייען זייערע געזעלן, אַז זיי זאָלן גיין אויף די קורסן פון „עזרא״ אין נייעם בית־מדרש אָדער ערגעץ־וואו אַנדערש. דער אָנפירער פון דעם דאָזיקן אָריגינעלן שטרייק איז געווען דוד יוסף גרין. אַזוי ווי נישט אַלע חברים אין „עזרא״ זיינען געווען סאָציאַליסטיש געשטימט, האָבן אויך נישט אַלע איינגעשטימט מיט גרינ׳ס שטרייק־מעטאָדע.

היינט ווייסט די גאַנצע אידישע וועלט, אַז דער פּרעמיער פון ישראל, דוד בן־גוריון, איז אַ קנאי צו העברעאיש. אין באַצוג צו העברעאיש איז ער זייער אויסגעהאַלטן און קיינמאָל נישט אָנגעווייכט אָן אַ זייט, אַפילו דאַן, ווען אים איז אין דער דאָזיקער פראַגע אויסגעקומען צו שווימען קעגן שטראָם. דער זעלביקער קנאי צו העברעאיש איז ער שוין געווען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען ער האָט נאָר געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער אידישגעזעלשאַפטלעכער אַרענע, אַלס איינער פון די גרינדער פון „עזרא״.

אַדאַנק דעם סעקרעטאַר דוד יוסף גרין האָט זיך דער יוגנט־פאַראיין אין פּלאָנסק אויסגעצייכנט מיט זיין קנאות צו העברעאיש. קנאות — וואָס קנאות הייסט! מיט יוגנטלעכן ברען, מיט עקשנות. דער פאַראיין האָט פאַרפליכטעט זיינע מיטגלידער צו רעדן העברעאיש. דאָס איז אָבער נישט געווען גענוג פאַרן יונגען גרין און זיינע חברים. זיי האָבן טעראָריזירט דער גאַנצער שטעטל, די גאַנצע באַפעלקערונג, צו רעדן העברעאיש. ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געטאָן?

אין יענע יאָרן אין פּלאָנסק איז דאָס געווען נישט גאָר שווער. דוד יוסף און זיינע חברים פלעגן גיין איבער די קראָמען פון שטעטל און פאַרלאַנגט צו קויפן פאַרשיידענע געגנשטאַנדן, און גערעדט צו די קרעמער און קרעמערקעס נאָר העברעאיש. די ערשטע צייט, ווען זיי האָבן גענומען אָנווענדן די דאָזיקע מעטאָדע — האָבן זיי פון אַלע זייטן באַקומען געזידלט. מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַר ווילדע משוגעים. די יונגע קנאי׳שע בחורים׳לעך האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן פון די זידלערייען. זיי פלעגן קומען אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל צו דעם זעלביקן קרעמער אָדער קרעמערקע און ווידער פאַרלאַנגט עפּעס צו קויפן און ווייטער גערעדט העברעאיש.

די זידלערייען האָבן לאַנגזאַם אויפגעהערט און אַנשטאָט זידל־ווערטער אין אידיש, האָבן די קרעמער גענומען ענטפערן אין העברעאיש; ווער בעסער, ווער ערגער; איין קרעמער און אַ צווייטער קרעמער, איין קרעמערקע און אַ צווייטע קרעמערקע, און דער שטעטל האָט דאָס שפּיל אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן. אַזוי אין פאַר־לויף פון אַ יאָר־צוויי איז פּלאָנסק, אַדאַנק די דאָזיקע פאַר קנאים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ העברעאיש שטעטל; מיט אַ יוגנט, וואָס האָט גערעדט אַ פליסנדן העברעאיש, וואָס איז געווען באַ־האַוונט אין דער דאַן אויפשטייגנדער העברעאישער ליטעראַטור.

טראָץ דעם, וואָס דעם יונגען דוד׳ס גייסטיקע וועלט איז באַ־הערשט געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וועלכע האָבן דאַן געברויזט מיט קראַפט אויף דער אידישער גאַס, האָט ער אַליין זיך אָבער נישט דערווייטערט פון די גייסטיקע קוואַלן, וועלכע זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך זיין פאָטער און זיידע: די ליבשאַפט צו דער העברעאישער ליטעראַטורא און איר שפּראַך. זיינע גייסטיקע פירער זיינען דאַן געווען: דער קלאָרער און זאַכלעכער אחד העם, דער אומרואיקער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי (1865—1921) און דער טיף־פילנדער חיים נחמן ביאַליק (1873—1934). די

דאַזיקע באַרימטע שריפטשטעלער, יעדער אויף זיין אופן, יעדער מיט זיין טאַלאַנט, מיט זיין וואָרט האָט אויף אים משפיע געווען, באַרייכערט זיינע געדאַנקען און אים געפירט נעענטער צו זיין ציל.

ווי אַזוי ביאַליק מיט זיין אויפטרעטן אַלס נאַציאָנאַלער דיכטער האָט דאַן געווירקט אויף דעם יונגען דוד גרין קאָן דינען דער פאָלגנ־דער פאַקט: ווען ער האָט איבערגעלייענט ביאַליק׳ס פּאָעמע „מגילת האש" און איז פון איר אַזוי שטאַרק באַהערשט געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און איר איבערגעשריבן, מיט זיינע פּערלדיקע אותיות, 48 אָנגעפּיקעוועטע זייטלעך פון קליינעם פאָרמאַט, און עס אַוועק־געשיקט צו זיין פריינט ש. פוקס, וועלכער האָט זיך שוין דאַן גע־פונען אין ניו־יאָרק. ער האָט געגלויבט, אַז אין דער ווייטער אַמע־ריקע ווייסט מען נאָך נישט וועגן דער דאַזיקער פּרעכטיקער פּאָעמע. און אויף דער דאַזיקער אַרבעט איז ער געוויס געזעסן אַ פּאָר טעג קאָנצענטרירט, נישט קענענדיק עפּעס וואָס אַנדערש טאָן.

מיטן וואַקסן פון יוגנט־פאַראיין „עזרא" האָט זיך אויך אַרויס־געשטעלט די נויטווענדיקייט צו האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן, אַן אייגענע צייטשריפט. וועגן דרוקן אַן אייגענע צייטונג האָט קיינער נישט געקלערט. דער פּלאַן איז געווען צו העקטאָגראַפירן, און דוד האָט באַקומען דעם אויפטראַג צו פאַרן קיין וואַרשע און ברענגען פון דאָרט אַ העקטאָגראַף. אין דער צייטשריפט איז ער געווען איינער פון די חשוב׳סטע מיטאַרבעטער. ער האָט געשריבן לייט־אַרטיקלען און מאמרים, און מ׳האָט שוין דאַן געפילט זיין אייגנאַרטיקן, שטאַרקן אופן פון אויסדריקן זיינע געדאַנקען. אָבער אויסער מאמרים וועגן צייט־פראַגן האָט ער פון צייט צו צייט אין צייטשריפט אויך פאַר־עפנטלעכט פּאָעזיע, שירים.

אין יענער צייט, אין דעם קליינעם אידישן שטעטל, האָט כמעט יעדער געבילדעטער 15־16 יעריקער בחור׳ל געשריבן לידער, און פאַרשטייט זיך — אויף העברעאיש. און דאָס נישט ווייל די מוזע האָט אַזוי פאַרלאַנגט, נאָר אויך צוליב אַן אַנדער טעם: כדי צו

ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ צאַרט מיידל צו וועלכער מען איז געווען נישט גלייכגילטיק. אין דעם פרט איז דוד גרין נישט געווען קיין אויסנאַם. שרייבנדיק לידער האָט ער געוויס געהאַט אין זינען דער שעמעוודיקער רחל ה., אַ טאָכטער פון דעם זעלביקן פלאָנסק. און וועגן דער „פרויען־פראַגע" האָט ער שוין דאַן געהאַט זיין אייגענע „פילאָזאָפיע". ווען איינע פון זיינע שוועס־טער — ער האָט געהאַט צוויי שוועסטער, איינע לעבט נאָך און זי איז איצט אין ישראל — פלעגט אים אַמאָל פרעגן אויף אַ געוויסער מיידל צי זי איז אַ שיינע און אַ קלוגע, פלעגט ער ענטפערן:

— „מיר איז גענוג דאָס זי איז אַ שיינע, שכל האָב איך אייגענעם!"

און אין אַנדערע הינזיכטן איז ער געווען אַ נאָרמאַל בחור'ל מיט יוגנט־פאַנטאַזיעס; אַ בחור'ל, וואָס האָט ליב געהאַט אַ שפּאַס, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען זייער ערנסט; האָט געלייענט אַ סך, און אָפּגעגעבן אַ סך צייט פאַר דעם יוגנט־פאַראיין. ער האָט אויך געשפּילט טעאַטער און אויפגעטראָטן אין ראָלן אין „קעניג ליר", און „אוריאל אַקאָסטאַ" און אַנדערע. ער איז אין קיין זאַך נישט אָפּגעשטאַנען פון זיינע יוגנט־חברים.

דאָס יאָר 1903 איז געווען זייער אַ טרויעריקער אין לעבן פון רוסישן אידנטום, דאָס יאָר פון קישינעווער פּאָגראָם. דער דאָזיקער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען פסח (6טער אַפּריל) 1903. כולי־גאַנישע באַנדעס אונטער דער אָנפירונג פון אַקציז־באַאַמטן קרושע־וואַן האָבן מיט געוואַלדיקער אכזריות אָנגעהויבן רויבן און מאָרדן אידן אין די גאַסן פון שטאָט, און די פּאָליציי האָט זיך צו דעם פאַרהאַלטן גאַנץ פּאַסיוו. דאָס האָט דעם ווילדן המון געגעבן די זיכערקייט, אַז די רעגירונג דערלויבט צו שלאָגן אידן. די גרויזאַמ־קייטן פון די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָנגענומען שוידערלעכע סאַ־דיסטישע פאָרמען: מ'האָט אויפגעריסן בייכער און אָפּגעשניטן ברוסטן ביי פרויען; מ'האָט געשענדעט פרויען אין די אויגן פון

זייערע מענער, ברידער אָדער פאָטערס; מ׳האָט אַריינגעהאַקט טשוועקעס אין די קעפּ אָדער אויסגעשטאָכן די אויגן; קליינע קינדער זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון די אויבערשטע שטאָקן אויפן ברוק. צוויי טעג האָבן זיך די כוליגאַנעס איזדעקעוועט איבער דער אומבאַשיצטער קישינעווער אידישער באַפעלקערונג.

דער קישענעווער פּאָגראָם ווי אַלע אַנדערע מאַסנאַמען קעגן אידן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגענומען, איז געווען באַצוועקט אָפּצושרעקן די אידישע אינטעליגענץ און די אידישע יוגנט פון אָנטיילנעמען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. עס זיינען דאַן אויסגעוואַקסן די צוויי גרויסע פּאַרטייען: די סאָציאַל דעמאָקראַטיע און די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. די אוניווערסיטעטס יוגנט ווערט דער פאָרקעמפער פון דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער מאַסן באַוועגונג אין רוסלאַנד. עס קומען כסדר פאָר שטרייקן אין די פאַבריקן און אומרוען אין די אוניווערסיטעטן.

אין דער דאָזיקער אַנטי־צאַריסטישער באַוועגונג האָבן די רוסישע אידן גענומען אַ גרויסן אנטייל. די אידישע יוגנט און אינטעליגענץ האָט צאָלרייך געקעמפט אויף אַלע רעוואָלוציאָנערע פראָנטן. די אידן האָבן פאַר דער רעוואָלוציע געגעבן קעמפער אין אַ פּראָפּאָרץ, וואָס איז געווען העכער פון זייער צאָל אין רוסלאַנד. די גרויסע אַקטיוויטעט פון די אידן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן צאָרן ביי די רוסישע הערשער, און זיי האָבן באַשלאָסן צו דערטרינקען די רעוואָלוציע אין אידישן בלוט. און זיי האָבן אויך איינגעאָרדנט דעם קישינעווער פּאָגראָם.

אין די אידישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע: יאָ פּאָליטישער קאַמף — נישט פּאָליטישער קאַמף; יאָ אָנטייל נעמען אין דער רעוואָלוציע — נישט אָנטייל נעמען אין דער רעוואָלוציע. אָפּגעזען פון דער דאָזיקער דיסקוסיע — און אפשר אַפילו נישט ווויסנדיק פון איר — האָבן די אידן פון אַ

גאַנץ יאָר געהאַט זייער מיינונג, אַז ס'איז בעסער נישט צו מישן זיך אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון רוסלאַנד. אַזאַ מיינונג האָט דאַן אויך געהאַט דער פּלאָנסקער רב, רבי צבי יחזקאל מיכעלסאָן, און אין דעם גייסט האָט ער איינמאָל אויך געהאַלטן אַ דרשה אויף דער בימה. דער יונגער דוד גרין האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג. ער האָט נישט איינגעשטימט מיטן חשוב'ן רב, און גלייך נאָך דער דרשה איז ער אַליין אַרויף אויף דער בימה און דערקלערט דעם רב'ס טעות:

— „די רוסישע רעגירונג מיט איר אויפפירונג, מיט אירע אַנטי־אידישע געזעצן — זי אַליין שטויסט די אידן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע".

דער יונגער רעוואָלוציאָנער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין, אַז אין אַזאַ הרס־עולמ'דיקער צייט זאָלן די אידן אין רוסלאַנד זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

דאָס אויפטרעטן עפנטלעך פאַר אַן עולם — איז שוין דאַן פאַר אים נישט געווען קיין נייעס.

די קישינעווער קאַטאַסטראָפע האָט אויפגעטרייסלט דאָס רוסישע אידנטום. אַ געמישט געפיל פון צאָרן און חרפה האָט אַרומגענומען די אידישע געזעלשאַפט אין רוסלאַנד. צאָרן קעגן די צאַרישע מערדער, און שאַנדע פאַר זיך, וואָס מ'האָט זיך געלאָזט פייניקן און שחט'ן אָן אַ ווידערשטאַנד, אָן אַ פּרוואו פון זעלבסטשוץ. אַ שטאַרקן אויסדרוק פון די דאָזיקע געפילן האָט געגעבן ח. נ. ביאַליק אין זיין „עיר ההרגה":

„די שאַנד איז זייער גרויס און זייער גרויס דער ווייטאָג —
און וואָס איז גרעסער? — זאָג שוין דו, בן אדם!...
דו הערסט? זיי קלאַפּן זיך אין ברוסט „אשמנו",
זיי בעטן איך זאָל זיי די זינד פאַרגעבן...
וואָס בעטן זיי? וואָס שטרעקן זיי די הענט?
אַ פויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,

וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות,
און איינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען,
מיין שטול, מיין כסא הכבוד איבערקערן!...״

דער קישינעווער פּאָגראָם האָט נישט אָפּגעשראָקן דאָס רוסישע אידנטום. פאַרקערט אַ געפיל פון קאַמף און נקמה האָט אַלעמען אַרומגענומען. סיי די ציוניסטישע און סיי די סאָציאַליסטישע יוגנט האָט זיך פיבערהאַפט גענומען צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, וואָס זאָל פאַרטיידיקן דעם כבוד און דאָס לעבן פון דער אידישער באַפעל־קערונג. די ציוניסטישע פירער האָבן די דאָזיקע אידייע געשטיצט סיי גייסטיק און סיי מאַטעריעל.

דער דאָזיקער נייער גייסט האָט אויך באַהערשט דעם יונגען, 17 יעריקן דוד גרין. דער קישינעווער פּאָגראָם האָט אויף אים גע־מאַכט אַ דערשיטערנדן איינדרוק און ער האָט זיך מיט לייב און לעבן געווידמעט דער אָרגאַניזירונג פון אַ זעלבסטשוץ — אָדער „סאַמאָ־אָבראָנע״, ווי עס האָט דאַן געהייסן — אין פּלאָנסק. די טראַגעדיע פון דער אידישער פיזישער שוואַכקייט, וועלכע האָט זיך דאַן אַזוי בולט אַרויסגעוויזן, האָט אים נאָכהער שטענדיק פאַרפאָלגט אויפן וועג פון זיין פּאָליטישער קאַריערע, און ער האָט זיך שטענדיק באַמיט די דאָזיקע אידישע שוואַכקייט צו פאַרריכטן.

דאָס הויז פון ר׳ אביגדור גרין אין קאָזשע געסל איז געוואָרן דער „גענעראַל שטאַב״ פון דער זעלבסטשוץ, און דער אויוון אין דער קיך פון זעלביקן הויז — דער „אַרסענאַל״, דער סקלאַד פון דעם געווער, וואָס דוד׳ל, דער אָנפירער פון דער „סאַמאָאָבראָנע״, האָט דאָרט באַהאַלטן מיטן וויסן פון דעם פאָטער.

פאַר דער פּלאָנסקער רוסישער פּאָליציי איז נישט געווען קיין סוד, אַז ר׳ אביגדור גרינ׳ס הויז איז אַ נעסט פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, און אַז זיין זון דוד יוסף איז דער אָנפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. און זי האָט אויך געוואוסט וועגן דער זעלבסט־שוץ, וואָס קאָנצענטרירט זיך אין יענעם הויז. אין אַלגעמיין קאָן

מען זאָגן, אַז ער האָט געהאַט גליק צו דער רוסישער פּאָליציי, מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר פאַלן. יעדעס מאָל, וואָס די פּאָליציי איז געקומען צו אים אַהיים מאַכן אַן אונטערזוכונג, אַן „אַביסק", ווי עס האָט געהייסן אין רוסיש, זוכן „טריפה'נע סחורה", געווער אָדער אומלעגאַלע ליטעראַטור, איז דאָס שוין פון פריער געווען אויסגעראַמט פון שטוב.

איין מאָל, ביי אַזאַ אונטערזוכונג, האָט געהאַלטן זייער שמאָל. די פּאָליציי איז געקומען אין מיטן דער נאַכט און אין שטוב זיינען גראָד געווען אייניקע רעוואָלווערן. די שטוב מענטשן האָבן זיך אָבער נישט פאַרלוירן. ווען די פּאָליציי איז געווען פאַרנומען מיט איר אַרבעט אין איין צימער האָט מען דערווייל אַרויסגענומען דאָס געווער און עס אַריינגעלייגט אין די בעטן, וואו עס זיינען דאַן געשלאָפן די שוועסטער רבקה און פייגעלע. אַלע צימערן זיינען שוין דורך דער פּאָליציי אויסגענישטערט געוואָרן אויסער דער צימער פון די מיידלעך. די פּאָליציי האָט געוואָלט אַריין אין דעם דאָזיקן צימער, אָבער פּלוצלונג האָט זיך איינער פון די שטוב מענטשן אָנגערופן: — „אַט אין דעם צימער שלאָפן די טעכטער!"

דער פּאָליציי־אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אונטערזוכונג, האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכהער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— „באָג ס'נימי!" (גאָט זאָל זיין מיט זיי!) און איז אַוועק מיט זיינע באַגלייטער.

מיר ווילן דאָ דערציילן וועגן נאָך אַן עפּיזאָד, וועלכער כאַראַקטעריזירט דוד גרין דעם יונגען קעמפער. דער עפּיזאָד געהערט אַפילו צו עפּעס אַ שפּעטערדיקער דאַטע, צום יאָר 1905, אָבער אַזוי ווי מיר האַלטן ביי פּלאָנסק און די געשיכטע איז דאָרט פאַרלאָפן, ווילן מיר זי דאָ איבערגעבן.

די געשיכטע דערציילט ס. ה. מיכעלסאָן, זון פון פּלאָנסקער רב צו יענער צייט: דאָס איז געווען אין יאָר 1905. דער רוסיש־

יאַפּאַנישער קריג האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געענדיקט און אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיך ווידער אַ טראָג־געטאָן איבער די אידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד און פּוילן. אין פּלאָנסק איז די לאַגע געווען פאַרהעלטניסמעסיק רואיק, און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען צו פאַרדאַנקען דער אידישער זעלבסטשוץ, וואָס דוד גרין האָט געשאַפן אין שטעטל, און דעם פּרעסטיזש פון מיין פאָטער הרב צבי יחזקאל מיכעלסאָן, וועלכער האָט געהאַט גרויס אָנזען ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

אַ געפּיל פון אומרו האָט דעריבער אַרויסגערופן אין שטעטל די ידיעה, אַז אַ פּוילישע טעאַטער־טרופּע קומט קיין פּלאָנסק, כדי אויפצופירן די פּיעסע „מלכה שוואַרצענקאָפּ״, וואָס האָט געהאַט שטאַרקע אַנטיסעמיטישע טענדענצן. די אידישע רעליגיע איז אין איר אָפּגע׳חוזק׳ט געוואָרן, און אַ סצענע פון אַן אָרטאָדאָקסישע חתונה איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף אַ בורלעסקן אופן. די פּיעסע האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין גאַנץ רוסיש־פּוילן, און אין אַ ריי שטעטלעך זיינען נאָך דער פאָרשטעלונג פאָרגעקומען אַנטי־סעמיטישע אומרוען.

גלייך ווי עס האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן די פּלאַקאַטן וועגן דער אויפפירונג פון „מלכה שוואַרצענקאָפּ״ איז דוד גרין אַוועק צו דעם פירער פון דער לאָקאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַפּעלירט צו אים, אַז ער זאָל באַאיינפלוסן די טרופּע צו ענדערן איר פּראָגראַם. ער האָט צו אים אַפּעלירט אין נאָמען פון סאָציאַ־ליסטישער סאָלידאַריטעט. ער האָט אויך געפּרואווט ווירקן מיטן אַרגומענט, אַז אויב די טרופּע וועט ענדערן איר פּראָגראַם וועט זי האָבן די אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער אידישער באַפעל־קערונג, און ווען נישט — וועלן די אידן בויקאָטירן די פאָרשטעלונג.

דוד גרינ׳ס אינטערווענץ ביי דעם סאָציאַליסטישן פירער האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג. ער האָט אָבער באַשלאָסן אין קיין פאַל נישט צו דערלאָזן, אַז די פאָרשטעלונג זאָל אויפגעפירט

ווערן. אויפן צווייטן טאָג איז ער מיטן צווייטן בן הרב מאָטל מיכעל־סאָן אַוועק קיין וואַרשע. זיי זיינען צוריקגעקומען מיט אַ פּאַקעט מאַטעריאַלן, וואָס איז אין געהיים פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צו יעדן מיטגליד פון דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציע. דער פּאַקעט האָט אַנט־האַלטן גומענע פּלעשלעך מיט אַ מין פּודער צום ניסן. אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג האָבן די פועלי ציון מיטגלידער אויסגעקויפט אַ גרויסע צאָל בילעטן, כדי אין אָוונט צו זיין שטאַרק פאַרטראָטן אין טעאַטער.

גלייך ווי די ליכט אין טעאַטער איז אויסגעלאָשן געוואָרן און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָבן די אידישע בחורים׳לעך געלאָזן אין גאַנג די גומענע פּלעשלעך מיטן פּודער צום ניסן, און אין פאַרלויף פון עטלעכע סעקונדן האָט דער עולם גענומען אַרבעטן מיט די נעזער. אין אָנהויב האָבן די צושויער זיך געפּרואווט קאָנטראָלירן, אָבער דאָס ניסעריי איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ שטאַרקער און האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויף דער בינע, וואו די אַקטיאָרן האָבן נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל. פאַרן עולם איז געוואָרן אוממעגלעך צו פאַרבלייבן אין זאַל און ער איז אַרויס אין גאַס, און די פאָרשטעלונג איז איבערגעריסן געוואָרן. די טרופּע האָט אויך מער נישט געזוכט די פאָרשטעלונג צו באַנייען.

עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז אין שטעטל איז געווען אַ „פאַררעטער", וועלכער האָט דער טרופּע אויסגעבאָרגט אַ טלית און אַ קיטל, וואָס איז נויטיק געווען פאַר דער סצענע פון דער חופה. דוד גרין האָט זיך גענומען די אויפגאַבע אויסצוגעפינען דעם שולדיקן. ער האָט דאָס געמאַכט זייער שנעל. ער האָט אויס־געפונען, אַז אַ הענדלער פון געניצטע קליידער האָט פאַרן פּרייז פון צוויי רובל געהאַט אויסגעבאָרגט דער פּוילישער טרופּע דעם נוי־טיקן טלית און קיטל.

זיין אינטענסיווע אַרבעט אין „עזרא" געדויערט צוויי יאָר,

ביז 1903, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע שטודירן, „עקסטערניטשאַיען" — ווי דאָס האָט דאַן געהייסן אין רוסיפיצירטן אידיש; מאַכן מאַטורע עקזאַמענס, כדי נאַכהער אַנצו־קומען אין אַן אוניווערסיטעט. אַוועקפאָרנדיק קיין וואַרשע האָט ער נישט איבערגעריסן מיט זיין טעטיקייט אין פלאָנסק. ער האָט די דאָזיקע טעטיקייט באַנייט יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען אַהיים. און די דערמאָנע דאַטע איז אויך אַ וויכטיקע אין זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. ביז דאַן איז ער געווען אַ לאָקאַלער „שטערן", וועלכער האָט געשיינט נאָר אויפן הימל פון פלאָנסק. פון דאַן און ווייטער וואַקסט זיין נאָמען אין דער אַרומיקער פּראָווינץ, און הויפּט־זעכלעך אין וואַרשע.

פינפטער קאַפּיטל

אין וואַרשע

אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד פאַרמאָגט דריי גאָר גרויסע אידישע קהילות. די גרעסטע און באַדייטנדסטע פון זיי, פון אידישן שטאַנדפּונקט, איז געווען וואַרשע. אדעס און לאָדזש זיינען געקומען נאָך איר. וואַרשע האָט דאַן פאַרמאָגט אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע אינדוסטריע און האָט צו זיך געצויגן יונגע אידן פון נאָענט און ווייט, וועלכע האָבן — אין גייסט פון דער צייט — באַשלאָסן זיך צו פּראָלעטאַריזירן. ס'האָבן זי אויך נאָר וואָס „אַנטדעקט" די „ליטוואַקעס", וועלכע האָבן געזוכט וואוהין צו אַנטלויפן פון זייער אָרעמקייט און אויסגעפינען נייע „פּרנסה־קוואַלן". אין אוניווערסיטעט און אַנדערע הויכשולן האָבן צו זיך געצויגן אידישע עקסטערנען, וועלכע האָבן געהאָפט אין די דאָזיקע וויסנשאַפטס־טעמפּלען צו געפינען זייער גליק.

אין יענער צייט איז אויך געקומען קיין וואַרשע דער 17 יעריקער דוד גרין, פול מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט, מיט אַ היפּשן באַגאַזש אידישן וויסן, און מיט אַ סך יוגנטלעכע פאַנטאַזיעס. און געקומען איז ער קיין וואַרשע, ווי טויזנטער אַנדערע אידישע בחורים'לעך פון זיין גלייכן, כדי דאָרט זיך צוצוגרייטן צו עקזאַמענס מיטן צוועק אַנצוקומען אין וואָוועלבערג'ס טעכנאָלאָגישער הויכ־שולע.

אין אידישן לעבן האָט וואַרשע דאַן געשפּילט אַן אומגעהויער גרויסע ראָלע, און דאָס — פון אַלע שטאַנדפּונקטן: זייט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז זי געווען באַקאַנט מיט אירע ציוניסטישע פירער. און זי האָט אויך פאַרמאָגט אַלע אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטייען און ריכטונגען. און איר באַדייטונג האָט זי געהאַט נישט נאָר אַלס פּאָליטישן צענטער, נאָר אויך אַלס גייסטיקן. עס האָבן זיך דאַן אין וואַרשע געפונען ס׳רוב פון די באַרימטע העברעאישע און אידישע שריפטשטעלער; דאָרט זיינען געווען די אידישע און העברעאישע פאַרלאַגן, און דאָרט האָט זיך אויך געפונען די אידישע און העברעאישע פּרעסע. וואַרשע האָט דאַן פאַרמאָגט באַדייטנדע ישיבות און באַרימטע רבנים — אַלץ, וואָס געהערט צו אַ גרויסן אידישן גייסטיקן צענטער.

וועגן אַזאַ זאַך ווי פאַרזאַמלונגס פרייהייט האָט מען נאָך דאַן אין דער צאַרישער רוסלאַנד נישט געוואוסט. פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, אַפילו די קלענסטע — זיינען געווען שטרענג פאַרבאָטן. מ׳האָט זיך אַמאָל פאַרזאַמלט אַלס „מחותנים" אויף אַ כלומרשטער חתונה אָדער כלומרשטן „תנאים" — אָבער אַזעלכע קליינע פאַרזאַמלונגען האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג. אַ גרעסערע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן האָבן געשפּילט די ביליקע רעסטאָראַנען, די אַזוי גערופענע „גאַרקיכן" — אָדער „סטאָלאָוועס" — און די ביליגע קאַפע־הייזער אין אידישן געגנט. אין די דאָזיקע לאָקאַלן האָט שטענדיק געברויזט מיט לעבן. דאָרט איז צווישן דער יוגנט אָנגעגאַנגען אומענדלעכע פּאָליטישע דיסקוסיעס: ציוניזם, אָדער סאָציאַליזם; יאָ־פּאָליטישער קאַמף אָדער נישט־פּאָליטישער קאַמף; טעריטאָריאַליזם אָדער פּאַלעסטינע, פּועלי ציון אָדער „בונד". אַרום די דאָזיקע און ענלעכע פראַגן האָט מען זיך טאָג און נאַכט גע־אַמפּערט. און נישט נאָר דאָרט אַליין נאָר אויך אויף די „בירזשעס" זיינען די דיסקוסיעס פאַרגעזעצט געוואָרן. (אַזוי ווי פאַרזאַמלונגען אין לאָקאַלן זיינען געווען פאַרבאָטן, פלעגט יעדער פּאַרטיי האָבן

אַ געוויסע גאַס וואו אירע מיטגלידער פלעגן צוזאַמענקומען, און שפּאַצירנדיק אויף די טראָטואַרן — פלעגט מען דערליידיקן אַלע פּאַרטיי ענינים. אַזעלכע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען אויף די גאַסן האָבן געהייסן „בירזשעס". און אַזעלכע „בירזשעס" זיינען דאַן געווען אין אַלע גרעסערע שטעט אין רוסלאַנד). די „בירזשע" פון די פּועלי ציון איז דאַן געווען אויף גענשע גאַס. און זייער קאַפע־הויז — אויף דער זעלבער גאַס, נומער 31. דאָס קאַפע־הויז האָט פאַרמאָגט אַ הינטער צימער מיט אַן אַרויסגאַנג אין הויף. ווען די פּאָליציי האָט אַריינגעשמעקט אין פאָדערשטן צימער פלעגן אַלע אַנוועזנדע אין הינטערשטן צימער מאַכן „ויברח".

די לאַגע פון די אַרבעטער גרופּעס, וואָס האָבן זיך דאָ און ד'אָרט אויסגעטיילט אין ספּעציעלע ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציעס, אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „פּועלי ציון", איז געווען זייער קאָמפּליצירט. זיי האָבן זיך געפונען פאַר אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון טעאָרעטישע פּראָבלעמען און פּראַקטישע אויפגאַבן. זיי האָבן געמוזט ברעכן דעם מוח איבערן סינטעז צווישן דער ציוניס־טישער און סאָציאַליסטישער קאָנצעפּציע; צווישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מאָמענט; צווישן פאָלקס־איינהייט און קלאַסן־קאַמף. זיי האָבן געמוזט אויסזוכן אַ בריק, וואָס זאָל פאַראייניקן זייער איצטיקן קאַמף אין גלות מיטן צוקונפט־אידעאַל אין אייגענעם לאַנד. און אין אָט דעם גאַנצן פאַרוויקלטן קאָמפּלעקס פון פּראָבלעמען און אויפגאַבן האָבן זיי זיך געדאַרפט פונאַנדערקלייבן אַליין, מיט אייגענע כוחות, ווייל קיין געשריבענע פּראָגראַמען זיינען נאָך דאַן נישט געווען, קיין פאַרגייער און וועגווייזער האָבן זיי דעמאָלט נאָך נישט

אין אַזעלכע אומגינסטיקע באַדינגונגען האָבן זיך געפונען די ערשטע פּועלי ציוניסטישע שפּראָצונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגע־הויבן צו באַווייזן אין 1901. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט זיינען זיי אויסגעוואַקסן אין גאַנץ היפּשע אָרגאַניזאַציעס, פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע פּונקטן פון ליטע, דרום־רוסלאַנד און פּוילן. ס'רוב

האָבן זיי געפירט אַן אָפּגעזונדערטע עקזיסטענץ, אָן אַ צוזאַמענבונד צווישן אַנאַנדער.

אַלע הויפּט־ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט פאָרמירט אין די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס זיינען אָבער געווען אייניק אין דער גרונט־פראַגע וועגן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן ענד־ציל. כמעט אַלע האָבן אָנערקענט דעם סאָציאַליזם, אין דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג, ווי די ראַדיקאַלע לייזונג פון סאָציאַלן פּראָבלעם, און דאָס אויפלעבן פון אידישן פאָלק אין זיין אייגן לאַנד, ווי די איין־איינציקע לייזונג פון דער אידן־פּראַגע. אַלע זיינען אויך מער־ווייניקער געווען אייניק אין דער שטרענג נעגאַטיווער באַציאונג צום גלות. אַלע האָבן אָנגענומען די טעאָריע וועגן דער אוממעגלעכ־קייט פאַר די אידישע מאַסן אין גלות צו פּראָלעטאַריזירן זיך, איבערצוגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

דאָס זיינען דעמאָלט אין אַלגעמיין געווען די שותפות׳דיקע גרונט־יסודות פון דער פועלי ציוניסטישער וועלט־אָנשויאונג, אויסער דעם זיינען אין אים געווען גאַנץ וועזנטלעכע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. שטאַרק צעריסן זיינען די פאַרשיידענע אָרגאַני־זאַציעס געווען: ערשטנס וועגן פּאָליטישן קאַמף, און צווייטנס — וועגן טעריטאָריאַליזם אָדער פּאַלעסטיניזם. אין יאָר 1903 זיינען די דאָזיקעביידע פראַגן געווען די וויכטיקסטע. נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, אין פרילינג פון יענעם יאָר, איז די אידישע יוגנט אויפ־געטרייסלט געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערן צאָרן און האָט זיך ממש געריסן צום קאַמף. אין אַזאַ אַטמאָספערע האָבן די אידישע אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציעס, צו וואָס פאַר אַ ריכטונג זיי זאָלן נישט גע־הערן, די פראַגע וועגן פּאָליטישן קאַמף געמוזט אַוועקשטעלן אין צענטער פון אַלע פראַגן. און אויך די פראַגע: פּאַלעסטיניזם אָדער טעריטאָריאַליזם איז דאַן, אין יאָר 1903, נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואו ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן די אוגאַנדע־פראַגע, גע־

וואָרן העכסט אַקטועל און אַרויסגערופן אַ ליידנשאַפטלעכן אידעאישן קאַמף.

אַרום די לעצטע צוויי פראַגן האָבן זיך גיך אויסקריסטאַליזירט צוויי באַזונדערע ריכטונגען: די אַזוי גערופענע „מינסקער ריכ־טונג", וועלכע האָט אָנגענומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צום פּאָליטישן קאַמף, און האָט אויך אָנגענומען אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם טערי־טאָריאַליסטיש, אַנטי־פּאַלעסטינעזישן, שטאַנדפּונקט; און די דרום־רוסלענדישע ריכטונג, מיט יעקאַטערינאָסלאַוור אָרגאַניזאַציע אין דער שפּיץ, וועלכע האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג אין דער פראַגע פון פּאָליטישן קאַמף, און האָט אין דער פראַגע פון טערי־טאָריע פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון פּאַלעסטיניזם; אַז נאָר אין פּאַלעסטינע איז מעגלעך די פאַרווירקלעכונג פון טעריטאָריאַ־ליזם. צו דער דאָזיקער קאָנצעפּציע איז די דערמאָנטע ריכטונג גע־קומען נישט דורך וועלכן עס איז סענטימענט פאַר ארץ ישראל, און געוויס נישט געהאַט אין זינען יהדות־פּראָבלעמען. זי האָט אָנגענומען פּאַלעסטינע ווייל, לויט איר מיינונג, איז נאָר דאָרט מעגלעך צו פּראָדוקטיוויזירן די אידישע מאַסן, ווייל נאָר דאָרט איז מעגלעך צו שאַפן אַ אידישן פּראָלעטאַריאַט.

מיר האָבן דאָ באַרירט נאָר איניקע פראַגן פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך גערופן „פּועלי ציון". און מיר האָבן דאָס געטאָן ווייל זיי האָבן מער־ווייניקער אַ שייכות צו דער טעמע, וועלכע מיר באַהאַנדלען; ווייל זיי גיבן צו קאָלאָריט צו יענער תקופה. און מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען נישט געווען די איינציקע אויף דער אידישער גאַס, און אויך נישט די צאָלרייכסטע. אויסער אידישע סאָציאַליסטישע און נישט־סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, האָבן אידן דאַן אויך גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין די אַלגעמיינע פּאַרטייען: אין דער פּוילישער פּ. פּ. ס. אין די רוסישע ס. ד. און ס. ר. אין „איסקראַ". און די אידישע גאַס האָט זיך וועגן אַלצדינג געאַמפּערט, סיי וועגן די אידישע און סיי

וועגן די נישט־אידישע פּראָבלעמען. די קליינע שטעטלעך האָבן נישט פאַרמאָגט אַלע שאַטירונגען און ריכטונגען. איז מען אָבער אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסע שטאָט האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקן פּאָליטישן חוש, אַ גלענצנדע אָריענטאַציע, כדי זיך צו קאָנען אַרויס־פּלאָנטערן פון דעם דאָן גרויסן אידישן און נישט־אידישן פּאַר־טייאישן לאַבירינט.

דער יונגער דוד גרין האָט זיך גלייך אָריענטירט אין דער לאַגע. מיט זיין ברויזנדן טעמפּעראַמענט, מיט זיין רעוואָלוציאָנערן אייפער, האָט ער גלייך ווי נאָר ער איז געקומען קיין וואַרשע, זיך אַריינגעוואָרפן שווימען אין דעם פּאָליטישן קעסל־גרוב, און ווי אַ געניטער שווימער איז ער אַלע מאָל מיטן קאָפּ געבליבן אויף דער אויבערפלאַך. זיין פועלי ציוניזם איז געווען ווייט נישט דער זעלבער, וואָס איז דאָן דיסקוטירט געוואָרן אין די אידישע יוגנט־קרייזן. ווי מיר זעען האָט נישט די „מינסקער ריכטונג", נאָך 1903, און נישט די „יעקאָטערינאָסלאַווער ריכטונג" געהאַט אַ טיפע שייכות צו ציון, צו דעם אַלטן אידישן לאַנד, וועלכע טויזנטער יעריקע תפילות האָבן געפלעגט. און די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף פּאַלעסטינע אַלס טעריטאָריע, האָבן דאָס דערקלערט פון אַ מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט מיט אַזאַ קאָמפּליצירטער דיאַלעקטיק, וואָס איז גע־ווען זייער שווער צו פאַרשטיין. דעם יונגען גרינ'ס ציוניזם איז געווען אַן אידישלעכער, אַן עכטער, אַ קלאָרער. ווען ס'איז אויפן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן אוגאַנדע, האָט דער יוגנט־פאַראיין „עזרא" אין פּלאָנסק אָנגענומען אַן אַנטי־אוגאַנדע שטעלונג, און דער סעקרעטאַר פון פאַראיין האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן ווען דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם באַ־שלוס צו שיקן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע קיין אוגאַנדע.

דער יונגער פּלאָנסקער בחור'ל האָט גלייך אין אָנהויב פון זיין פּאָליטישער קאַריערע געהאַט דעם מוט צו צווייפלען אין גע־וויסע „אמת'ן" פון דעם דעמאָלטדיקן פועלי ציוניזם. און נישט

נאָר דאָס, ער האָט אויך געהאַט די דרייסטקייט אים צו געבן זיין אייגענע אינטערפּרעטאַציע. און זיין אויסטייטשונג האָט געהאַט מער געמיינזאַמעס מיט די טראַדיציאָנעלע געפילן וועגן ארץ ישראל; מיט דער גייסטיקער ירושה וועגן ציון, מיטן ציוניזם פון אחד העם און הערצל. פאַר אים איז ארץ ישראל נישט געווען קיין טעריטאָריע, וואו עס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם, נאָר אויך אַ צוועק פאַר זיך אַליין. און וואָס ווייטער ער איז עלטער געוואָרן — און הויפּטזעכלעך מיט זיין באַזעצן זיך אין לאַנד — איז ביי אים ארץ ישראל געוואַקסן אין איר וויכטיקייט.

היינט, ווען מיר וואַרפן אונזער בליק אויף צוריק צו יענער צייט, ווען ער איז אַרויפגעשוואומען אין דער אידישער עפנטלעכקייט, וואונדערט אונז נאָך אַ זאַך: זיין אויסגעצייכנטע פּאַרטיי־אָריענ־טאַציע. ער האָט אינסטינקטיוו דערפילט די פּאַרטיי, צו וועלכער ער איז אַממיינסטן צוגעפּאַסט. אין דער צייט, וואָס זיינע חברים, שפּעטערדיקע פּאַרטיי־פירער, ווי בערל קאַצענעלסאָן (1887—1944), דוד רמז (1886—1951), ש. ז. שזר (רובאַשאָוו) און אַנדערע האָבן אין דער יוגנט אַ היפּש ביסל געבלאָנדזשעט איבער פאַרשיידענע פּאַר־טייען און באַוועגונגען, ביז זיי זיינען געקומען צו דער פּועלי ציון־קאָנצעפּציע, האָט דער שפּעטערדיקער בן־גוריון, נאָך זייענדיק אַן אינגל דערפילט די פּאַרטיי, וואָס וועט אים ברענגען צו דעם געווינטשטן ציל.

מיר ווילן ביי דער געלעגנהייט איבערגעבן אַ פּאָר קליינע עפּיזאָדן פון זיינע יאָרן אין וואַרשע, וועלכע זיינען זייער כאַראַקטע־ריסטיש פאַר יענער צייט. זיינע יוגנט־חברים פון פּלאָנסק שמואל פוקס און שלמה צמח זיינען נאָך פאַר אים אָנגעקומען קיין וואַרשע, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די דריי חברים האָבן אויך אין דער גרויסער שטאָט געוועבט צוזאַמען זייערע יוגנט־חלומות. דאָס קול־טורעלע לעבן אין דער דאָזיקער שטאָט, און צום טייל אויך דאָס העברעאישע לעבן, האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם רעדאַקטאָר

פון „הצפירה״ נחום סאָקאָלאָוו (1859—1936). די דריי יונגע פּלאַנס־קער בחורים׳לעך האָבן געפונען פאַרשיידענע געלעגנהייטן, כדי צו באַזוכן דעם באַרימטן נחום סאָקאָלאָוו. און סאָקאָלאָוו׳ן, דעם שפּראַך־מייסטער, האָט זייער אימפּאָנירט דער פאַקט, וואָס עס וואַקסט אַ אידישע יוגנט מיט העברעאיש אַלס אויסגאַנגס־שפּראַך. ער האָט מיט די בחורים׳לעך זיך גערן אונטערהאַלטן אין העברעאיש.

איינמאָל זיינען די דריי חברים געקומען צו סאָקאָלאָוו׳ן אין רעדאַקציע און האָבן געוואָלט מיט אים רעדן. ער האָט אָבער דאַן נישט געהאַט קיין צייט זיי אויסצוהערן. ער האָט זיי געשיקט צו איינעם פון די מיטאַרבעטער אין דער צייטונג, צו מיכל וועבער, אַז זיי זאָלן אים איבערגעבן וואָס זיי פאַרלאַנגען. מיכל וועבער האָט אין דער צייטונג געשריבן וועגן וויסנשאַפט. ער איז דער מחבר פון ספר „חיי עולם הבא״ און אַנדערע און האָט אויך איבערזעצט „השמים״ פון קאַמיל פלאַמאַריאַן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט גוט העברעאיש, אָבער נישט רעדן. זיי אָבער האָבן צו אים גענומען רעדן העברעאיש, וואָס איז פאַר זיי געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. דערהערט, אַז זיי רעדן צו אים העברעאיש האָט ער זיך אויף זיי אָנגעבייזערט און אויסגערופן:

— „רעדט ווי מענטשן, און נישט אויף טערקיש!״

איינע פון די הויפּט־טעמעס, וואָס די חברים האָבן שטענדיק צווישן זיך באַהאַנדלט, איז געווען ארץ ישראל. אין אַ שיינעם טאָג זיינען די בחורים׳לעך אַוועק צו סאָקאָלאָוו׳ן אים איבערצוגעבן זייער באַשלוס צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און האָבן אים גלייכצייטיק געבעטן, אַז ער זאָל זיי אַרויסהעלפן אין דער רייזע. סאָקאָלאָוו האָט זיי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג און אויסגערופן:

— „אַזוי פיל יונגעלייט פאַר איין מאָל קיין ארץ ישראל — איז צו פרי!״

און אַזוי ווי איינער פון זיי האָט געדאַרפט איינגיכן פאַרלאָזן

רוסלאַנד, האָט ער יענעם געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו זיינעם אַ פריינט אין לאָנדאָן...

וואַוועלבערג׳ס טעכנישע, אָדער טעכנאָלאָגישע, הויכשול איז צו יענער צייט געווען אַ נייער לער־אַנשטאַלט אויף וועלכן אַ סך אידישע יונגעלייט האָבן אויסגעקוקט די אויגן. טראָץ דעם, וואָס די שולע האָט נישט געהאַט די פולע רעכט פון אַ פּאָליטעכניקום, האָט זי דאָך אַרויסגעגעבן אינזשינערן־דיפּלאָמען. זי האָט אויך גע־האַט אַן אַנדער מעלה: ביים אָנקומען האָט זי נישט פאַרלאַנגט קיין פולע מאַטורע, נאָר אַ צייגניש פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע איז געווען גענוג. די שולע איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דורך די אידישע אַסימילאַטאָרישע באַנקירן היפּאָליט וואַוועלבערג און זיין שוואָגער סטאַניסלאַוו ראַטוואַנד. און זי איז געווען באַשטימט נישט נאָר פאַר אידן נאָר אויך פאַר פּאָליאַקן. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידן, ווי עס האָבן געהערשט אין אַנדערע הויכשולן, איז דאָרט נישט געווען איינגעפירט.

דוד גרין האָבן דאַן אינטערעסירט מאַטעמאַטיק און טעכנישע וויסנשאַפטן, און ער האָט לייכט געקאָנט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע. ער איז אָבער צו דעם נישט געקומען. ערשטנס האָט ער דאַן אַביסל צוגעקרענקט. ער האָט אָפט באַקומען פיבער, אָדער קדחת — ווי עס האָט דאַן געהייסן. אין אַזעלכע פיבער־אָנפאַלן פלעגט ער אַוועקפאָרן פון וואַרשע. אָבער נישט דאָס אַליין. ער האָט שוין דאַן אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע געזעלשאַפט־לעכע און פּאַרטייאישע טעטיקייט, און ער האָט געטראָגן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין פּאַרטיי אין פּלאָנסק.

זיינע פאַר יאָר אויפנטהאַלט אין וואַרשע, ביז ער איז אַוועקגע־פאָרן קיין ארץ ישראל, האָט ער זייער אָפט אונטערגעבראָכן. די זומער חדשים, אָדער די וואַקאַציע חדשים, האָט ער אַלע מאָל פאַר־בראַכט אין פּלאָנסק. איינמאָל איז צו אים דערגאַנגען, אַז אַ בונדיסט איז אַראָפּגעקומען קיין פּלאָנסק און פאַנגט נפשות פאַר זיין פּאַרטיי

פון צווישן די געזעלן אין „עזרא" — האָט ער גענומען אַ פור און איז ספּעציעל געקומען קיין פּלאָנסק, כדי עפּנטלעך צו דיסקוטירן מיטן בונדיסט, וועמענס פּאַרטיי איז וויכטיקער אין אידישן לעבן. און גאָר הייסע דיסקוסיעס זיינען דאָן פאָרגעקומען אין נייעם בית־מדרש.

און ער איז שוין דאַן געווען אַ באַרימטער רעדנער, און ערשט־קלאַסיקער דיסקוטאַנט, נישט נאָר ביי זיך אין דער היים, אין זיין געבורטס־שטעטל פּלאָנסק, און נישט נאָר אין זיינע אייגענע קרייזן אין וואַרשע, נאָר אויך וויט און ברייט אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פון וואַרשעווער, פּלאָצקער און אַנדערע גובערניעס. מ'האָט אים פאַרוואָרפן מיט איינלאַדונגען פון פאַרשיידענע שטעט; מ'האָט נאָך אים אַלאַרמירט ווען זיין פּאַרטיי איז ערגעץ אין אַ שטעטל אויפגעפאָדערט געוואָרן אויף אַ דיסקוסיע מיט אַן אַנדער פּאַרטיי. ער האָט אפשר אַליין נישט געוואָלט אַזוי פרי אין לעבן, ביי 17־18 יאָר ווערן אַ פּאַרטיי פירער. ער איז דאָס אָבער גע־וואָרן מיט געוואַלד, קעגן זיין אייגענעם ווילן, דורך די אומשטענדן וועלכע זיינען דאַן געשאַפן געוואָרן אויף דער אידישער גאַס. ערשטנס, ווייל זיין פּאַרטיי איז געווען דאַן זייער אָרעם אין אָנפירנ־דיקע קרעפטן, און דער עיקר — ווייל זיינע אייגענע פירערישע פעאיקייטן זיינען ביי אים גאָר יונג בולט געוואָרן.

און אַלס פּאַרטיי פירער האָט ער געמוזט טאָן מאַנכע זאַכן, וועלכע זיינען אים געווען דערווידער, נישט שטאַרק צום האַרצן; וועלכע זיינען געווען קעגן זיין גוטן געשמאַק. אין יענער צייט, ווען עס פלעגט פאָרקומען אַ דיסקוסיע צווישן פּאַרטייען אין אַ בית־מדרש, איז געוואָרן אַ מנהג, אַז די דיסקוטאַנטן האָבן אַרויסגענומען זייערע רעוואָלווערן און זיי אַוועקגעלייגט פאַר זיך אויף דער בימה. וואָס די מאָטיוון זאָלן נישט זיין איז אָט דער דאָזיקער „מנהג" געווען קעגן זיין געשמאַק. ער האָט אים אָבער מיטגעמאַכט, ווייל אַזוי האָבן זיך די פּאַרטייען אויפגעפירט.

קעגן זיין געשמאַק זיינען אויך געווען די שטענדיקע באַגלייטער, וועלכע זיינען אים נאָכגעגאַנגען. אַזוי האָבן זיך אָבער געפירט אַלע פּאַרטיי־פירער, און ער האָט נישט געקאָנט זיין קיין אויסנאַם.

און זייער אָפט איז אים אויך אויסגעקומען צו זיין אַ שופט, אַ ריכטער, אין אַנגעלעגנהייטן, וועלכע האָבן אים ווייניק אינטע־רעסירט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון די דאָזיקע אויפגאַבן ווייל אַזוי האָט געפאָדערט דער פּרעסטיזש פון זיין פּועלי ציון פּאַרטיי. אין דער אמת׳ן איז אים דער דאָזיקער כבוד צוגעטיילט געוואָרן נישט צוליב זיין פּאַרטיי־צוגעהעריקייט, נאָר צוליב זיינע אייגענע פעאיקייטן. עס איז דאַן געווען אַ מנהג אין די אידישע שטעטלעך, ווען קהל אָדער בעלי בתים האָבן געהאַט סכסוכים און האָבן זיי נישט געקאָנט שליכטן, האָט מען די סכסוכים איבערגעגעבן דער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע אויטאָריטעט אויפן אָרט, אַז זי זאָל דעם ענין אויסגלייכן. און דערפאַר האָט די פּאַרטיי פאַר איר קאַסע באַקומען דאָס בוררות־געלט. אין פּלאָנסק זיינען אויך גע־ווען פאַלן ווען דער רוסישער ריכטער האָט זיך געווענדעט צו דוד גרין, אַלס פּאַרטיי־פירער, און אים געבעטן אויסגלייכן שווערע ענינים אין וועלכע ער האָט אַליין נישט געוואָלט אַריינקריכן.

אַזעלכע בוררות׳ן זיינען אים נישט געווען צום האַרצן, אָבער צוליב פּאַרטיי־פּרעסטיזש האָט ער זיך פון זיי נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט וועגן זיין אַרעסט אין וואַרשע, ווען זיין פאָטער איז געלונגען אים שנעל צו באַפרייען. יענער אַרעסט איז אָבער ביי דוד גרין נישט געווען דער ערשטער. אַ שווערערן פאַל האָט ער געהאַט אין וולאָצלאַוועק. און יענער אַרעסט איז טאַקע פאַראורזאַכט געוואָרן צוליב אַ בוררות, וועלכע ער האָט דערליידיקט.

אַלס בורר איז דוד גרין איינמאָל אַרויסגערופן געוואָרן קיין ראַציאָנזש, אַ שטעטל נישט ווייט פון פּלאָנסק. אין שטעטל איז דאַן פאָרגעקומען אַ מחלוקת צווישן צוויי צדדים וועגן צוויי רבנים.

די פועלי ציון אויפן אָרט האָבן געהאַט זייער מיינונג וועגן דעם פאַסנדן רב. און ווען איין רב האָט ערב פסח גע׳כשר׳ט די אויוונס, איז געקומען דער צווייטער צד, וואָס האָט געהאַלטן פאַרן צווייטן רב, און האָט אין די אויוונס אַריינגעגאָסן ביר, וואָס איז שטאַרק חמץ. ס׳האָט זיך געפונען אַ בעל־הבית אין שטעטל וואָס איז אַוועק־געגאַנגען און דערציילט וועגן דעם „נאַטשאַלסטווא״. עס זיינען פאַרגעקומען אַרעסטן אין שטעטל און מ׳האָט צוריק געענטפערט מיט שיסן. עס האָט זיך פאַרקאָכט אַ גאַנצע קאַשע.

טראָץ דעם, וואָס ראַציאָנזש האָט געהערט צו וולאָצלאַוועקער קרייז, און נישט צו פּלאָנסק, האָבן די דאָרטיקע בעלי־בתים זיך געווענדעט צו די פועלי ציון אין פּלאָנסק, אַז זיי זאָלן שיקן זייערן אַ שופט, וועלכער זאָל צוריקשטעלן דעם שלום אין שטעטל. דוד גרין האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אָננעמען די וויכטיקע שליחות.

דריי טעג און דריי נעכט איז ער געזעסן אין ראַציאָנזש, האָט אויסגעהערט אַלעמענס טענות, און צו אַלעמענס באַפרידיקונג איז אים געלונגען אויסצוגלייכן דעם סכסוך. אָבער אַלס דיסציפּלינירטער פּאַרטיי מיטגליד, וועלכער האָט ליב אָרדנונג, האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב פריער צוצופאָרן קיין וולאָצלאַוועק, אין דער קרייז־שטאָט, און איבערגעבן די דאָרטיקע חברים דעם פאַרלויף פון די גע־שעענישן אין ראַציאָנזש. אַנשטאָט צו פאָרן אַהיים איז ער מיטן שיף איבערן ווייסל אַוועקגעפאָרן קיין וולאָצלאַוועק. מיט זיך, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ מענטש, וואָס האָט ליב אָרדנונג, האָט ער געהאַט גענויע פּראָטאָקאָלן וואו ס׳איז געווען אַלץ באַשריבן, אויך וועגן דער שיסעריי און אַנדערע אומלעגאַלע זאַכן.

ווי נאָר די שיף איז אָנגעקומען אין וולאָצלאַוועק, נאָר איידער ער איז אַראָפּ אויפן ברעג, האָט זיך אַ שווערע האַנט פון אַ רוסישן זשאַנדאַרם אַוועקגעלייגט אויף זיינע דינע פּלייצער, און אַ דיקע שטימע האָט אַרויסגעבורטשעט אין רוסיש די צוויי ווערטער: „קום



דוד בן־גוריון אויף אַ שיפל אויפן ים כנרת



דוד בן־גוריון אין קרייז פון זיין פאַמיליע

מיט מיר!" אַ מסירה איז געקומען קיין וולאָצלאַוועק נאָך פאַר אים. און ס'איז דאַן אָנגעקומען שווער אים צו באַפרייען. דאָס האָט אָפּגעקאָסט גאַנצע טויזנט רובל.

דער דאָזיקער אַרעסט האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן צו זיין ווייטער טעטיק אין דער פועלי ציון פּאַרטיי און אַרומפאָרן אַלס איר פאַרטרעטער. און צו זיינע רעדעס אין די שולן און זאַלן זיינען געקומען נישט נאָר יונגעלייט, וועלכע זיינען געווען פאַרקאָכט אין פּאַרטיי לעבן, נאָר אויך סתם בעלי־בתים, וועלכע זיינען געקומען געניסן אַ גוטע רעדע. זיין רעדע נאָך ד"ר הערצל'ס טויט, אין יאָר 1904, ער איז דאַן אַלט געווען נישט קיין פולע 18 יאָר, איז געווען אַ מייסטער־רעדע פון טרויער און זויזיע צוזאַמען. אַ לאַנגע צייט האָט פּלאָנסק נאָכהער גערעדט וועגן דער דאָזיקער רעדע. ווען ער האָט געענדיקט רעדן האָט ר' שמחה אייזיק, דער גייסטיקער פירער פון די ציוניסטן אין שטעטל, זיך אויסגעדריקט:

— „נאָך אַזעלכע צען בחורים און דאָס אידישע פאָלק וועט געהאָלפן ווערן!"

אַלס „עקסטערן" אין וואַרשע איז פאַר אים אויך געשטאַנען די מאַטעריעלע פראַגע: פון וואָס עקזיסטירט מען? צו לייזן די דאָזיקע פראַגע איז אים נישט שווער אָנגעקומען. ס'האָט אים אַרויסגעהאָלפן זיין קענטעניש אין העברעאיש: ער איז געוואָרן אַ העברעאישער לערער. אויך זיינע אָפטע באַזוכן אין דער היים, אין פּלאָנסק, האָבן אים פאַרלייכטערט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם.

ער האָט געזען דעם אויפברויז פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905; ער האָט זיך אין איר אַקטיוו באַטייליקט, גלויבנדיק, אַז זי ברענגט באַפרייאונג פאַר אַלע אירע בירגער. ער האָט אָבער אויך געזען די פינסטערע רעאַקציאָנערע כוחות, וועלכע זיינען געקומען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע. ער האָט דאַן אויך איבערגעלעבט די שוידערלעכע פּאָגראָמען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן ווי אַ כוואַליע איבער אידישע שטעט און שטעטלעך. די אידישע באַ־

פעלקערונג, וואָס איז געבליבן זיצן ביי דער צעבראָכענער מולטער פון בירגערלעכער רעכטלאָזיקייט האָט זיך געפילט ביטער ענטוישט אין אירע פּאָליטישע האָפענונגען. און נאָך יאָרן פון העכסטער אָנשטרענגונג איז געקומען אַ תקופה פון רעאַקציע, פון געבראָכנ־קייט און נידערגעשלאָגנקייט אין אידישן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן. ער האָט ווייטער אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע נישט גע־קאָנט לעבן און ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל, און דעם דאָזיקן באַשלוס האָט ער פאַרווירקלעכט אין אלול תרס״ו, ענדע זומער 1906.

די זעקס יאָר צווישן 1900 1906 זיינען געווען שטורמישע יאָרן אין לעבן פון דעם יונגען פּלאָנסקער רעוואָלוציאָנער. און זיי האָבן אויך אויסגעהאָמערט דעם כאַראַקטער פון דעם צוקונפטיקן ערשטן פּרעמיער פון ישראל. אין די דאָזיקע יאָרן איז פּלאָנסק געוואָרן באַרימט אַלס פעסטונג פון פּועלי־ציוניזם, און דוד גרין — איז געווען איר באַסטיאָן, איר אומבאַזיגבאַרער פאָנען־טרעגער. אַלע אידישע אַרבעטער פּאַרטייען פון יענע יאָרן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אויף דער אידישער גאַס, האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף דער דאָזיקער פעסטונג, נאָר קיינער האָט זי נישט געקאָנט ביי־קומען. אַלע פּאַרטייען פלעגן קיין פּלאָנסק שיקן זייערע שטאַרקסטע רעדנער, כדי צו דיסקוטירן מיט דעם יונגען דוד גרין, כדי אים אָפּצוהאַקן זיינע שטאַרקע אָדלער־פליגלען. דאָס איז זיי אָבער נישט געלונגען.

צו דער דאָזיקער אָרט טעטיקייט האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַן ענדע. איבעררייסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט! ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן אַרבעטער אין ארץ ישראל, און דווקא אַן ערד־אַרבעטער.

אַ קליינע שילדערונג פון דעם טאָג, ווען ער האָט פאַרלאָזן פּלאָנסק, געפינען מיר אין אַ בריוו, וואָס זיינע אַ יוגנט־חבר־טאָרין, אַ פּלאָנסקערין, רחל בית־הלחמי, וועלכע איז צוזאַמען מיט אים

געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט צו אים געשריבן נאָך דער פּראָקלאַ־
מירונג פון מדינת ישראל:

„אין יענעם גרויסן און היסטאָרישן פרייטאָג בין איך געזעסן ביים ראַדיאָ און מיט אַ ציטערדיק־קלאַפּנדיקן האַרץ זיך צוגעהערט צו יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון דיין מויל, און פון מיינע אויגן זיינען גערונען טרערן פון פרייד. איז דאָס ווירקלעכקייט? זיינען טאַקע נאָך צוויי און פערציג יאָר נאָך אונזער קומען אין לאַנד פאַר־ווירקלעכט געוואָרן אונזערע חלומות, וועלכע מיר האָבן גע׳חלומ׳ט אין דער יוגנט? און פאַר מיר האָט אויפגעטויכט אַ בילד פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם טאָג אין וועלכן מיר האָבן פאַרלאָזן פּלאָנסק. דאָס הויז האָט געקאָכט מיט קרובים און פריינט, וועלכע זיינען געקומען מיט אונז זיך געזעגענען. און נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך צעשיידט פון אַלעמען, האָבן מיר זיך געווענדעט צום מזרח און געזונגען די „שבועה״. וואָס פאַר אַן איבערלעבונג, וואָס פאַר אַ הייליקער ציטער האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער טאָג אין אונזער לעבן, דער אָנהויב״...

און נאָך יענעם פריידיקן אָנהויב זיינען פאַר דוד גרין געקומען שווערע יאָרן פון אָנשטרענגנדער אַרבעט און פון שווערן קאַמף.

זעכצטער קאַפּיטל

אין ארץ ישראל

וואָס האָט באַוואויגן דעם יונגען דוד גרין צו פאַרלאָזן די היים, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט; צו פאַרלאָזן וואַרשע מיט איר ברויזנדיקן אידישן לעבן; צו פאַרלאָזן די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן, און עולה זיין קיין ארץ ישראל, וואָס איז דאַן געווען כמעט אַ מדבר, און ווערן אַן ערד־אַרבעטער, אויסקלייבן די שווערסטע מלאכה? עס האָבן געמוזט זיין טיפע סיבות וואָס האָבן געקאָנט מאַכן אַזאַ איבערברוך אין אַ יונגען מענטשנס לעבן. וואָס זיינען זיי, די סיבות?

אין אַ פּאָליטישן רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן מיט 37 יאָר שפּעטער, פּסח תש״ג, פאַר יונגע חברים, דערציילט ער דאָרט:

— „איך בין געקומען אין לאַנד ווען איך בין געווען אינגער פון מאַנכע חברים, וועלכע זיצן דאָ. איך בין געקומען פאַרצווייפלט, ריכטיקער — פון פולשטענדיקער און אַבסאָלוטער פאַרצווייפלונג פון גלות, און אויך פון ציוניזם און סאָציאַליזם, ווי זיי האָבן דאַן איסגעזען. איך בין געווען סיי אַ ציוניסט און סיי אַ סאָציאַליסט. דאָס איז געווען די תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, און איך בין געווען אַ רעוואָלוציאָנער.

— „ווען די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן איז אין מיין האַרץ געשאַפן געוואָרן אַ פּוסטקייט. איך האָב געוואוסט, אַז די רעוואָלוציע וועט פּילייכט באַפרייען רוסלאַנד, אָבער נישט דאָס אידישע פאָלק.

פון גרויס פאַרצווייפלונג בין איך געקומען אין לאַנד. איך האָב געגלויבט, אַז דאָ איז דער איינציקער און לעצטער מקלט. אין דעם דאָזיקן גלויבן איז פּילייכט געווען שגעון. דער „בונד" און די „ס. ס.׳אָווצעס" (ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אין דער ווירקלעכקייט געווען טעריטאָריאַליסטן) האָבן אונז געזאָגט, אַז ארץ ישראל איז אַ לאַנד פון פּגרים און קברים, אַ לאַנד פון זאַמדן און מדבריות, אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין וואַסער און ליגט אונטער דער אַנאַרכישער הערשאַפט פון טערק.

— „זיי האָבן אויך געזוכט אונז צו איבערצייגן, אַז דאָס, וואָס מיר גייען טאָן — ווערן ערד־אַרבעטער אין דאָרף — איז אַ רעאַקציאָנערער טאַט און איז געגן די געזעצן פון דער „עקאָנאָמישער וויסנשאַפט", ווייל לויט די „געזעצן" גייען די מענטשן פון דאָרף אין שטאָט, אָבער נישט פון שטאָט אין דאָרף.

— „אויך די ציוניסטישע מנהיגים האָבן זיך צו אונז באַצויגן מיט שפּאָט. אויף אונזער וועג קיין ארץ ישראל, אין אָדעס, אין קאָמיטעט פון חובבי ציון, האָבן מיר געטראָפן: מ. ל. ליליענבלום (1843—1910), מ. מ. אוסישקין (1863—1941) און מ. ברכיהו (1869—1946) — און קיינער האָט אונז נישט אויפגעמונטערט אין אונזער אונטערנעמונג. עס האָט אונז באַגעגנט מיט פריידל נאָר איינער, אַן אַרבעטער פון פּתח תקוה, אשר אָסטראָווסקי.

— „אויך אונזערע חברים פון פועלי ציון האָבן נעגירט אונזער טאַט. ווייל דאָס וואָלונטאַריזם — דאָס וואָרט חלוציות האָט נאָך דאַן נישט עקזיסטירט — האָט זיך נישט געדעקט מיט דער מאַרקסיסטישער הלכה. לויט דער פועלי ציוניסטישער וויסנשאַפט פון יענער צייט האָט די עליה קיין ארץ ישראל געדאַרפט זיין אַ סטיכישע און נישט קיין וואָלונטאַרישע".

אין דער דאָזיקער רעדע ווערט דערמאָנט די שטאָט אָדעס. נישט אַלע פון רוסלאַנד, און נאָך ווייניקער פון רוסיש־פּוילן, זיינען דאַן קיין ארץ ישראל געפאָרן איבער אָדעס, כאָטש דאָס איז געווען

דער איינציקער פּאָרט אין דרום־רוסלאַנד, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיט ארץ ישראל. די רייזע איבער אַדעס איז געווען אַ שווע־רערע, אַ טייערערע און אויך נישט אַלעמאָל אַ מעגלעכע. פון אַדעס האָט מען געקענט פאָרן נאָר אויף אַ לעגאַלן אופן, מיט אַ „גובער־נאַטאָרסקן פּאַס", וואָס האָט דאַן געקאָסט 25 רובל, אַ גרויסע סומע פאַר נישט פאַרמעגלעכע אימיגראַנטן. און נישט אַלע, יונגעלייט האָבן געקאָנט באַקומען אַזאַ אויסלענדישן פּאַס. אַ יונגערמאַן, וואָס האָט נישט געקאָנט צושטעלן קיין מאָראַלישע צייגעניש פון דער פּאָליציי — האָט אַזאַ פּאַס נישט באַקומען. און יעדער יונגערמאַן, וואָס איז געווען פאַרדעכטיקט אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט — האָט אַזאַ צייגעניש נישט באַקומען. אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען נאָענט צום פּריזיוו־עלטער האָט אויך נישט געקאָנט באַקומען קיין „גובערנאַטאָרסקן פּאַס".

ס'רוב אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד אין יענער עפּאָכע האָבן טאַקע גע'גנב'עט די גרענעצן. קיין ארץ ישראל איז דאַן געווען באַקוועמער צו פאָרן איבער טריעסט, וואָס האָט דאַן גע־הערט צו עסטרייך. מ'האָט נאָר געדאַרפט גנב'ענען דעם גרענעץ קיין עסטרייך, און פון גרענעץ ביז טריעסט האָט שוין קיינער קיין פּאַס נישט פאַרלאַנגט. דער יונגער דוד גרין האָט אָבער שוין דאַן געהערט צו די שטאַלצע, גראַדליניקע כאַראַקטערן, וועלכע גנב'ענען נישט קיין גרענעצן, וועלכע גייען ניט אום קיין געזעצן. אויב ס'זיינען פאַראַן שוועריקייטן אויף זייערע וועגן — באַקעמפן זיי די דאָזיקע שוועריקייטן, אָבער מען גנב'עט זיך פון זיי נישט אַרויס.

די רייזע פון רוסלאַנד אָדער פּוילן קיין ארץ ישראל, איבער אַדעס, איז דאַן, מיט איבער 45 יאָר צוריק, געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג, נישט קיין קלענערע ווי אַ רייזע קיין אַמעריקע. מען האָט זיך צו איר לאַנג געגרייט, געבאַקן און געקאָכט שפּייז אויף מיטצונעמען. און די רייזע קיין ארץ ישראל האָט דאַן געדויערט

נישט ווייניקער ווי קיין אַמעריקע — אַ 3־4 וואָכן בערך. און געפאָרן איז מען מיט קליינע רוסישע שיפן. איבער דעם ברויזנדיקן שוואַרצן ים איז אָפטמאָל די רייזע געווען אַן אומדערטרעגלעכע. דער איינציקער פּאָרט, וואָס איז דאַן, אין די טערקישע צייטן, באַנוצט געוואָרן אין ארץ ישראל איז געווען דער פּאָרט אין יפו. די שיפן פלעגן זיך דאָרט אָפּשטעלן בערך אַ האַלבן מייל אין ים, ווייט פון ברעג. צום ברעג פלעגן די שיפן נישט צושווימען צוליב די אונטערוואַסער שטיינער. און זיי קאָנען דאָס אויך היינט נישט טאָן. איז געווען אַ שטורם ביים ברעג ים פלעגט די שיף זיך אינגאַנצן נישט אָפּשטעלן ביי יפו, נאָר פלעגט אַוועקגיין ביז ביירוט; און אויפן וועג צוריק פון ביירוט, ווען דער ים האָט זיך איינגעשטילט, פלעגט מען די פּאַסאַזשירן אַראָפּלאָזן ביי יפו.

אַראַבער אויף קליינע לאָדקעס פלעגן צופאָרן צו די שיפן, און אויף זייערע הענט פלעגן זיי אַריבערטראָגן די פּאַסאַזשירן אין די לאָדקעס. אָפטמאָל, גאַנץ איינפאַך, אַריינוואַרפן די פּאַסאַזשירן אין די לאָדקעס, ווי מען וואַרפט פּעקלעך. צופאָרן דעם האַלבן מייל אויף די קליינע שיפלעך איז צייטנווייז געווען שווערער ווי די גאַנצע ים־רייזע. און אַריינגעקומען איז מען אין לאַנד אויף דעם אַזוי גערופענעם „רויטן צעטל", אויף אַ באַגרענעצטער צייט. און שטעלנדיק די ערשטע טריט אין לאַנד, נאָך אין האַפן — אין „גומעריק" — האָט שוין דער טערקישער באַאַמטער פון אייך פאַרלאַנגט „באַקשיש", כּאַבאַר, אַ מין פאַרשפּרעכן, אַז ער וועט אייך שפּעטער נישט טשעפּען, נישט אויפפאָדערן אייך, אַז איר זאָלט נאָכקומען די טערקישע גזירה און פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אַלעקסאַנדער זייד, איינער פון די ערשטע פון דער „צווייטער עליה", וועלכער איז געקומען אין לאַנד נאָך אין 1904, דערציילט, אַז ווען ער איז אַרויס פון שיפל און אַריין אין האַפן, האָבן אים די טערקישע באַאַמטע אַרעסטירט ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין

פאַס. ער האָט אָבער מיט זיך געהאַט אַ זילבערנעם זייגער, אַ ירושה פון פאָטער, און אַ פּאָר רובל — און דאָס האָט אים באַפרייט.

שפּעטער פלעגן די אידישע האָטעל־אייגנטימער פון יפו אַרויף אויף די שיפן און פלעגן איינרוימען די פּאַסאַזשירן אַ סוד, אַז זיי זאָלן ביי זיך נישט האָבן קיין געלט אָדער טייערע חפצים, כדי די טער־קישע באַאַמטע זאָלן דאָס ביי זיי נישט צונעמען. און טאַקע די זעלביקע האָטעל־אייגנטימער פלעגט מען איבערגעבן „אַריבער־צושמוגלען״ די פּאָר רובל, וואָס זיינען ביי מאַנכע נאָך פאַרבליבן פון וועג.

אין יפו האָבן דאַן עקזיסטירט צוויי אידישע האָטעלן, ריכטיקער געזאָגט, אכסניות, וועלכע פלעגן אויפנעמען די יונגע אידעאַליס־טישע אימיגראַנטן. איינע פון די אכסניות האָט געהערט צו אלקנה ספּעקטאָר, וואו עס פלעגן פאַרפאָרן די „פּועלי ציון״ פון אויסלאַנד, און די צווייטע האָט געהערט — צו חיים ברוך, וואו עס פלעגן פאַרפאָרן די אָנקומענדיקע חברים פון „הפּועל הצעיר״. די דאָזיקע ביידע פּאַרטייען האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט געגרינדעט. איבער־שלאָפן אַ נאַכט אין איינער פון די דאָזיקע אַכסניות האָט געקאָסט צוויי בישליק, אין טערקיש געלט. און אַמאָל, ווען דער עולה האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן איבערנעכטיקן, פלעגט אים דער בעל הבית אויך געבן אַ מאָלצייט אויף באָרג, אויף לכשירחיב, אַז ער וועט זיך שטעלן אַרבעטן און פאַרדינען.

אין די דאָזיקע האָטעלן האָט מען נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף די כללים פון היגיענע, דערפאַר איז דאָרט אַלע מאָל געווען זייער היימיש. האָט מען געהאַט אַ בעט וואו צו שלאָפן — איז געווען וואויל ווי די וועלט, און אַז נישט — איז אויך נישט געווען קיין טראַגעדיע. דאַן איז מען געשלאָפן אויף אַ סעניק אויסגעבעט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. און אין די ביידע האָטעלן איז געשטאַנען אַ שטענדיקער יאַריד.

אַלע יונגעלייט, וועלכע זיינען דאַן געקומען אין לאַנד, זיינען

שוין פֿאַרבליבן צו עטלעכע טעג און איינער פֿון די דאָזיקע אכסניות. מען האָט זיך דורכגעשמועסט מיט חברים וועגן די וויכטיקסטע פּאַרטיי ענינים; מען האָט זיך געטיילט מיט איינדרוקן פֿון דער רייזע; מען האָט דערווייל געמאַכט פּלענער וואוהין צו פֿאָרן אויף אַרבעט; אָדער מען האָט זיך סתם געוואָלט אויסרוען.

דוד גרין איז געקומען אין לאַנד מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן און אַפֿילו אויף איין נאַכט האָט ער נישט געוואָלט בלייבן אין האָטעל. זיין ריכטונג איז געווען געוועגדעט צו פּתח תקוה — „די מוטער פֿון די קאָלאָניעס". און זיין פּלאַן איז געווען: ערד־אַרבעט. זייענדיק איינער פֿון די ערשטע אין דער פּועלי ציון אין לאַנד מיט אַ רעוואָ־לוציאָנערע פֿאַרגאַנגענהייט און מיט פּאַרטייאישער דערפֿאַרונג — האָבן אים זיינע פּאַרטיי־חברים, וועלכע זיינען געקומען פֿאַר אים, געבעטן, אַז ער זאָל פֿאַרבלייבן אין יפו און זיך אָפּגעבן מיט פֿאַר־שטאַרקן די פּאַרטיי און איר אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איבעררעדן. „שיבת ציון" — לויט זיין מיינונג — האָט גע־מיינט נישט זיצן אין שטאָט און אָנפֿירן אַ פּאַרטיי, ווי וויכטיק דאָס זאָל נישט זיין. „שיבת ציון" מיינט אומקערן זיך צום באָדן און ווערן אַן ערד־אַרבעטער. און נאָך אין דעם זעלביקן טאָג, וואָס ער איז אַראָפּ פֿון שיף, איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין פּתח תקוה.

דער וועג קיין פּתח תקוה איז דאַן נישט געווען גאָר קיין לייכ־טער. געוויינלעך זיינען די אידישע אַרבעטער דעם וועג געגאַנגען צופֿוס, אָבער מאַנכע — זיינען אים אויך געפֿאָרן. דריי מאָל אַ וואָך איז געגאַנגען אַ דיליזשאַנס פֿון יפו קיין פּתח תקוה. דער דילי־זשאַנס האָט גענומען די פּאַסאַזשירן פֿון עק שטאָט. אין דעם האַרטן וואָגן מיט שטרוי, אויסגעבעט האָט מען אַריינגעקוועטשט וויפֿל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. די אַכט מייל ביז פּתח תקוה איז מען גע־פֿאָרן צוויי שעה און אַמאָל מער. דער וועג איז געווען אַ זאַמדיקער, אַ שווערער, און ערטערווייז אויך אַ זומפּיקער. און די ערשטע נאַכט

אין פתח תקוה איז ער נישט געשלאָפן. ווער קאָן דען שלאָפן די ערשטע נאַכט אין ארץ ישראל?

דאָן, ווען דוד גרין איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז די לאַגע פון אידישן אַרבעטער געווען זייער אַ טרויעריקע, און נאָך טרויעריקער איז געווען די לאַגע אין פתח תקוה, וואו מ׳האָט מיט אַ קורצער צייט פריער אויף אים דערקלערט אַ „חרם". אליהו אבן־טוב, איינער פון די בויער פון כפר יחזקאל, דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט אים צו יענער צייט אויפגענומען אין פתח תקוה, ווען ער איז צו אַ פּרדסן געקומען בעטן אַ טאָג אַרבעט:

— „היי, יונגעלייט, איר מאַכט זיך אַביסל נאַריש. ערשטנס איז דאָס ארץ ישמעאל און נישט ארץ ישראל. און צווייטנס — מהיכא תיתי, אַזעלכע יונגעלייט ווי איר וואָלטן אָוועקגעפאָרן אין אַמעריקע און געמאַכט אַ פאַרמעגן — דעמאָלט איז נישט שלעכט אויך אין ארץ ישראל!"

בערל קאַצענעלסאָן, דער באַרימטער גייסטרייכער אַרבעטער־פירער, וועלכער איז געקומען אין לאַנד מיט אַ דריי יאָר שפּעטער, נאָך דוד גרין, דערציילט אויך וואָס פאַר אַ באַציאונג דער אידישער ישוב האָט דאַן געהאַט צו די אידעאַליסטישע יונגעלייט, וועלכע זיינען געקומען מיט דער „צווייטער עליה". (די „צווייטע עליה" האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1904 און האָט אָנגעהאַלטן אַ צען יאָר, ביזן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג). ער דערציילט:

די ערשטע פראַגע, וואָס מ׳האָט געשטעלט דעם נאַר־וואָס אַריינגעקומענעם אין לאַנד איז געווען: „צו וואָס זענט איר גע־קומען?" און גלייך נאָך דער פראַגע זיינען געקומען אויסדרוקן פון שפּאָט אויף ארץ ישראל, ליצנות׳דיקע אויסדרוקן, אויסלאַכן אויפן אַדרעס פון די דאָזיקע טיפּשים. דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת־פנים, וואָס יעדער ניי־אָנגעקומענער האָט דאַן באַקומען. יעדער האָט זיך געפרייט מיטן דורכפאַל אין לאַנד, און מ׳האָט

געטריבן שפּאַס אויפן רעכענונג פון די ניי־געקומענע נאַאיווע מענטשן.

און ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער ישוב? ווי אַזוי האָט אויס־געזען די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט אין לאַנד? וואָס פאַר אַן אַטמאָספערע האָט דאַן געהערשט אין דער אידישער באַפעלקע־רונג?

אין אָנהויב פון דער „צווייטער עליה" האָט ארץ ישראל גע־ציילט אַ אידישע באַפעלקערונג פון אַרום 60 טויזנט נפשות, פון וועלכער אַ גרויסער טייל איז געווען „חלוקה"־אידן, וועלכע האָבן געלעבט אויפן חשבון פון די כוללים, אויף צדקה. דער צענטער פון די דאָזיקע אידן איז געווען ירושלים. די אידישע לאַנד־ווירטשאַפט האָט דאַן געציילט אַרום 5 טויזנט נפשות. ס'רוב פון די קאָלאָניעס זיינען ביז דאַן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דעם באַ־רימטן באַנקיר באַראָן עדמונד ראָטשילד (1845—1934), דעם „הנדיב הידוע", וועלכער האָט אויף זיי אויסגעגעבן הונדערטער מיליאָנען פראַנק.

דער פילאַנטראָפּישער כאַראַקטער פון דער אידישער קאָלאָ־ניזאַציע האָט אינגאַנצן דערשטיקט די פּערזענלעכע איניציאַטיוו פון די קאָלאָניסטן און אָפּגעשוואַכט זייער שאַפנדן גייסט. די קאָ־לאָניעס האָבן אָנגעווואוירן זייער אינערלעכע אויטאָנאָמיע און די נאָגצע דעה אין דער פאַרוואַלטונג איז אַריבערגעגאַנגען צו די באַאַמטע פון באַראָן, וועלכע האָבן מערסטנס נישט געהאַט קיין אינערלעכע באַציאונג צום גאַנצן ענין ארץ ישראל, פון אויפ־לעבן דאָס לאַנד, און זיינען אויך גאַנץ אָפט פּערזענלעך געשטאַנען נישט אויף דער בויטיקער מאָראַלישער הויך.

די קאָלאָניסטן פון זייער זייט זיינען אַראָפּגעזונקען אין תהום פון מאַטעריאַליזם, זיי האָבן אָנגעהויבן באַשעפטיקן ביליגע אַרבע־טער, באַשרענקענדיק אויף אַזאַ אופן זייער אייגענע טעטיקייט אויף שקלאַפן־טרייבעריי. דער גאַנצער אַמאָליקער אידעאַליזם, וואָס האָט

זיי געבראַכט אין לאַנד אַריין, איז פאַרשוואונדן, און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער „עגל הזהב", די גאָלדענע קאַלב. די פריערדיקע הייליקייט איז פאַרביטן געוואָרן מיט ציניזם, און אין דעם גייסט איז אויך אויפגעוואַקסן דער קומענדיקער דור. די יוגנט האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דער אָרעמער ארץ ישראל, און איז אַוועק שטור־דירן אין דער גרויסער וועלט, ס׳רוב קיין פראַנקרייך, מערסטנס אויפן חשבון פון באַראָן ראָטשילד. קיין נאָכוואוקס אין די קאָ־לאָניעס איז כמעט נישט פאַרבליבן. דעם אָרט פון אידעאַליזם האָט פאַרנומען — דער סנאָביזם, און פראַנצויזיש האָט גענומען הערשן אין דער „העכערער געזעלשאַפט", ביי די קינדער פון אכרים, לאַנד־ווירטן.

די דאָזיקע גייסטיקע ירידה פון די אידישע קאָלאָניסטן אין יענער צייט שילדערט אויף אַ בולט׳ן אופן אחד העם („הישוב ואפּוטרופּסיו" אין „על פרשת דרכים" חלק ב׳), וועלכער האָט אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט באַזוכט ארץ ישראל. ער שרייבט:

— „אַ מבול מיט גאָלד איז אָן אויפהער אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר געפאַלן פון הימל אויף ראשון (געמיינט: ראשון לציון — ה. א. ה.) און האָט אַלצדינג פאַרפלייצט: די ליבע און פעאי־קייט צו אַרבעט, דעם ווילן און ענערגיע, דעם נאַציאָנאַלן אידעאַ־ליזם און דעם מענטשלעכן ערן־געפיל. ער, דער גאָלד־מבול, האָט נאָך זיך גאָרנישט איבערגעלאָזן, נאָר אַ פאַרביטערטע האַרץ און אַ דערדריקט געמיט, פאַרצווייפלונג און אוממעכטיקן צאָרן.

— „די ערגסטע און אָממייסטן־פאַרדאָרבענע קאָלאָניע, סיי מאַטעריעל און סיי מאָראַליש, איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זכרון יעקב. זכרון יעקב איז נישט קיין קאָלאָניע, נאָר אַ שאַנדע: אַ שאַנדע פאַרן „נדיב" (באַראָן ראָטשילד — ה. א. ה.) און זיינע באַאַמטע, וועלכע האָבן זי געשאַפן; אַ שאַנדע פאַר אירע איינוואוינער, וועלכע האָבן באַוויליקט צו דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער שאַ־פונג; און אַ חרפּה פאַר די חובבי ציון, וועלכע האָבן אין פאַרלויף

פון יאָרן צוגעזען וואָס עס גייט דאָרט פאָר און האָבן געשוויגן.

— „מיין האַרץ קאָכט אין מיר ווען איך דערמאָן זיך יענע מענטשן, ס׳רוב געבילדעטע און האַרציקע, וועלכע זיינען קיין ארץ ישראל געקומען אין זייערע בעסטע יאָרן צוליב אַ געהויבענעם אידעאַל, און גע׳חלומ׳ט וועגן אַ גרויסער צוקונפט, פרייהייט און כבוד, אויפריכטיקער און הייליקער אַרבעט, דאָס אויפלעבן פון פאָלק. — און וואָס זיינען זיי איצט? — — — די אידעאַליסטן און גייסט־מענטשן זיינען געוואָרן קליינמוטיק און ווייכהאַרציק, וואָס יעדער איינער פון זיי ציטערט פאַר זיין אָרעמען גראָשן. זיי האָבן פאַרלוירן יעדן ווילן און יעדע נייגונג צו אַ גרויסער אַלגעמיינער פעולה מיט דער באַטייליקונג פון אַלע כוחות. זייער ביטערע פאַרצווייפלונג שיינט זיי אַרויס פון זייערע אויגן, און דער פחד פאַרן „באַלעבאָס״ איז איינגעקריצט אין אַלע זייערע געזיכט־צוגן״.

די דאָזיקע ציטאַטע פון אחד העם האָט בן־גוריון געבראַכט אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן צו דעם 25־יעריקן יובילײ פון דער „צווייטער עליה״.

דאָס איז געווען די לאַגע אין ארץ ישראל אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון אונזער יאָרהונדערט. און וויסנדיק דעם הינטער־גרונט איז אונז לייכט זיך פאַרצושטעלן, וואָס פאַר אַ שווערע אויפ־גאַבע עס האָבן אויף זיך גענומען די אידעאַליסטישע יונגעלייט פון דער „צווייטער עליה״, וועלכע זיינען געקומען דאָרט בויען אַ נייעם לעבן אויף געזונטע ווירטשאַפטלעכע און מאָראַלישע יסודות.

און נאָר ווייניקע פון די, וואָס זיינען דאַן אַריינגעקומען אין לאַנד, האָבן זיך געקאָנט איינוואָרצלען אין נייעם באָדן. נאָר אַ צען פּראָ־צענט, בערך, האָבן אין זיך געפונען גענוג כוח און אויסדויער, כדי בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען. די איבעריקע, אַרום 90 פּראָ־צענט, האָבן צוריק פאַרלאָזן דאָס לאַנד און האָבן זיך צעשפרייט איבער אַלע ימים. און דאָס צוריקלויפן איז געווען אַ בהלה׳דיקס,

אַ בחיפזון׳דיקס, אָפּטמאָל נישט אָריענטירנדיק זיך אַפילו, וואָס דאָרט קומט פאָר.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות קאָן דאָ דערציילן אַן עפּיזאָד פון זיין אייגענער דערפאַרונג: האָרט פאָרן ערשטן וועלט־קריג, נאָך אין דער תקופה פון דער „צווייטער עליה״, אַלס יונגער בחור׳ל בין איך דאַן געקומען, כדי צו שטודירן אין דער „הרצליה״ גימנאַזיע, אין תל אביב. אין האָטעל פון חיים ברוך, וועלכער האָט מיר אַראָפּגענומען פון שיף, האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז נאָר אַ פּאָר טעג אין לאַנד און אַז ער פאָרט באַלד אַוועק אין אַ קאָלאָניע, וואו ער וועט זיין אַ „שומר״. צו זיין אַ „שומר״ — איז דאַן געווען דער העכסטער אידעאַל פון די ניי־אָריינגעקומענע אידעאַליסטן. און ער האָט אויך נישט מיט ווייניק שטאָלץ דאָס וואָרט „שומר״ אונטערגעשטראָכן. פאַרן אַוועקפאָרן אין דער קאָלאָניע האָב איך אים געזען אַ מונטערן, אַ פריילעכן; אויפן קאָפּ אַ „קעפיא״ און „עגל״, ווי אַן אַראַבער; זיינע הילצערנע שיך, די „גאַלעטשעס״, האָבן שטאַרק אָפּגעהילכט אויף די שטיינער פון חיים ברוך׳ס הויף. איך האָב אים דאַן נישט ווייניק מקנא געווען.

איך בין נאָך געווען אין חיים ברוך׳ס אכסניה, כ׳האָב נאָך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געפינען פאַר זיך אַ צימער אין תל אביב, אינגאַנצן עטלעכע טעג זייט דער „שומר״ איז אַוועק־געפאָרן, און איך האָב אים ווידער דערזען אין דער אכסניה. דאָס מאָל האָט ער גאָר אַנדערש אויסגעזען. דאָס פריילעכקייט איז אים געווען פאַרשוואונדן פון געזיכט, די נאַז אויסגעצויגן, געקליידעט אין זיינע אייראָפּעאישע בגדים מעשה פראַנט:

— וואָס איז געשען מיט אייך?

— מאָרגן גייט אַ שיף קיין אייראָפּע און איך פאָר אַהיים!

— פאַרוואָס?

און ער האָט מיר דערקלערט, אַז מיט אַ נאַכט פריער האָבן

אַראַבער געשאָסן אויף אַ „שומר" אין אַ דערבייאיקער קאָלאָניע, נישט ווייט פון דעם אָרט וואו ער האָט געהאַלטן וואַך...

צוליב דער אָדער אַן אַנדער סיבה — און מענטשן זיינען גע־לאָפן פון לאַנד. און סיבות זיינען געווען אַ סך. ס'איז דאָרט, אויסער אידעאַליזם, נישט געווען וואָס ס'זאָל די מענטשן צובינדן. דערפאַר אָבער די וואָס זיינען פאַרבליבן — זיינען געווען אַן אויסערגעוויינ־לעכער מענטשן־מאַטעריאַל; אַלע — אויסגעשפּראָכענע כאַראַק־טערן; גרויסע אידעאַליסטן מיט שטאַרקן אויסדויער קראַפט. נעמען מיר מאַכן אַ סך הכל פון די צען יאָר, וואָס די „צווייטע עליה" האָט אָנגעהאַלטן — קאָנען מיר שווער באַגרייפן די גרויסע דער־גרייכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער קורצער תקופה: אין דער קאָלאָניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן די „קבוצה" — אַ שאַפונג, וועלכע האָט דעם ישוב שפּעטער געבראַכט אַ סך כבוד און אָנערקענונג; אידישע אַרבעט איז אַריינגעדרונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט, „כיבוש העבודה"; ס'איז געשען אַ רעוואָלוציע אין דער דערציאונג פון קינד און יוגנטלעכן; ס'איז פאַרגעקומען די באַפרייאונג פון דער אַרבעטער־פרוי. זי האָט באַקומען די זעלביקע פליכטן און רעכטן, וואָס דער אַרבעטער־מאַן; ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרבעטער־ליטעראַטור; ס'איז געוואַקסן דער פאָליטיש־אָרגאַניזירטער כוח פון די אידישע אַרבעטער.

דאָס איז נאָר אַ קליינע רשימה פון די דערגרייכונגען פון דער „צווייטער עליה". און עס איז נישט אַליין די קאָנקרעטע דערגריי־כונגען. אַדאַנק די דאָזיקע איבערגעגעבענע יונגעלייט, איז די גאַנצע אַטמאָספערע אין לאַנד אַנדערש געוואָרן. זי האָט זיך אויסגערייניקט, געזונטער געוואָרן. ס'איז פאַרשוואונדן די פראַגע: „צו וואָס זענט איר געקומען?". אין די לעצטע יאָרן פון דער „צווייטער עליה" זיינען אַריינגעקומען כמעט ווי רעגלמעסיק אַרום הונדערט נייע עולים יעדע וואָך — און דער ישוב האָט זיך שוין געפרייט מיט זיי. און נישט נאָר איז די באַפעלקערונג געוואַקסן, נאָר אויך דער

שטח פון אידישן באָדן איז פאַר דער צייט כמעט ווי פאַרדאָפּלט געוואָרן, פון 220 טויזנט דונאַם אויף איבער 400 טויזנט דונאַם. ס'זיינען צוגעקומען וויכטיקע נייע קולטורעלע אינסטיטוציעס. און אויך די העברעאישע שפראַך האָט געשלאָגן טיפערע וואָרצלען; און פון יענער צייט איז באַקאַנט דער שפּראַכן־קאַמף, קעגן איינפירן דייטש אין חיפה'ער טעכניקום, אַ קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן זיג פאַר העברעאיש.

איינער פון די אויסגעצייכנטסטע פון דער „צווייטער עליה", וועלכער, אַלס פירער פון די פועלי ציון, האָט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס אַ היפּש ביסל בייגעטראָגן צו די דאָזיקע ענדערונגען אין לאַנד — איז דוד גרין, אָדער ווי ער האָט זיך אין יענע יאָרן גענומען רופן: דוד בן־גוריון. און ער האָט בייגעטראָגן צו די ענדערונגען, נישט נאָר אַלס פּאָליטישער פירער, נאָר אויך אַלס פּשוטער ערד־אַרבעטער. ער האָט דורכגעמאַכט דעם ביטערן וועג פון גיין זיך משתדל זיין וועגן אַ טאָג אַרבעט. און אויך דעם הונגער־וועג און קדחת־וועג — וועלכע אַלע זיינע דעמאָלטדיקע קאָלעגן זיינען דורכגעגאַנגען.

אין זיינע שריפטן געפינען מיר זייער ווייניק ערינערונגען פון זיינע ערשטע יאָרן אין לאַנד. צו די ווייניקע ערינערונגען, וואָס גיבן אַ קלאָר בילד פון יענער עפּאָכע, איז דער קאַפּיטל „ביהודה ובגליל". דאָרט שרייבט ער:

— „...און די דריי: אַרבעט, קדחת און הונגער זיינען פאַר מיר געווען ניי און פול מיט אינטערעס, צוליב דעם בין איך דאָך געקומען קיין ארץ ישראל. דער קדחת־פיבער פלעגט מיך באַזוכן מיט „מאַטעמאַטישער" פּינקטלעכקייט — איין מאָל אין צווי וואָכן. און דער הונגער איז ביי מיר געווען אַן אָפטער אורח. ער פלעגט ביי מיר זיין אייניקע וואָכן און אָפטמאָל גאַנצע חדשים. בייטאָג האָב איך געזוכט אויסצודרייען זיך פון אים מיט אַלערליי מיטלען, אָדער וויניקסטנס — אָפּטאָן דעם געדאַנק פון אים. אָבער אין די

נעכט, אין די שלאָפלאָזע נעכט, פלעגט זיך דער הונגער פאַר־שטאַרקן: דריקןביים האַרצן, פאַרדרייען דעם קאָפּ, אויסזויגן דעם מאַרך פון די ביינער, ער פלעגט מאָנען און פייניקן — און אַזוי ביז פאַרטאָג ווען איך פלעג איינדרימלען אַ צעבראָכענער אַ צו־זאַמענגעדריקטער. אין דער פרי, ווען איך פלעג זיך אַרומוואַשן פלעג איך באַמערקן, אַז מיינע האָר פאַלן אויס.

— „און אַזוי פלעגן זיך טוישן די טעג פון אַרבעט מיט די טעג פון קדחת און הונגער, זיי פלעגן אַוועק און צוריק קומען, אָבער די התלהבות און שמחה זיינען נישט שוואַכער געוואָרן".

אויב די ערשטע פיאָנערן מיט אַ דור פריער, די בילו׳ים, האָבן געלייגט דעם יסוד פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל, האָט אים די „צווייטע עליה" פאַרטיפט און באַפעסטיקט. היינט אין דער פערספעקטיוו פון אַ פיר צענדליק יאָר, קאָן מען זאָגן, אַז אויף יענעם פאַרטיפטן און באַפעסטיקטן יסוד איז אין יאָר 1948 געוואָרן מעג־לעך אַוועקצושטעלן דעם בנין פון דער אידישער מדינה. און יענער הונגעריקער פון פיבער־אויפגעגעסענער ערד־אַרבעטער האָט זוכה געווען צו ווערן איר ערשטער פרעמיער.

זיבעטער קאַפּיטל

אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער

ווען דוד גרין איז סוף זומער 1906 (אלול תרס״ו) געקומען קיין פּתח תקוה, זיינען דאָן אין ארץ ישראל געווען אַרום פינף הונדערט אַרבעטער צעשפּרייט אין פאַרשיידענע ערטער פון לאַנד. פּתח תקוה איז דאָן געווען דער צענטער פון די „באַיאַרעס״, פון די אידישע פּרדסים, און האָט דעריבער פאַרמאָגט פאַרהעלטניסמעסיק אַ גרויסע צאָל אידישע אַרבעטער, לויט די באַגריפן, וועלכע האָבן דאָן געהערשט. „די מוטער פון די קאָלאָניעס״ איז אָבער געווען ווייניק צוגעפּאַסט פאַר די אידעאַליסטישע יונגעלייט, די פרישגעבאַקענע אַרבעטער, וועלכע זיינען נאָר וואָס געקומען פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד אָנגעזאַפּט מיט נייע אידייען, מיט נייע וועלט־אַנשויאונגען.

פּתח תקוה מיט 40—50 יאָר צוריק האָט אויסגעזען ווי אַ קליינע טיפּישע שטעטל אין פּוילן אָדער ליטע. גיכער פּוילן איידער ליטע, ווייל אין ליטע האָט איר שוין דאָן נישט געזען אַזוי פיל לאַנג־געקליידעטע אידן, אין די שבתים, — אַזוי פיל שטריימלעך, ווי איר האָט געזען אין פּתח תקוה. אין דער צייט וואָס אין די אַנדערע באַרימטע קאָלאָניעס, ווי גדרה, רחובות אָדער ראשון לציון, האָבן שוין דאָן געבלאָזן נייע ווינטן אין באַצוג צו פרומקייט — נישט אַזוי אין פּתח תקוה. אין דער דאָזיקער קאָלאָניע האָט נאָך בפרהסיה יעדער געמוזט „פירן שטאָט״. זי איז דאָן אָנגעגאַנגען אַלס

פרומע קאָלאָניע. עס האָט נאָך דאָרט געהערשט דער גייסט פון דער פרומער ירושלים, פון וואַנען עס זיינען געקומען אירע ערשטע קאָלאָניסטן.

אויך פון געזונט־צושטאַנד איז פתח תקוה נישט געווען קיין פּאַסיקער אָרט פאַר אַ יונגעמאַן, וואָס האָט געליטן פון פיבער נאָך אין וואַרשע. סיי אין דער קאָלאָניע און סיי אַרום איר זיינען געווען אַ סך זומפּן, וואָס האָבן געבראַכט די קדחת־קראַנקהייט. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט טאַקע שטענדיק גע־האַלטן אין איין שלינגען כינין — אַ תרופה צו דעם שטענדיקן פיבער. די גאַסן זיינען נישט געווען ברוקירט, און אויך נישט דער צענטער פון שטעטל — דער מאַרק. נאָך אַ רעגן האָט איר נישט געקאָנט אַרויסגיין פון שטוב צוליב די טיפע בלאָטעס, וועלכע זיינען גע־שטאַנען אין דרויסן. אַזעלכע בלאָטעס האָט איר נישט געקאָנט זעען אַפילו אין די בלאָטיקסטע שטעטלעך פון פוילן אָדער ליטע.

כמעט אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ הילצערנעביידל, וואָס האָט געדינט אַלס פּאָסט־אָפיס. ווען דער דיליזשאַנס האָט געבראַכט די פּאָסט פון יפו, פלעגט צו דער פּאָסט־געביידע אַרויסקומען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז דער בריוו־טרעגער וועט ברענגען אַהיים דעם בריוו אָדער די צייטונג. נישט ווייט פון דער פּאָסט„געביידע״ אין עק פון מאַרק, איז געשטאַנען די גרויסע אויף ווייס געקאַלכטע שול. די גרויסקייט פון שול איז געווען אין אַ דיספּראָפּאָרץ צו דער גאַנצער אומגעבונג.

דער איינציקער „פּאַרוויילונגס־פּלאַץ״ פאַר דער יוגנט איז געווען דער „גורן״, דער שייער, אויסערהאַלב דער שטעטל. דאָרט, אין די אָוונטן, האָט אַלע מאָל געהערשט אַ ראָמאַנטישע שטימונג. די הורבעס שטרוי האָבן געדינט פאַר די אַרבעטער אַלס ליג־שטולן אָדער ליג־בעטלעך, וואו מ׳האָט זיך אויסגערוט נאָך אַ שווערן טאָג קלאַפּן מיטן „פּיאַש״, מיטן גראַב־אייזן. מ׳האָט דאָרט אַ סך דיסקוטירט וועגן וועלט־פּראָבלעמען און נאָך מער — האָט מען גע־

זונגען ווער ס׳האָט געקאָנט און ווער ס׳האָט נישט געקאָנט — אַלע האָבן געזונגען. און געזונגען האָט מען ס׳רוב רוסישע ראָמאַנסן און לירישע לידער פון לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו און אַנדערע.

און די אַרבעטס באַדינגונגען אין פּתח תקוה זיינען אויך געווען ווייט נישט קיין צופרידנשטעלנדע. מ׳קאָן זאָגן — שווידערלעכע. נידעריקערן באַצאָלט האָט מען ערגעץ נישט געקאָנט באַקומען. פאַר אַ טאָג אַרבעט האָט אַ אידישער אַרבעטער דאָן באַקומען פינף טערקישע גרוש, אַזוי פיל וויפל אַן אַראַבישער אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ לוין, וואָס איז אַפילו נישט געווען גענוג אויף ברויט. און מ׳קאָן זיך שוין פאָרשטעלן ווי די אַרבעטער האָבן דאָרט געלעבט. צו פינף אַרבעטער האָבן דאָרט געוואוינט אין איין צימער — און דאָס איז שוין געווען גוט. עס זיינען אויך געווען באַדינגונגען, וואו עס האָבן געלעבט צו צען אַרבעטער אין איין צימער. וועגן מעבל איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַפילו נישט די „באַרימטע" נאַפּט־קעסטלעך. מען איז געשלאָפן איינפאַך אויף דער פּאָדלאָגע, אַפילו אָן אַ סעניק.

ווען דער „מטבח הפועלים", די אַרבעטער קיך, האָט זיך אויס־געבויט און געוואָרן דער צענטער, דער קלוב, פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין פּתח תקוה, איז די צוציאונגס־קראַפט פון „גורן" שוואַכער געוואָרן. אין גרויסן זאַל פון „מטבח הפועלים" פלעגט מען אָפט איינאָרדנען „נשפים", אָוונטן, וואו יוגנט האָט זיך גוט פאַרווײַלט און אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אַלע וועלט־פּראָבלע־מען. דאָרט פלעגט מען אַמאָל מיט אַ גלעזל ווײַן אויך פאַרטרונקען דעם הונגער און אַנדערע צרות.

איין מאָל ביי אַזאַ „נשף", ווען דוד גרין האָט איבערגעכאַפּט די מאָס מיט אַן איבעריקע כוס׳ע, האָט ער גענומען שוואַרצע האָלץ־קוילן פון קיך און איינגעשמירט דעם פּנים פון איינעם פון די חברים, וועלכער איז אַנידערגעפאַלן מיד פון טאַנצן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און איינגעשלאָפן. דער חבר איז אַזוי דורכ־געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און

נישט האָבנדיק קיין צייט אַרומצואוואַשן זיך — איז ער אַוועקגעלאָפן צו דער אַרבעט. ווען די אַרבעטער האָבן אים דערזען — האָט דער גאַנצער פּרדס פאַרהילכט מיט יוגנטלעכן געלעכטער...

בערך אַ יאָר צייט האָט דוד גרין פאַרבראַכט אין פּתח תקוה, און ס׳איז פאַר אים געווען אַ יאָר פון טיפע גייסטיקע איבערלעבונגען און פון שווערער פיזישער אַרבעט. צו 20 יאָר זיך איינבערעכן און ווערן אַן אַרבעטער, און דערצו אַן ערד־אַרבעטער — איז נישט גאָר קיין לייכטע אויפגאַבע. אין פאַרלויף פון דעם יאָר האָט ער אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין כפר סבא. דער באָדן פון כפר סבא איז מיט אַ קורצער צייט פריער אָפּגעקויפט געוואָרן דורך אידן. קיין הייזער, אויסער איינעם, איז נאָך אויפן פלאַץ נישט געווען. די טערקישע מאַכט האָט דאַן אויסלענדישע אידן נישט געגעבן אַזוי לייכט די ערלויבעניש צו בויען הייזער. מ׳האָט דער מאַכט אין ס׳רוב פאַלן אַוועקגעשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. איז אַ הויז איבער נאַכט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן באָדן, האָט עס שוין די פאָליציי נישט געטאָרט צוואוואַרפן.

דוד גרין האָט געוואוינט אין פּתח תקוה און יעדער טאָג איז ער געגאַנגען צו פוס צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. דער וועג אין איין ריכטונג האָט גענומען צוויי שעה. ער פלעגט דעריבער אַרויסגיין פון שטוב פאַרטאָג, איידער די זון באַווייזט זיך.

אין איינעם פון זיינע בריוו אַהיים, קיין פלאָנסק, שילדערט ער אַביסל ווי אַזוי די דאָזיקע אַרבעט אין כפר סבא גייט צו. ער שרייבט צווישן אַנדערע:

— „אין דער לעצטער צייט הויבן אָן די ירושלים׳ער זיך דאָ צו באַפעסטיקן. דער פרייז פון באָדן שטייגט. לאַנגזאַם גייט איבער דער באָדן פון די פּתח תקוה׳ער אייגנטימער צו אַנדערע מענטשן. דעריבער איז דאָ אַ האָפענונג, אַז אין גיכן וועט דאָ אַנטשטיין אַ ריכטיקע קאָלאָניע. דאָ אַרבעטן בערך אַ סך אידישע אַרבעטער. און דאָס ווייל די בעלי בתים זיינען דאָ נישטאָ, און דער אַראַבער

אַרבעט נישט אויב מען שטייט נישט איבער אים. בערך אַ האַלבע שעה איידער די זון באַווייזט זיך, אַזייגער זעקס, גייט מען אַרויס צו דער אַרבעט. די זון שטייגט, די היץ פאַרשטאַרקט זיך, דער שוייס פליסט מיט אַ שטראָם, און דער גראָב־אייזן הויבט זיך אויף און פאַלט אַראָפּ, און עס טרעפט, אַז ער שפּרינגט אָפּ אויף צוריק, ווען ער טרעפט אָן אַ האַרטן באָדן, און קליינע ערד־ברעקלעך שפּרינגען אָפּ און טרעפן דאָס נאַסע געזיכט... דער שוייס צולאָזט די ערד־ברעקלעך, און די ערד־ברעקלעך שמירן אויס דעם שוייס.

— „ניין דעם זייגען הויבט אָן צו בלאָזן אַ קיהלער מערב ווינטל. דער דאָזיקער ווינטל דערקוויקט די נשמה, ווי קאַלטער וואַסער פאַר אַ שטאַרק דאַרשטיקן. די היץ — ווי זי וואָלט פאַרשוואונדן, די מידקייט גייט פאַראיבער, און ווידער הויבט זיך אויף דער גראָב־אייזן אַרויף און אַראָפּ. ווען נישט דער דאָזיקער ווינטל, וועלכער בלאָזט אין די הייסע טעג אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן טאָג, וואָלט כמעט געווען אוממעגלעך צו אַרבעטן. עס טרעפט אָבער, אַז עס בלאָזט אַ גליענדער מזרח ווינט, אַ „חמסין", און דאַן איז די היץ שוידערלעך. דער זאַמד ברענט ווי מיט פייער, און דער ווינט לעקט ווי מיט פייערדיקע צונגען... עס הויבט זיך אויף אַ שטורעם און דער אָטעם ווערט קורץ. אין אַזאַ טאָג אַרבעט מען נישט. אין פאַרלויף פון דעם זומער זיינען פאַראַן צען אַזעלכע טעג.

— „צוזאַמען מיטן זומער קומט די קדחת. די היץ מאַכט ווייך די אויבערשטע באָדן־שיכטן — און פון די נידעריקע ערטער, וועלכע זיינען אַ סך פייכט, שלאָגט אַרויס אַ שלעכטער דאַמף, וואָס ברענגט די קדחת. אָבער, ווי זאָגט מען: „קדחת איז דאָך נישט קיין קרענק!" האָט דען יעקב אבינו נישט געליטן פון היץ בייטאָג און פון קעלט ביינאַכט צוליב זיין געליבטע?... צוליב ליבע צו אַ מיידל — צוליב ארץ ישראל — אַוודאי און אַוודאי!...

— „מיט 25 יאָר צוריק פלעגן די ערשטע חלוצים אויסגיין פון דורשט ווען די קדחת פלעגט זיי באַהערשן, און וואַסער צום טרינקען איז נישט געווען, און קיין שאָטן איז נישט געווען, וועלכער זאָל דערקוויקן די נשמה. אַרום איז אַלץ געווען פוסט, ליידיק, ווילד; די ערד איז געווען נאַקעט, פליכעוואַטע, אָן גראָז, אָן בוימער, אָן געוויקסן; די לופט האָט געברענט, גע׳שרפה׳ט — און זיי האָבן געאַרבעט, געקעמפט, געפאַלן און ווידער אויפגעשטאַנען. היינט קומען מיר אַהער און מיר געפינען דאָ: גערטנער, פרדסים, וויינשטאָקן, אַנגענעמען שאָטן, קאַלט וואַסער, פרישע לופט — גן־עדנ׳ס — זאָלן מיר זיך באַקלאָגן, קרעכצן, זיך אָפּשרעקן? עס וועלן פאַראיבערגיין נאָך 25 יאָר — און אונזער לאַנד וועט זיין איינע פון די פרוכטבאַרסטע לענדער, פון די שענסטע לענדער, פון די אממייסטן גליקלעכע לענדער, און אַן אַלט־ניי פאָלק וועט בליען אין דעם אַלט־נייעם לאַנד, און דאַן וועלן מיר דערציילן ווי אַזוי מיר האָבן געפיבערט און געאַרבעט, געהונגערט און געטרוימט...״

די דאָזיקע ציטאַטן זיינען פון אַ לענגערן בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פתח תקוה כ״ח אייר תרס״ז, בערך אַכט חדשים נאָך דעם ווי ער איז געקומען אין לאַנד. אין די געבראַכטע אויסצוגן זעען מיר דעם טיף־פילנדן און שאַרף־אויגיקן דוד בן־גוריון. דער בריוו איז אַ זעלטענער דאָקומענט פון יענער תקופה, אַ דאָקומענט פון אַ נייעם סאָרט אידישער גבורה, גבורה פון אַרבעט. אין אים ברענגט ער זייער שטאַרק צום אויסדרוק די געפילן פון יענע אידעאַליסטישע יונגעלייט — און קודם כל: זיינע אייגענע געפילן, — וועלכע האָבן זיך מיט עקשנות אַריינגעוואָרפן אין דער שווערער אַרבעט, כדי צו שלאָגן וואָס טיפער זייערע וואָרצלען אין דעם נייעם באָדן.

אָבער ער איז נישט דער ענטוזיאַסט, וואָס זעט נאָר די ליכטיקע זייט פון דער מטבע. ניין, ער איז גלייכצייטיק אויך זייער רעאַליסטיש, ניכטער, און זיין שאַרפער בליק דרינגט אויך אַדורך

די צווייטע זייט פון דער מטבע, די שאַטנדיקע זייט. אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט ער:

— „ווען די שכרות פון דער ערשטער באַגייסטערונג האָט זיך אויסגעוועפּט, האָבן אונזערע בליקן אַנגעטראָפן אַן אַלט בילד, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אַ נייעם ראַם — אַ גלות־בילד. די הימלען זיינען נייע, ארץ ישראל־הימלען, דער באָדן איז אַ נייער — דער באָדן פון פאָטערלאַנד. אָבער די מענטשן זיינען גלות־מענטשן און זייערע מעשים זיינען אויך גלות־מעשים.

— „מיר האָבן געצאָרנט קעגן חלול הקודש און האָבן דער־קלערט אַ קאַמף קעגן די קעשענע־חשבונות, וועלכע צושטערן ביזן פונדאַמענט דעם אויפלעבונגס־בנין. ווי אַ לעבעדיקער פּראָטעסט, ווי אַ דערמאָנונג פון זינד פון וועלכע מ׳קאָן נישט אַנטלויפן, זיינען מיר געווען אין זייערע אויגן. צווישן די אַלטע קאָלאָניסטן און די ניי־אַריינגעקומענע אַרבעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ טיפער אָפּ־גרונט״.

אַלס אַרבעטער אין פאַרשיידענע צווייגן פון לאַנד־ווירטשאַפט האָט ער פאַרבראַכט אַרום פיר יאָר, אַריינגערעכנט די צייט, וואָס ער איז געפאָרן זיך שטעלן צום פּריזיוו אין רוסלאַנד. און געאַרבעט האָט ער נישט נאָר אין די פּרדסים פון פתח תקוה, נישט נאָר אויף די פעלדער פון כפר סבא, נאָר אויך אין דער כנרת־פאַרם, אין אָנהויב פון איר אַנטשטיין, אין מלחמיה, ער האָט געאַרבעט ביי אַ קאָלאָניסט אין זכרון יעקב. אין זומער 1907 האָט ער אויך געאַרבעט אַ געוויסע צייט אין דעם וויין־קעלער פון ראשון לציון. אויך די דאָזיקע אַרבעט האָט אַ געוויסע שייכות צו לאַנדווירטשאַפט. אָבער די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע צייט פון יענע פיר יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין סעדזשערע. ער איז דאָרט געווען אַ קאַרגן יאָר, 1908. צו אַרבעטן אין סעדזשערע, גליל התחתון — איז גע־ווען די שטרעבונג פון די יונגע אידעאַליסטישע אַרבעטער פון דער „צווייטער עליה״.

די איינזייטיקע און מאָנאָטאָנע אַרבעט מיטן „פּיאַש“, מיט דעם שאַרפן אייזערנעם גראָבן און מיטן רידל אין די קאָלאָניעס פון יהודה, האָט אים, נאָכהער ווי ער האָט זיך צו איר צוגעוואוינט, נישט צופרידנגעשטעלט. און זי האָט אויך נישט געקאָנט צופרידנ־שטעלן אַזאַ ברויזנדע נאַטור, ווי דוד בן־גוריון, וועלכע האָט שטענ־דיק געזוכט נייע לעבנס פאָרמען. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען נאָר אַ שווערע מעכאַנישע אַרבעט. ער האָט אין איר אָבער נישט גע־זען די אייגנטלעכע אַרבעט פון אַ פּויער. ער האָט געבענקט נאָך די ברייטע פעלדער, נאָך די וויגנדע קאָרן־זאַנגען, און ער איז דעריבער אַוועק אין גליל און זיך באַזעצט אין סעדזשערע, וואָס ליגט אויפן וועג צווישן חיפה און טבריה. דאָרט האָט ער געפונען אַ מער דאָר־פישן לעבן. דאָרט האָט שוין דאַן געהערשט ריין אידישע אַרבעט (עבודה עברית טהורה) סיי אין די ווירטשאַפטן פון די קאָלאָניסטן און סיי אין דער פאָרם פון „יקא“, וועגן וועלכער מ׳האָט אין די קאַפּיטאַליסטישע „באַיאַרעס“ פון יהודה נאָך נישט געקאָנט חלומ׳ען. „כיבוש העבודה“ — דער קאַמף פאַר איינפירן אידישע אַרבעט אין דער אידישער ווירטשאַפט איז דאָך געווען איינע פון די וויכ־טיקסטע אויפגאַבן פון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט אין פאַרלויף פון מערערע יאָרן.

אין יענער באַצויבערנדער דאָרפישער אַטמאָספערע פון סעד־זשערע, אין דער וויכטיקסטער פון די אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין גליל, האָבן די אַרבעטער געקאָנט מער טראַכטן וועגן די חלוצישע אידעאַלן, און אויך עפּעס טאָן, כדי זיי צו פאַרווירקלעכן. דאָרט איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פאַרזוך צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיוו, אָדער ווי ער האָט דאַן געהייסן —קאָ־לעקטיוו. דאָרט איז דאַן געשאַפן געוואָרן די „החורש“־גרופּע, און דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו וועבן דער געדאַנק וועגן גרינדן אַ אידישע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל היטן אידיש האָב און גוטס און זאָל פאַרטיידיקן אידישן לעבנס — דער שפּעטער —

באַרימטער „השומר". און דאָרט זיינען אויך געגראָבן געוואָרן די ערשטע קברים פאַר די העלדן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

אין דעם דאָזיקן פלאַן פון אויפצושטעלן אַ באַוואָפנטע אידישע אָרגאַניזאַציע איז שוין געלעגן דער געוואָגטער געדאַנק פון אידישער מלוכהשאַפט. אפשר נישט דער געדאַנק אַליין, נאָר אויך דאָס קערנדל פון אידישער מלוכה׳שאַפט: באַוואָפנטע אידישע כוחות, וועלכע זאָלן זיין גרייט אויפצוהאַלטן געזעץ און אָרדענונג אין לאַנד, ווען דער חלום פון דער אידישער מלוכה וועט פאַרווירקלעכט ווערן און די מאַכט וועט זיין אין אידישע הענט. און דער געדאַנק, ווי מיר זעען היינט, איז געווען אַ ריכטיקער. די „הגנה"־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיט 40 יאָר שפּעטער פאַרווירקלעכט דעם אידישן חלום פון מלוכה׳שאַפט, איז געווען אַ דירעקטע פאָרטזעצונג פון דעם „השומר", וועלכער איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן אין די רייען פון די אידישע אַרבעטער פון דער „צווייטער עליה".

כאָטש בן־גוריון איז נישט געווען אין דער איניציאַטיוו גרופּע פון „השומר", איז אים דאָך אויסגעקומען צו קעמפן מיט אַ ביקס אין האַנט, כדי צו פאַרטיידיקן דעם אידישן כבוד און אויך דאָס אידישע האָב און גוטס פון דער קאָלאָניע. צו יענער צייט פלעגן די טשער־קעסן, וועלכע זיינען פריער אַליין געווען די היטער פון „געזעץ" און „אָרדענונג" אין סעדזשערע, אָפט באַפאַלן די קאָלאָניע. דאָס האָבן זיי געטאָן אַלס נקמה־אַקט, ווייל מ׳האָט זיי אָפּגעזאָגט פון די פריער דערמאָנטע אויפגאַבן. די קאַמפן מיט זיי זיינען אָפטמאָל געווען זייער ביטערע. און נישט ווייניק אידיש בלוט איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן.

אין סעדזשערע, אין דער מאָלערישער, אין דער וואונדער־שיינער קאָלאָניע, וואָס ליגט אויפן רוקן פון אַ באַרג, נישט ווייט פון הר תבור; וואו די הייזער שטייען ווי איינע אויף דער אַנדערער; וואו די קאָלירן פון די בערג בייטן זיך אַלע ווילע מיט די ענדע־רונגען אין קלימאַט; וואו די מענטשן האָבן געלעבט רואיק און פרי־

מיטיוו, אין אָרעמע באַדינגונגען, ווי אונזערע עלטערן האָבן געלעבט מיט אַ סך צייט פריער; ווייט פון אַ שטאָט מיט איר מאָדערנער ציוויליזאַציע — אויף ווי ווייט די ארץ ישראל׳דיקע שטעט זיינען דאַן געווען מאָדערניזירט און ציוויליזירט — האָט זיך בן־גוריון געפילט ווי אַ „פיש אין וואַסער". אָט צו אַזאַ אַרט קאָלאָניע, צו אַזאַ אַרט ערד־אַרבעט, האָט ער געשטרעבט. דאָס הייסט זיך אומ־קערן צו דער נאַטור; דאָס הייסט זיך אומקערן צו דער מוטער־ערד. האָט מען זיך דאַן געדאַרפט באַוועגן, קאָמוניקירן זיך מיט אַן אַנדער קאָלאָניע — איז מען געגאַנגען צופוס. דאָס איז דאַן געווען כמעט דער איינציקער קאָמוניקאַציע־מיטל. אין ווינטער, אין רעגן־צייט, ווען ס׳איז געווען שווער צו גיין איבער די בלאָטיקע, פרימיטיווע וועגן — איז מען געזעסן אין דער קאָלאָניע און מ׳איז פון איר נישט אַרויס.

דעם וועג פון פתח תקוה צו זיין נייעם אַרבעטס־פּלאַץ אין גליל האָט ער דורכגעמאַכט צופוס. דער וועג האָט געדויערט עטלעכע טעג. און געגאַנגען מיט אים צוזאַמען איז אַ גרופּע חברים. די טעג איז מען געגאַנגען, און די נעכט איז מען געשלאָפן אַמאָל אין איין קאָלאָניע און אַמאָל — אין אַן אַנדערער. און גראַד איז דאַן אויסגעפאַלן דער פּעריאָד פון קדחת — און ער איז די גאַנצע צייט אין וועג געווען אין אַ פיבערדיקן צושטאַנד.

סעדזשערע איז פאַר אים געווען אַ שטאַרקע איבערלעבונג, ווי ס׳איז פאַר אים געווען פתח תקוה מיט 15 חדשים פריער, ווען ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין לאַנד. פתח תקוה איז געווען אַ מין „פּרוזדור" אין פאַרגלייך מיט דער אמת׳ער ארץ ישראל׳דיקער אַטמאָספערע אין גליל; אין סעדזשערע איז ער געווען מיט אַ שטופּ נעענטער צו זיין אידעאַל. און נישט נאָר האָט אים די שיינע נאַטור פון דער דאָזיקער קאָלאָניע באַהערשט, נאָר אויך אירע מענטשן האָבן אים פאַרכאַפּט. אַזוי פאַרבנרייך און פאַרשיידנ־אַרטיק ווי די נאַטור איז אויך געווען איר קליינע באַפעלקערונג,

וועלכע האָט אינגאַנצן געציילט אַרום 50 נפשות, שוין אַריינגערעכנט די אַרבעטער.

איר האָט דאָרט געהאַט: ברייט־ביינערדיקע פאַרגרעבטע קורדישע אידן ביי דער זייט פון אויסגעדאַרטע און איידעלע תימנ׳ער אידן; יונגעלייט פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט העברעאיש צוזאַמען מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען און אידן געבוירענע אין לאַנד; אשכנזישע אידן פון די ישיבות פון צפת און טבריה און „גרים", געוועזענע רוסישע פּויערים פון געגנט אַרום קאַספּישן ים, וועלכע האָבן אַדאָפּטירט אַ ניי פאָטערלאַנד צוזאַמען מיט זייער נייער אמונה; און ספרד׳ישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך ערצויגן אויף דער פראַנצויזישער קולטור אין די „אַליאַנס" שולן.

און די שפּראַכן, וועלכע האָבן דאָרט געהערשט זיינען געווען: העברעאיש, אַראַביש, אַראַמיש, אָדער תרגום־לשון (פון די קורדישע אידן), אידיש, רוסיש, פראַנצויזיש, שפּאַניש. און טראָץ די מערערע שפּראַכן, וואָס איר האָט דאָרט געהערט, האָבן זיך נישט אַלע איינוואוינער געקאָנט צוזאַמענרעדן צווישן זיך.

קיין סעדזשערע איז ער אָנגעקומען נאָך די הערבסט יום־טובים פון תרס״ח און ער האָט זיך דאָרט שנעל אַקלימאַטיזירט. אין אַ בריוו אַהיים פון פאַר פסח יענעם יאָר דערציילט ער ווי אַזוי ער אַרבעט: ער שטייט אויף יעדן אין דער פרי האַלב נאָך פיר דעם זייגער און זיין ערשטע אויפגאַבע איז צו גיין אין שטאַל און געבן עסן „זיינע" בהמות. שפּעטער, נאָך דעם ווי די בהמות האָבן אָפּגעגעסן מאַכט ער זיך אַליין טיי און צובייסן. ווען עס הייבט זיך אָן צו באַווייזן די ערשטע פרי־מאָרגן דעמערונג, נעמט ער זיין טשערעדע: צוויי אָקסן, צוויי קי, צוויי קעלבער און דעם אייזל און גייט אַוועק אין הויף פון די באַאַמטע, כדי זיי דאָרט אָנצוטרינקען פון דער וואַסער־קאַרעטע.

איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען שפּאַנט ער איין די אָקסן אין יאָך, לייגט אַרויף די זריעה אויפן אייזל און גייט מיט זיי אַוועק

אין פעלד אויף אַ גאַנצן טאָג. כדי אָנצוטרייבן די אָקסן, אַז זיי זאָלן גיין גיכער, נעמט ער מיט אַ דראָנג, וואָס האָט אַ שאַרפן שפּיץ. דער זעלביקער דראָנג האָט פון צווייטן זייט אַ קליין רידל אָפּצושאַרן די ערד, וואָס קלעפּט זיך צו צום אַקער־אייזן.

— „די הענטל פון אַקער־אייזן אין מיין לינקער האַנט און דער דראָנג אין מיין רעכטער — גיי איך מיר נאָכן אַקער און זע ווי שוואַרצע ערד־קאָמעס דרייען זיך איבער, צוברעקלען זיך, און די אָקסן גייען פּאַמעלעך־פּאַמעלעך, רואיק, געלאַסן, ווי חשוב׳ע בעלי־בתּים; און ס׳איז דאַן פאַראַן צייט צו טראַכטן, צו פאַנטאַזירן, צו חלומ׳ן — איז דען מעגלעך נישט צו חלומ׳ן ווען דו גייסט און אַקערסט דעם באָדן פון ארץ ישראל און זעסט אַרום זיך אידן אַקערן דעם באָדן פון זייער לאַנד; דעם באָדן, וואָס דו טרעטסט אויף אים; דאָס לאַנד, וועלכעס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיינע אויגן מיט זיין צויבער און פאַרשיידנאַרטיקער פּראַכט... איז דאָס אַליין נישט קיין חלום?

— „אָבער עס טרעפט, אַז די אָקסן גייט נישט אָן דיינע חלומות, און עס שיינט, אַז זיי אַרט גאָרנישט, וואָס דער באָדן איז אַן ארץ ישראל׳דיקער — און זיי קערן זיך אָפּ אָן אַ זייט. דאַן מוז איך אויך אָפּטאָן די געדאַנקען פון די חלומות און מיטן דראָנג לערנען די אָקסן פאַרשטאַנד. און ווען זיי קערן זיך צוריק אויפן גלייכן וועג — קער איך זיך אויך צוריק צו מיינע חלומות.

— „פיר אַזייגער נאָכמיטאָג קום איך צוריק אַהיים, גיב עסן און טרינקען די אָקסן, נעם אַרויס דאָס מיסט פון שטאַל און רייניק אים אויס, און דאַן בין איך פריי פאַר זיך אַליין! איידער איך גיי שלאָפן גיב איך די אָקסן נאָכאַמאָל צו עסן".

דאָס איז אַ פיינער אַרבעטס־טאָג! אָבער די דאָזיקע אַרבעט איז נאָר פאַר די אָקסן און פעלדער. פאַר זיך אַליין דאַרף מען דאָך אויך עפּעס אויפטאָן. און ער האָט טאַקע אויך פאַר זיך דאַן געטאָן אַ סך. געלייענט און געשריבן. זיך איבערגעגעבן מיט שטודירן פאַרשיידענע

פראָבלעמען, הויפּטזעכלעך סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער האָט דאָן געזוכט צוצופּאַסן די סאָציאַלע טעאָריעס, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון רוסלאַנד צו דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט.

גלייך מיטן באַטרעטן דעם ארץ ישראל׳דיקן באָדן האָט ער איינגעזען, אַז זיינע סאָציאַליסטישע טעאָריעס, וועלכע ער האָט אַזוי פלייסיק געשטודירט אין דער אַלטער היים פּאַסן זיך ווייט נישט איינגאַנצן אַריין אין דעם נייעם לאַנד. קעגן וועמען זאָל ער דאָ, אין ארץ ישראל, קעמפן? מיט וועמען זאָל ער דאָ פירן אַ קלאַסן־קאַמף? ארץ ישראל איז דאָן געווען זייער אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד, מיט אַ קליינער, זייער פּרימיטיווער לאַנדווירטשאַפט, כמעט אינגאַנצן אָן אַן אינדוסטריע, מיט זייער אַן אָרעמער, סיי אידישער און סיי אַראַבישער באַפעלקערונג.

די שיינע סאָציאַליסטישע טעאָריעס, וועלכע זיינען מיט התמדה איינגע׳חזר׳ט געוואָרן אויף די „בירזשעס״ אין רוסלאַנד און פּוילן, האָבן אין דער נייער ווירקלעכקייט נישט געקאָנט האָבן קיין אָפּ־קלאַנג. דוד בן גוריון האָט דאָס גלייך איינגעזען און ער האָט באַ־שלאָסן, אַז די טעאָריעס וועגן סאָציאַליזם און ציוניזם מוזן דאָ אינ־גאַנצן געענדערט ווערן, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען אין לאַנד, די נייע ווירקלעכקייט האָט אים דיקטירט אַוועקצושטעלן מער דעם טראָפּ אויפן ציוניזם. זאָל פריער זיין אַ גרויסער אידישער ישוב אין לאַנד מיט אַן אַנטוויקלטער ווירטשאַפט. און די דאָזיקע ליניע, האָט ער מיט דער גרעסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט דער גרעס־טער אויסגעהאַלטנקייט נאָכגעפאָלגט אין פאַרלויף פון זיין גאַנצער שפּעטערדיקער קאַריערע אַלס אַרבעטער פירער און אַלס פירער פון ישוב.

אַכטער קאַפּיטל

אין דער פּאַרטיי־פירערשאַפט

דוד בן־גוריון׳ס צוגעהעריקייט צו „פּועלי ציון״ דאַטירט זיך פון יאָר 1903, ווען די דערמאָנטע פּאַרטיי איז נאָך געווען אין אירע וויקעלעך, אין סטאַדיע פון איר אַנטוויקלונג: נאָך איידער זי איז געווען אויסגעפורעמט, נאָך איידער זי האָט געהאַט אַ פעסטגע־שטעלטן פּראָגראַם, נאָך איידער זי האָט באַקומען איר גייסטיקן מהות. „אונזער פּלאַטפאָרם״ פון איר טעאָרעטיקער בער באָראָכאָוו (1881—1917), וואָס האָט פעסטגעשטעלט די ליניעס פון דער פּאַרטיי, איז געשריבן געוואָרן בערך מיט אַ דריי יאָר שפּעטער.

כדי בולט׳ער צו זען בן־גוריון׳ס ראָלע אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, און זיין איינפלוס, וואָס ער האָט אויף איר אויסגעאיבט זייט איר אָפיציעלער גרינדונג אין יאָר 1906, וועלן מיר זיך דאָ אין קורצן אָפּשטעלן אויף אירע פּרינציפּן אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ.

די פּועלי ציון, אַלס מאַרקסיסטן, האָבן זיך דאַן באַמיט צו באַ־ווייזן, אַז די רעאַליזירונג פון ציוניזם איז אַ היסטאָרישע נויטווענ־דיקייט לויט די עקאָנאָמישע געזעצן פון דער אידישער ווירקלעכקייט. אַ סטיכישער פּראָצעס צווינגט די אידישע אַרבעטער־מאַסן צו אימיג־רירן, בכדי אין אייגענעם לאַנד איבערצובויען די סאָציאַל־ווירט־שאַפטלעכער סטרוקטור. מיט אַ קאָמפּליצירטער, אָפטמאָל פאַרנעפּל־דיקער, דיאַלעקטיק האָבן אירע פירער געזוכט צו באַווייזן פאַרוואָס

דאָס לאַנד מוז דווקא זיין ארץ ישראל. נישט בלויז צוליב אַלטע תנ״ך סענטימענטן און נאַציאָנאַלן ראָמאַנטיזם גייט דאָס אידישע פאָלק קיין ארץ ישראל, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס נאָר דאָרט איז מעגלעך דער ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער איבערבוי פון אידישן קיום.

נישט אַלע האָבן די דאָזיקע אַרגומענטן ריכטיק באַגריפן און ממילא אויך נישט אָנגענומען. זיי האָבן דעריבער סיי אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס און סיי אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליסטישן פאָרום געהאַט אַ שלעכטע מערכה. אין בעסטן פאַל האָט מען זיי געהאַלטן פאַר סתם ציוניסטן. די איינפלוסרייכע אידיש־אַסימי־לירטע סאָציאַליסטישע פירער ווי וויקטאָר אַדלער, פּאָול זינגער און אַנדערע האָבן זיי אַפילו באַטראַכט אַלס „געלע שאָוויניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. יאָרן לאַנג האָט זיך די פּועלי ציון פּאַרטיי באַמיט, אַז מ׳זאָל זי אַריינגעמען אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָ־נאַל — און אָן ערפאָלג. זי איז אין אינטערנאַציאָנאַל אַריינגענומען געוואָרן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ערשט נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג.

אָט צוליב דער דאָזיקער פיינטלעכער באַציאונג מצד דער סאָציאַליסטישער וועלט, סיי אידישער און סיי נישט־אידישער, האָט זיך די דערמאָנטע פּאַרטיי מיט אַלע מיטלען באַמיט אַלץ מער צו באַגרינדן איר סאָציאַליזם אויפן חשבון פון איר ציוניזם. אין יאָר 1907 טרעט זי אַרויס פון די ציוניסטישע לאַנדעס אָרגאַניזאַציעס און שאַפט אַ באַזונדערן וועלט־פאַרבאַנד. אויך מיט דעם זיינען די רוסישע פּועלי ציון נישט געווען צופרידן און האָבן פאַרלאַנגט איב־גאַנצן איבערצורייסן מיט דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע און אויך מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייל זיי זיינען מאַכט־אָרגאַנען פון דער אידישער בורזשואַזיע...

קעגן די דאָזיקע עקסטרעמע פאָדערונגען זיינען אַרויסגעטראָטן די ארץ־ישראל׳דיקע חברים, — און אויך די אַמעריקאַנער — וועלכע

דוד בן־גוריון גיט אַ מנורה, אַ מתנה, צום פּרעזידענט טרומאַן צו זיין 67טן געבורטסטאָג.
אין מיטן שטייט אבא איבן, ישראל׳ס אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.



דוד בן־גוריון און אַלבערט איינשטיין אין דעם לעצטנס היים אין פּרינסטאָן, נ. דזש.

האָבן אין דער פּאַרטיי פאַרטראַטן דעם רעכטן פליגל. אין ארץ ישראל האָט דעם קאַמף קעגן די לינקע טענדענצן אין דער פּאַרטיי אַמשטאַרקסטן אָנגעפירט דוד בן־גוריון. כמעט גלייך ווי ער איז אַראָפּ פון שיף איז ער ער אַריין אין דער פּאַרטיי. אין לאַנד איז ער געקומען פאַר ראש השנה תרס״ז, און חול המועד סוכות האָט ער זיך שוין באַטייליקט אין דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאַר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ספּעקטאָר׳ס האָטעל אין יפו. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאַר איז ער אויך דערוויילט געוואָרן אין אַ קלענערער צענמאַן קאָמיסיע, וואָס האָט באַקומען דעם אויפטראַג אויסצואַרבעטן אַ פּלאַטפאָרם פאַר דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין ארץ ישראל. און דער זעלביקער אויסדערוויילטער, בן־גוריון, האָט דאַן געפּייערט זיין 20טן געבורטסטאָג. נישט גאָר קיין אַלטער מאַן!

ווי אַלט עס זיינען געווען די אַנדערע ניין מיטגלידער פון דער קאָמיסיע — איז אונז נישט באַקאַנט. וואַרשיינלעך אויך נישט גאָר אַלטע. אַזוי ווי דאַן איז אָנגעגאַנגען אַ סך קאָנספּיראַציע אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט די דערמאָנטע קאָמיסיע באַשלאָסן דאָס קיינער זאָל נישט וויסן וואו זי וועט אָפּהאַלטן אירע זיצונגען. און אויך, כדי נייגעריקע חברים זאָלן איר נישט שטערן אין איר אַרבעט. מיט דעם צוועק האָט די קאָמיסיע פאַרלאָזן יפו און זיך אַריבערגעקליבן אין דעם אַראַבישן שטעטל ראַמלע, וואָס ליגט אויפן וועג צווישן יפו און ירושלים. דאָרט האָבן זיי גענומען אַ צימער אין אַ „חאַן״, אין אַן אַראַבישער אכסניה, און דריי טעג און דריי נעכט האָט מען זיך דאָרט געאַמפּערט וועגן דעם מהות פון פּועלי ציון אין ארץ ישראל; וואָס פאַר אַ געשטאַלט צו געבן דער דאָזיקער אַרבעטער פּאַרטיי אין לאַנד.

דער קאָנפערענץ־צימער אין „חאַן״ איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, ווייט נישט לויט די היינטיקע באַגריפן. אויף וואָס צו זיצן איז נישט געווען, און עס איז אויך נישט געווען קיין אַנדערע מעבל אין צימער. די ענטוזיאַסטישע יונגעלייט האָבן זיך אָבער איבער דעם

נישט געקימערט, אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויך נישט געקימערט וועגן זייער עסן. פון צייט צו צייט פלעגן זיי אַרויסלויפן אין גאַס און אויף גיך עפּעס אַ ביס טאָן, אַן אַראַבישע „פּיתא" מיט אַ פּאָר זיתים. און דאָס אַלץ! קיין אַנדערע מאכלים האָט מען דאָרט נישט געקאָנט באַקומען. דערפאַר האָבן זיי אָבער געטרונקען אַ סך קאַפע, וואָס מען האָט זיי „קאָנספּיראַטיוו" אַריינגעבראַכט, און האָבן געריכערט סיגאַרעטן אָן אויפהער.

אויף דער דאָזיקער זיצונג, וועלכע האָט געדויערט דריי טעג, פון י"ח ביז כ' תשרי (תרס"ז) האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צוויי באַזונדערע שטאַרק־קעגנערישע ריכטונגען: אַ לינק־ראַדיקאַלע ריכטונג, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז דאָס פּראָגראַם זאָל האָבן אַ ריין מאַרקסיסטישן אינהאַלט, און אַ רעכט־נאַציאָנאַלע ריכטונג, וועלכע האָט אונטערגעשטראָכן די אייגנאַרטיקייט פון דעם אידישן פּראָבלעם און פאַרלאַנגט אים צו געבן אַ ציוניסטיש־ארץ־ישראל'־דיקער לייזונג. די ערשטע ריכטונג האָט פאַרטראָטן די פּועלי ציון פון ראָסטאָוו, רוסלאַנד, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ היפּשע גרופּע אין לאַנד, און אין דער צווייטער ריכטונג זיינען געווען פאַרטראָטן די חברים פון פּוילן און ליטע, אָנגעפירט פון דוד בן־גוריון.

שוין דאָרט, אין ראַמלע, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע אויסדרוקס־מעגלעכקייטן, מיט זיין דינאַמישער קראַפט און מיט זיין נישט מיד־ווערן צו איבערצייגן זיין אייגענעם וועג. און שוין דאָרט, כאָטש ס'רוב האָט מיט אים נישט איינגעשטימט, האָבן אים די חברים אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע. מיט אייניקע חדשים שפּעטער איז ער געווען פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע. ווען יצחק בן־צבי, וועלכער האָט זיך אין דער פּאַרטיי דאַן גערעכנט אַלס דער צווייטער פירער, נאָך באָראָכאָוו'ן, איז געקומען קיין ארץ ישראל, אין אָנהויב 1907, איינגאַנצן עטלעכע חדשים נאָך בן־גוריונען,

האָט ער שוין דעם לעצטן געפונען פאַרנעמענדיק אַ צענטראַלע פּאָ־זיציע אין דער פּאַרטיי פון לאַנד.

זיין בייע ליניע אין דער פועלי ציון פּאַרטיי האָט אים אויך געפירט צו אַנדערע קאָנסעקווענצן — צו דער שפּראַכן־פראַגע. די פועלי ציון פּאַרטיי פון יענע יאָרן האָט אַנערקענט נאָר אידיש אַלס די איינציקע שפּראַך פון אידישן פאָלק, און זייענדיק געטרייע אידי־שיסטן זיינען זיי געווען שטאַרקע קעגנער פון העברעאיש. בן־גוריון האָט אָבער גלייך איינגעזען, אַז עס וועט זיין אוממעגלעך צו בויען אַ אידיש לאַנד אָן העברעאיש אַלס די אומגאַנגס שפּראַך פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די אידייע פון „קיבוץ גלויות” וועט נישט קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן אָן דער פולשטענדיקער אויפלעבונג פון דער תנ״ך־שפּראַך, צו וועלכער די אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זייערע סענטימענטן.

ארץ ישראל — לויט זיין איבערצייגונג — געהערט נישט נאָר די אידיש־רעדנדע פון מזרח־אייראָפּע. עס האָבן אין איר אַ חלק די אידן פון תימן אַזוי ווי די אידן פון רוסלאַנד ; די אידן פון איראַק אַזוי ווי די אידן פון פּוילן ; די אידן פון טערקיי אַזוי ווי די אידן פון רומעניע. אין לאַנד מוז הערשן אַזאַ שפּראַך, וואָס זאָל קאָנען צעמענטירן אַלע אידן ; אַ שפּראַך, וואָס זאָל קאָנען שאַפן אַן אייב־הייטלעכע קולטור, וואָס זאָל קאָנען שאַפן אַ געמיינזאַמע ליטעראַטור. און דאָס אַלץ דערגרייכן קאָן מען נאָר מיט העברעאיש, די שפּראַך, וואָס איז פאַרהייליקט ביים גאַנצן אידישן פאָלק, סיי ביי אשכנזים סיי ביי ספרדים, סיי ביי מזרח־אידן און סיי ביי מערב־אידן, סיי ביי פרומע און סיי ביי פרייע אידן.

אָפּטמאָל דריקט ער זיך אויס וועגן אידיש נישט גאָר אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן, און דערוועקט דערמיט דעם צאָרן פון אַלע אידיש־ליבהאָבער. אין די אידישיסטישע קרייזן האָט מען דערנאָך צו אים גרויסע טענות. אָבער אין דעם אָרט אויסדריקן זיך איז שולדיק זיין טעמפּעראַמענט, זיין אימפּולסיווקייט. קיינער וועט אים

אָבער נישט באַשולדיקן אין זיין נישט קאָנסעקווענט, נישט אויס־געהאַלטן. אידיש אַלס שפּראַך האָט ער זייער ליב. ער אַנערקענט אירע פאַרדינסטן און דערגרייכונגען. ער וויל, אַז די דאָזיקע שפּראַך זאָל אָנהאַלטן אויף לאַנגע דורות אין חוץ לארץ. ער רעדט נאָך ביזן היינטיקן טאָג און שרייבט אַ געשמאַקן אידיש. אָבער אין ארץ ישראל — האַלט ער — מוז הערשן העברעאיש.

גלייך מיט זיין אָנקומען אין לאַנד, אָוועקוואַרפנדיק אַ סך פון די אַלטע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס, איז ער אויך געוואָרן אַ קנאי צו העברעאיש. אין דעם פּרט איז ער געווען אַן אויס־נאַם אין דער פּאַרטיי, אַ רעבל קעגן דער אָנגענומענער שטעלונג, אַ „יוצא דופן" צווישן זיינע חברים אידישיסטן. און ער איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג, נישט אָפּנייגנדיק פון אים אַ האָר. און ווי אַזוי דער דאָזיקער וועג האָט דאַן אין ארץ ישראל אויסגעזען אין די רייען פון זיין פּאַרטיי קאָן אויך דינען דער פאָלגנדער פאַקט: ענדע זומער 1910 איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פּועלי ציון. דוד בן־גוריון האָט דאָרט געדאַרפט האַלטן אַ וויכטיקן רעפע־ראַט. ווען ער איז אָבער אַרויף אויף דער טריבונע און גענומען רעדן העברעאיש, האָבן אַלע דעלעגאַטן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דעם זאַל, אויסער דריי. און מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין דאַן געווען, אויב נישט דער וויכטיקסטער פירער פון זיין פּאַרטיי, איז איינער פון די צוויי־דריי וויכטיקסטע פירער.

אין דעם פּרט פון קנאות צו העברעאיש — איז ער געווען איינער פון די פלאַנסקער, וועלכער האָט זיך אין פאַרלויף פון די יאָרן, אין פאַרלויף פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אַממייסטן באַ־רימט געמאַכט. דער פריער דערמאָנטער יצחק בן־צבי באַמערקט אין זיין בוך „העליה השניה", אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד האָט מען אים דערציילט, מיט אַ געוויסן פאַרוואורף, דאָס בן־גוריון'ס העברעאיש רעדן צווישן די אַרבעטער רופט אַרויס פאַרוואונדערונג:

„ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין — אַ חבר פון פועלי ציון און גלייכ־צייטיק אַ קנאי פאַר העברעאיש ?"

אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי האָבן אין די רייען פון די פועלי ציון אין לאַנד זיך בולט אַרויסגעוויזן דריי גרופּן מיט אייגנאַרטיקע, כאַראַקטעריסטישע שטריכן: די ראָס־טאָווער גרופּע, די פּלאָנסקער גרופּע און די ליטווישע גרופּע. די פּלאָנסקער גרופּע איז באַשטאַנען פון יונגע, איבערצייגטע ציוניסטן, און מיט איר אָנקומען אין לאַנד האָט זיך צום ערשטן מאָל אין דעם אַרבעטער לאַגער דערהערט דער קלאַנג פון העברעאיש, אַנשטאָט אידיש, וואָס עס האָבן מיט זיך געבראַכט די חלוצים פון ליטע, און אַנשטאָט רוסיש — פון די ראָסטאָווער חברים.

צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען, צווישן די חברים פון ראָסטאָוו, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער קולטור, פון איין זייט, און צווישן די פּלאָנסקער, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער העברעאישער קולטור, פון דער אַנדע־רער זייט, האָבן די עולים פון ליטע געבילדעט אַ מין בריק צווישן זייביידן. און עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז די פאַר־שיידענע עלעמענטן האָבן זיך פולשטענדיק צוזאַמענגעשמאָלצן אין די רייען פון די פועלי ציון.

די עליה פון פּלאָנסק האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָר—צוויי איידער בן־גוריון איז געקומען אין לאַנד. זי איז באַשטאַנען פון יוגנטלעכע, וועלכע זיינען אַרויס פון גוטע היימען, מאַנכע — אַפילו פון רייכע היימען, און ס'רוב זיינען זיי דורכגעגאַנגען דעם יוגנט־פאַראיין „עזרא". מאַנכע פון די ערשטע, וועלכע זיינען געקומען פון פּלאָנסק, געהערן אויך צו די גרינדער פון „הפועל הצעיר". אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר האָבן די פּלאָנסקער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין די יונגע אַרבעטער רייען, אין דעם אידעאַליסטישן אַרבע־טער לעבן. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ספּעציעל־פיינעם עלעמענט.

אין אַ בריוו צו זיין פאָטער, נאָך אַ פיר חדשים זייענדיק אין לאַנד, שרייבט בן־גוריון:

— „...אונזערע פלאַנסקער זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. סאיז נישטאָ קיין אָרט אין ארץ ישראל וואו ס׳זאָל נישט זיין קיין פלאַנסקער: ש. צ. און ה. אַרבעטן אין סעדזשערע, גליל; די צוויי לעווקאָוויצעס זיינען אין חיפה; פינף וואוינען אין ירושלים; דריי — אין לוד; צוויי — אין יפו; איינער — אין רחובות; פיר — אין נס ציונה; און די איבעריקע — אין פתח תקוה. פּוילן — אַזוי זאָגט מען אין ארץ ישראל — ליגט אין קרייז פון פלאַנסק...״

אַ פיינעם „אַטעסטאַט״ פאַר די פלאַנסקער אין ארץ ישראל האָט אויך אַוועקגעשטעלט דער באַרימטער שריפטשטעלער משה סמי־לאַנסקי. אין אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט אין יאָר 1908 פאַרעפנטלעכט אין „דאָס אידישע פאָלק״ שרייבט ער צווישן אַנדערע:

— „אין פּוילן איז פאַראַן אַ שטאָט און איר נאָמען איז פלאַנסק. די דאָזיקע שטאָט, גלויב איך, איז נישט באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין צענטער און נישט אַרויסגעגעבן פון זיך נישט קיין „מורשים״ און נישט קיין אַגיטאַטאָרן. און דווקא די דאָזיקע שטאָט האָט זיך אויס־געצייכנט פון אַלע שטעט אין רוסלאַנד אין דער לעצטער אַרבעטער באַוועגונג״.

און כמעט גלייך ווי בן־גוריון איז אָנגעקומען אין לאַנד איז אים געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו באַווייזן זיינע פעאיקייטן אויף אַן אַנדער געביט, אויפן געביט פון שליכטן סכסוכים צווישן אַרבע־טער און אַרבעטס־געבער. און אויך אויף דעם געביט האָט ער זיך גוט אויסגעצייכנט. עס האָט דאַן אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין יקב (ווייַן־קעלטער) פון ראשון לציון, וואָס איז צו יענער צייט געווען די גרעסטע אידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג אין לאַנד. בן־גוריון איז אויסגעוויילט געוואָרן אויסצוגלייכן דעם סכסוך, און דאָס איז אים שנעל געלונגען. און אויך דער דאָזיקער פאַקט, האָט

אים צוגעגעבן אַ סך פּרעסטיזש אין די רייען פון די אידישע אַר־בעטער.

און נאָך אַן עפּיזאָד איז דאָ כדאי צו פאַרצייכענען, אַן עפּיזאָד, וואָס געהערט צו דער ערשטער תקופה פון זיין אָנקומען אין לאַנד. ווינטער תרס״ז איז געקומען קיין ארץ ישראל אויף אַ באַזוך דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַני־זאַציע דוד וואָלפסאָן (1856—1914), דער צווייטער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָך ד״ר הערצל. וואָלפסאָן איז דאַן באַגעגנט געוואָרן פון נייעם ישוב, הויפּטזעכלעך אין די קאָלאָניעס, מיט גרויס פייערלעכקייט. צווישן אַנדערע באַזוכער האָט ער אויך אויפגענומען בן־גוריון׳ען אַלס פאַרטרעטער פון די פּועלי ציון און מיט אים געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט דריי שעה. אין געשפּרעך איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַרומגערעדט גע־וואָרן די פראַגע פון די אידישע אַרבעטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ציוניסטישער אַרבעט אין ארץ ישראל.

נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש שרייבט ער אַ לאַנגן בריוו צו זיין פאָטער אין וועלכן ער זאָגט צווישן אַנדערע:

„...דער דאָזיקער געשפּרעך (מיט ד. וואָלפסאָן) האָט פאַר־שטאַרקט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט נאָך מיט זיין ערשטער רעדע אויף דער פאַרזאַמלונג אין יפו. איך האָב אין אים געפונען אַ פּראַקטישן מענטש, אַ פלייסיקן און פאַרשטענדלעכן עסקן מיט אַ קלוגן בליק אויף יעדע זאַך, און וואָס וויס וואָס ער האָט פאַר זיך. אָבער נישט אַזאַ מאַן קאָן פאַרנעמען הערצל׳ס פּלאַץ... יענע אינערלעכע און אויסערלעכע גרויסקייט, יענע טיפע אַריינ־דרינגונג, פיינע פאַרשטעלונגס־קראַפט, געוואַלטיקן ווילן און דער עיקר: די אָריגינעלע פּערזענלעכקייט מיט איר וואונדערבאַרן מאַג־נעטישן כוח, מיסטעריעז־פאַרבאָרגענעם כוח, וואָס ציט צו זיך — אַלע יענע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן ד״ר הערצל געמאַכט אַלס דעם שעפער און מנהיג פון אַ גרויסער באַוועגונג. אומזיסט וועט איר

דאָס זוכן ביי זיין פּאָרטרעטער! הערצל איז געשטאָרבן און ער איז נישטאָ מער״.

בן־גוריון דער הערצליאַנער, דער גרויסער באַוואונדערער פון הערצל׳ס פּערזענלעכקייט, קאָן נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט — ווען ער זעט הערצל׳ס פּאָרטרעטער — נישט צו באַדויערן, וואָס זיין גרויסער לערער אין ציוניזם איז טויט, טראָץ דעם, וואָס עס איז שוין זייט דאַן פאַראיבער צוויי און אַ האַלב יאָר.

די איבערגעגעבנקייט — צו וועמען זי זאָל נישט זיין — איז איינע פון די שיינע שטריכן אין זיין כאַראַקטער. איז ער וועמען איבערגעגעבן — איז עס מיט לייב און לעבן. ווען זיינע עלטערן האָבן געלעבט — איז ער געווען אַ זעלטן איבערגעגעבענער זון. ער איז אַן איבערגעגעבענער פאָטער, אַן איבערגעגעבענער פאַמיליע מענטש, און ער איז אַן איבערגעגעבענער פריינט און חבר. ער ווערט אָפטמאָל אַפילו סענטימענטאַל צו אַ חבר.

אין דעם זאַמל־בוך „העליה השניה״ וואָס עס האָט רעדאַגירט ברכה כאבאס צוזאַמען מיט אליעזר שוחט, געפינען מיר עטלעכע אויסגעצייכנטע בריוו, וואָס בן־גוריון האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין אויפנטהאַלט אין לאַנד געשריבן צו זיין משפחה אין פּלאָנסק. מאַנכע פון די בריוו צייכענען זיך אויס מיט זייערע פיינע נאַטור־שילדערונגען, מאַנכע מיט שילדערן דאָס לעבן, אַן אַנדערע — מיט זיין טיף־צוגעבונדנקייט צום לאַנד. ווען זיינער אַ בריוו פון ארץ ישראל פלעגט אָנקומען אין פּלאָנסק, פלעגט דאָס זיין אַ געשעעניש אין שטעטל הויפּטזעכלעך ביי דער ציוניסטישער יוגנט, וועלכע פלעגט קומען צו ר׳ אביגדור גרין, כדי צו לייענען די בריוו פון זיין זון. די בריוו פלעגן נאָכהער ברייט דיסקוטירט ווערן אויף אירע פאַרזאַמלונגען.

אַנדערע פון די בריוו, וואָס בן־גוריון האָט געשריבן אַהיים, צייכענען זיך אויס מיט אַ סך בענקשאַפט צו זיינע נאָענטע און

טייערע: בריוו פון אַ טיף־פילנדן זון. נאָך אַ קאַרגן יאָר אין לאַנד שרייבט ער:

„מיינע טייערע,

„אויף צוויי בריוו האָב איך נישט באַקומען קיין תשובה, און אין אַלגעמיין האָב איך פון נאָך פּסח אָן פון דער היים נישט באַקומען קיין איין וואָרט. מען דאַרף זיין איינזאַם, ווייט פון עלטערן, ווייט פון דער גאַנצער משפחה, כדי צו פאַרשטיין מיין געמיט־צושטאַנד. פאַרוואָס? פאַרוואָס?

„אויב איך פאַרשפּעטיק אַמאָל שרייבן, קאָן מען נאָך מיר מוחל זיין. איר זענט אַלע צוזאַמען. אָבער אויב איך באַקום נישט אַזאַ לאַנגע צייט פון אייך קיין ידיעה. מיט וואָס זאָל איך זיך צופרידנשטעלן? ווייסט איר דען נישט, אַז עס טרעפט, ווען די בענקשאַפט צעשפּילט זיך און דריקט אויפן האַרץ ביז צום פּלאַצן, איז נאָר אַ בריוו, וואָס קאָן איינשטילן דעם ווייטאָג... אָט זיינען אייערע בילדער פאַר מיר, איך קוק זיך אין זיי איין און פרעג זיי, אָבער אומזיסט, זיי זיינען שטום, שטום!

„און ווען מיר דאָ זיין צוזאַמען? ווען דער דאָזיקער חלום ווען פאַרווירקלעכט ווערן?"

מיר ווילן דאָ ברענגען אַ בריוו פון אַ שפּעטערדיקער דאַטע, פון סעדזשערע, וואָס ער האָט געשריבן נאָך אַ יאָר און אַ פערטל זייענדיק אין לאַנד. דער דאָזיקער בריוו איז גאָר פון אַן אַנדער אינהאַלט, ער איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פּאַרפאַסער. ער שרייבט צום פאָטער:

„נעכטן האָב איך דורך אַן אַרבעטער אין פּתח תקוה באַקומען דיין קאַרטל. עס האָט מיר פאַרשאַפט אַביסל צער. „אַלע, וועלכע קומען, שילדערן ארץ ישראל אין שוואַרצע פאַרבן". איך שרעק זיך נישט פאַר דעם טאָמער וועלן די דאָזיקע שילדערונגען באמת פאַרשוואַרצן דאָס לאַנד אין די אויגן פון די צוהערער. די פאַרשטייענערטע אידן, וועלכע זיינען ביזן האַלדז פאַרזונקען אין די בלאָטעס

פון גלות וועלן זיך נישט אויפכאַפּן אַפילו ווען זיי וועלן הערן, אַז אין די גאַסן פון ארץ ישראל וואַלגערט זיך גאָלד. און דער נייער איד, דער שטאָלצער און קעמפנדיקער, וועט נישט דערשראָקן ווערן און וועט זיך נישט צוריקציען אַפילו אויב ס׳איז אמת אין די מיילער פון די מרגלים. נאָר מיר פאַרדריסט אויף די קליין־קעפּלדיקייט און פאַרשטאָפּטע הערצער פון די דאָזיקע יונגעליייט, וועלכע האָבן נישט אַפילו דעם מוט מודה צו זיין, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון שלאַכט־פעלד, נאָר זיי וואַרפן אַרויף די שולד דורך ליגנס אויף דער שלעכטער לאַגע אין ארץ ישראל. איך קאָן דאָס לאַנד בעסער פון די, וואָס זיינען דאָ געווען און זיך צוריק אומגעקערט. און איך פאַרשטיי אָן ענין נישט ווייניקער פון זיי, און איך זאָג: אַ שקר־בלבול טראַכטן זיי אויס אויפן לאַנד! פון מיינע פריערדיקע בריוו איז געווען צו זען, אַז איך פאַרבאַהאַלט נישט די שלעכטע באַדינ־גונגען, וואָס זיינען דאָ אין ארץ ישראל. אַפילו וועגן מיין קדחת האָב איך מיטגעטיילט. אָבער אַזוי ווי איך וועל נישט פאַרטראָגן קיין איבערגעטריבענע שבחים אויפן לאַנד, אַזוי וועל איך אויך נישט פאַרבייגיין מיט שטילשווייגן אויף די שקר־בלבולים.

„און וואָס עס איז נוגע צו מיר אַליין: אמת, איך האָב פון צייט צו צייט געליטן פון קדחת (אויך מיט דעם האָבן זיי איבערגעטריבן), אָבער ערשטנס איז דאָ דאָס קדחת נישט שעדלעך, און צווייטנס — האָב איך שוין נישט געליטן פון דער דאָזיקער קראַנקהייט זייט דער פייערונג אין ראשון לציון (דריי און אַ האַלב חדשים). ווי עס שיינט האָב איך זיך שוין אַקלימאַטיזירט און האָב נישט פאַר וואָס מורא צו האָבן. — געלט דאַרף איך אינגאַנצן נישט האָבן, און זייענדיק דאַנקבאַר פאַר די צען רובל, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, שיק איך זיי אָפּ צוריק. איך דאַרף זיי נישט האָבן.

„טראַכט" נאָך י. ב. צו קומען, אָדער ער האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטן? לויט מיין מיינונג איז בעסער, אַז ער זאָל דאָרט חלומ׳ען וועגן ארץ ישראל, איידער דאָ — וועגן רוסלאַנד".

נאָך דעם ווי ער איז אַפּגעווען אין לאַנד אומגעפער אַ יאָר און אַ האַלב איז פאַר אים אַרויפגעשוואוימען אַ שווער פּראָבלעם: וואָס טוט מען מיטן פּריזיוו, פאַרן זיך שטעלן צום פּריזיוו אָדער נישט? דאָס פּראָבלעם איז געקומען נישט אומגעריכט. עס האָט געמוזט קומען. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים איז ער געווען קאַרגע 20 יאָר אַלט. און צום פּריזיוו אין רוסלאַנד האָבן זיך יונגעלייט געדאַרפט שטעלן אין הערבסט נאָך זייער 21טן לעבנס־יאָר. אויב אַ יונגערמאַן האָט זיך דאַן אין צייט נישט געשטעלט צום פּריזיוו האָט זיין נאָענטע משפחה געדאַרפט באַצאָלן דער רעגירונג אַ שטראָף פון דריי הונדערט רובל.

אים איז דעריבער נישט לייכט געווען צו לייזן דאָס פּראָבלעם. פון איין זייט האָט ער נישט געוואָלט, אַז זיין פאָטער זאָל באַצאָלן די שטראָף אויב ער וועט נישט קומען זיך שטעלן צום פּריזיוו; און פון דער צווייטער זייט האָט ער אויך נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אויף אַ לענגערע צייט, אין פאַל מען וועט אים נעמען צום מיליטער־דינסט. און צו „באַדויערן" — שרייבט ער דעם פאָטער — איז ער געזונט און שטאַרק און האָט נישט קיין אויסזיכט באַפרייט צו ווערן. אין יענער צייט, מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק, האָט מען אויך געפונען אַנדערע עצות ווי אַזוי באַפרייט צו ווערן פון מיליטער דינסט: מען האָט אונטערגעקויפט דעם דאָקטאָר אָדער אַנדערע הויכע פּריזיוו־באַאַמטע. אָבער אויך וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן. און ער פרעגט אָן דעם פאָטער, וואָס ער זאָל טאָן. ווען ער באַשליסט צו פאָרן שרייבט ער דעם פאָטער דעם פאָלגנדיקן בריוו:

„היינט האָב איך באַקומען דיין בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן נאָך בדיקת חמץ און איך איל זיך אויף אים צו ענטפערן.

„כאָטש איך גלויב נישט, אַז עס וועט געשען אַ נס און איך וועל באַפרייט ווערן — פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל נישט ערלויבן, אַז דו זאָלסט אויף דעם אויסגעבן אַפילו אַ פּרוטה — האָב איך דאָך

באַשלאָסן צו פאָרן. און נישט נאָר ווייל איך וויל פאַרמיידן פון דיר דאָס געלט־שטראָף, נאָר אויך — און הויפּטזעכלעך — ווייל איך וויל זיך מיט אייך זעען. אויב איר בענקט אַזוי שטאַרק נאָך מיר, דעם איינעם, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן און אויסרעכענען ווי אַזוי עס דערגרייכט מיין בענקשאַפט נאָך אייך אַלעמען״.

און ווייטער אין דעם זעלביקן בריוו שרייבט ער:

„אָבער לעת־עתה זיינען אַריבער כמעט צוויי יאָר. אמת, איך בין נישט אין דער פרעמד, אָבער ווייט פון אייך. און וויפל מאָל, הויפּטזעכלעך אין די ערב יום־טובים, האָב איך געוואָלט זיין מיט אייך, זיצן ביי איין טיש, צוהערן זיך צו אייערע געשפּרעכן — ווען אויך נאָר אויף איין רגע... וויפל מאָל האָב איך אַליין גע־שפּאַצירט, מיינע אויגן אין די שטערן און מיין האַרץ איז געווען מיט אייך... אָט איז מיין לאַנד, דאָס צוויבער־לאַנד פאַר מיר, עס איז אַזוי נאָענט, רעדט צו מיין האַרץ — און פונדעסטוועגן דריקט דאָס האַרץ פון בענקשאַפט אַהין, צו דעם פרעמדן לאַנד, צו דעם לאַנד פון פינסטערניש... ווי יענער אַרעסטאַנט, וואָס איז אַליין אַרויס אויף דער פריי און האָט אין תפיסה איבערגעלאָזן זיינע פריינט און אייגענע. ער גייט אַרום אַ באַפרייטער, אָבער אים ציט צו די אַרומגעצוימטע ווענט״.

ער פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד, ערשטנס, כדי צו שטעלן זיך צום פּריזיוו, און צווייטנס, — כדי צו שטילן זיין שטאַרקע בענק־שאַפט נאָך זיינע אייגענע און נאָענטסטע. ער שטעלט זיך צום פּריזיוו — און זיין פאָטער דאַרף פאַר אים קיין שטראָף נישט באַ־צאָלן. עס איז אים נישט געשען דער „נס״, וואָס קאָן אין אַזאַ פאַל אַמאָל טרעפן. דורכגייענדיק אַ פּאָר מעדיצינישע קאָמיסיעס אָן ער־פאָלג, שלאָגט ער זיך דורך אַליין דעם וועג אין דער פרייהייט...

דאָס איז געווען אין הערבסט 1908. נאָך צוויי חדשים זייענדיק אַפּוועזנד איז ער צוריק געקומען קיין ארץ ישראל. אַ פריילעכער און אַ גליקלעכער שרייבט ער (י״א טבת תרס״ט) פון טבריה צו זיין פאָטער: „אַזוי בין איך צוריק אין אונזער לאַנד, פריי פון דעם יונ׳ישן יאָך״.

נײַנטער קאַפּיטל

מיטן ביקס אין האַנט

דוד בן־גוריון איז נישט קיין געזעלשאַפטלעכער מענטש, אין געוויינלעכן, אַנגענומענעם זין פון וואָרט. ער איז נישט „סאָ־שיאַל", ווי מען דריקט זיך אויס אין ענגליש. ער קאָן זיך נישט אַוועקזעצן שמועסן, לשם שמועס, לשם צייט־פאַרטרייב, ווי עס טוען דאָס אָפט גייסטיק־באַשעפטיקטע מענטשן, ווען זיי ווילן זיך אַביסל אָפּרייסן פון זייער אַרבעט, ווען זיי ווילן זיך אויף אַ ווייל אָפּרוען. ער טוט דאָס סיידן דאָס פאָדערט פון אים זיין אַמט, צוליב העפלעכ־קייט. ער איז פון דער נאַטור אַ מתמיד און די צייט איז אים אַלעמאָל זייער טייער. ער האָט נישט קיין איבעריקע צייט. די שעה'ן אין מעת־לעת זיינען אים ווייניק. און איז ער אַמאָל פריי פון זיין רוטין־אַרבעט: פון זיצונגען, פון פאַרזאַמלונגען, פון אויפטרעטן עפנטלעך; איז ער אַמאָל מיד פון זיין פּאָליטישער אַרבעט, איז דאָן דאָס בוך, וואָס מאַכט אים קלאָר די געדאַנקען, וואָס גיט אים צוריק זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט. דאַן זיצט ער און שטודירט, און לערנט. און ער האָט אַ סך געגנשטאַנדן, מערערע וויסנשאַפטלעכע צווייגן, וואָס אינטערעסירן אים זייער שטאַרק.

ער קאָן אין אַ געשפּרעך אויך זיין זייער אינטערעסאַנט, ווען ער רעדט מיט אייך וועגן ענינים, וואָס אינטערעסירן אים, וואָס זיינען אים נאָענט. וועגן פראַגן וואָס זיינען אים נאָענט צום האַרצן — קאָן ער רעדן שעה'ן לאַנג און נישט מיד ווערן. עס דערוועקט זיך

דאַן איז אים דער רעדנער, אָן אונטערשייד וויפל ער האָט פאַר זיך צוהערער.

בכלל איז ער פון די איינגעשלאָסענע נאַטורן, שטענדיק אין זיך, שטענדיק קאָנצענטרירט אויף איין פונקט אָדער אַ צווייטן. ווען ער געפינט זיך אין אַזאַ צשטאַנד — דאַן זעט ער קיין מענטשן נישט, דאַן דערווייטערט ער זיך פון זיי. מ׳קאָן דאַן צו אים רעדן און ער הערט נישט, וואָס מ׳זאָגט אים. און נישט ווייל ער וויל נישט הערן, נאָר ווייל זיינע געדאַנקען זיינען מיט עפּעס וואָס אַנדערש פאַרנומען, ווייל זיין מוח אַרבעט אויף אַן אַנדער געביט.

אַזעלכע איינזאַמע פּעריאָדן, פאַרטיפט אין זיך, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, האָט ער געהאַט גאַנץ אָפט אין די ערשטע יאָרן פון זיין אויפנטהאַלט אין לאַנד, סיי אין פּתח תקוה און סיי אין סעדזשערע — אַזוי דערציילן זיינע פריינט. דאָס בוך איז דאַן געווען זיין איינ־ציקע געזעלשאַפט, מיט אים פלעגט ער זיך באַהאַלטן, אַוועק ווייט פון אַ מענטשלעך אויג. קיין אַנדער פריינט האָט ער נישט געדאַרפט האָבן. ער האָט דאַן מיט התמדה געלערנט, געשטודירט.

אויף זיך: אויף זיין קערפּער, אויף זיין קליידונג, אויף זיין אויסערלעכקייט — האָט ער קיינמאָל נישט געלייגט קיין אַכט. ער טוט דאָס אויך איצט נישט אַלס פּרעמיער. אָבער איצט פאָדערט דאָס פון אים זיין הויכער אַמט. און ער האָט איצט ווער עס זאָל אויף אים אין די דאָזיקע אַנגעלעגנהייטן אַכטונג געבן. דאַן אָבער, ווען ער איז געווען אַ פּשוט׳ער ערד־אַרבעטער, איז ער געווען זייער אָפּגעלאָזן. ער פלעגט אָפּט אַרומגיין אַ צובײלטער, אַ צוקלאָפּטער, און די וואונדן אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. די שווערע לאַנדווירט־שאַפטלעכע מכשירים זיינען נישט אַלע מאָל געגאַנגען אין דער ריכטונג, וואו ער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן גיין, און אַנשטאָט טרעפן אין באָדן האָט ער מיט זיי געטראָפן זיך אין אַ האַנט, אין אַ פוס. גאָר אָפּט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ הינקעדיקער. אַ קליין־געוואוקסיקער און אַ דאַרער בחור׳ל איז ער געווען, האָט ער מיט

זיין אויסערלעכן דערשיינען נישט געמאַכט קיין שטאַרקן איינדרוק. און דערצו איז נאָך זיין קליידונג אויך געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן, פאַרנאַכלעסיקט.

סעדזשערע האָט דאַן געציילט אַרום 20 אידישע אַרבעטער, דאָס איז געווען אַ באַדייטנדע צאָל פאַר יענער צייט. אָבער וואו די צוואַנציק אַרבעטער זאָלן וואוינען — האָט פאַר זיי קיינער נישט געזאָרגט. זומער צייט איז דאָס וואוינונגס־פּראָבלעם פאַר די אַרבעטער געווען נישט שווער צו לייזן. זומער רעגנט נישט און מ׳קאָן שלאָפן אין דרויסן, אונטערן פרייען הימל: אין הויף אָדער אויפן „גורן". דערפאַר איז אָבער דאָס פּראָבלעם געווען אַ שווערס אין ווינטער־צייט, ווען עס רעגנט. האָט סעדזשערע אינערהאַלב דער קאָלאָניע געהאַט צוויי שפּייכלערס, האָט מען דאָרט אויסגעשטעלט „דאָס מעבל" און די אַרבעטער זיינען געשלאָפן. און „דאָס מעבל" פון אַן אַרבעטער איז דאַן באַשטאַנען פון צוויי נאַפט־קעסטלעך מיט אַ פּאָר ברעטער. דאַן פלעגט ארץ ישראל באַקומען נאַפט אימפּאָר־טירט אין בלעכן, און צוויי בלעכן זיינען געגאַנגען געפּאַקט אין אַ קעסטל. אויף אַזעלכע צוויי קעסטלעך פלעגט מען אַרויפלייגן אַ פּאָר ברעטער — און עס איז געווען אַ בעט, עס איז געווען אַ שטול, און אויב איר האָט געוואָלט — אויך אַ טיש.

ווען עס פלעגט זיך דערנעענטערן דער ווינטער פלעגן די אַרבעטער אָנהויבן איינאָרדנען זייער „מעבל" אין איינעם פון די צוויי שפּייכלערס. „וכל הקודם זוכה" — ווער ס׳איז פריער געקומען האָט אָקופּירט אַ בעסערן אָרט. בן־גוריון איז אָבער נישט געווען פון די „זריזין מקדימין", ער האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט גע־טראַכט, און פאַר אים איז נישט געבליבן קיין פּלאַץ אין די צוויי דערמאָנטע שפּייכלערס. ער האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. אויסער די צוויי שפּייכלערס אינערהאַלב דער קאָלאָניע איז נאָך געווען אַ דריטער שפּייכלער אויסערהאַלב דער קאָלאָניע, אויסערהאַלב דער אַרומצוימונג. יענער שפּייכלער איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט תבואה־

זעק און מיט — גרויסע אַנגעפּרעסענע מייז, אַ סך מייז, זיי זיינען געווען אַזוי צאַלרייך דאָרט, אַז ווען זיי פלעגן איבערלויפן פון איין אָרט אויפן צווייטן פלעגן זיי מאַכן אַ טומל.

דאָרט, אין דעם דריטן שפּייכלער האָט דוד בן־גוריון זייענדיק אין סעדזשעראַ איינגעאָרדנט זיין ווינטער־קוואַרטיר: זיין „מעבל", די צוויי קעסטלעך און די ברעטער, און דאָרט האָט ער פאַרבראַכט אַ גאַנצן ווינטער, די לאַנגע רעגנדיקע נעכט. אַלע חברים האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי ער קאָן דאָס אויסהאַלטן, ווי אַזוי ער קאָן דאָרט איבערשלאָפן אַ נאַכט אָבער ווען עס האָט זיך געענדיקט דער ווינטער, ווען עס איז געקומען פרילינג־צייט, האָבן די חברים איי־נער דעם אַנדערן דערציילט, אַז דער פלאַנסקער בחור האָט אין פאַרלויף פון דעם ווינטער גרינטלעך זיך אייסגעלערנט די אַראַבישע שפּראַך, אַזוי ווייט, אַז ער קאָן גוט לייענען דעם „קאָראַן".

די דאָזיקע דערציילונג איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר בן־גוריונ׳ען פון יענער צייט.

אין די ערשטע צוויי־דריי יאָר פון זיין אויפנטהאַלט אין לאַנד, אין די יאָרן צווישן 1907 און 1910, האָט ער כמעט נישט גענומען קיין אַקטיוון אַנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער העכס־טער אינסטאַנץ, אין צענטראַל קאָמיטעט. ער איז געווען מער גייס־טיקער פירער, טעאָרעטיקער, געשליפן די קאַנטורן פון דער פּאַר־טיי, כדי זי זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער ארץ ישראל׳דיקערווירקלעכ־קייט. ער פלעגט אויפטרעטן מיט רעפעראַטן, באַטייליקט זיך אין דיסקוסיעס, אַנטייל גענומען אין קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן. אָבער מיט די געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע פּאַרטיי־רוטין, האָט ער זיך נישט באַשעפטיקט. אין די ערשטע יאָרן — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט — איז די פּאַרטיי געגאַנגען אין אירע אַלטע אויסגע־טראָטענע דרכים, נוסח רוסלאַנד, און איז געווען נישט לויט זיין איינ־שטעלונג. ס׳רוב פון זיינע פּאַרטיי־חברים האָבן אים דאַן געהאַלטן

פאַר אַן עקסטרעם־רעכטן, סיי מיט זיין העברעאיש רעדן און סיי מיט זיין אויסגעשפּראָכענעם ציוניזם. לויט זיינע טיפע וואָרצלען אין אידישן לעבן, אין דער אידישער פאָרגאַנגענהייט, האָט ער זיך מער צוגעפּאַסט צו דער צווייטער אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך דאָרט געשאַפן, צום „הפּועל הצעיר", אָבער נישט צו פּועלי ציון. ערשט שפּעטער, אין פאַרלויף פון יאָרן, האָט זיך זיין פּאַרטיי אין ארץ ישראל אַ נויג־געטאָן צו רעכטס און ביסלעכוויז אָנגענומען זיין איינשטעלונג.

דער ערשטער פאַרזוך, אין יאָר 1907, אַרויסצוגעבן אַ פּאַרטיי אָרגאַן אין ארץ ישראל, איז געמאַכט געוואָרן אין אידיש, „דער אָנפאַנג". בן־גוריון האָט זיך אָבער אין אים נישט באַטייליקט צוליב פּרינציפּ־טעמים. ער האָט געהאַלטן, אַז אין ארץ ישראל מוז דער פּאַרטיי־אָרגאַן דערשיינען אין העברעאיש. די ערשטע צייטונג האָט טאַקע נישט געהאַט קיין אריכת ימים. זי איז גאָר גיך, נאָך עטלעכע נומערן, אונטערגעגאַנגען.

דויערהאַפטיקער איז שוין געווען דער צווייטער פאַרזוך, אין העברעאיש, „האחדות", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין תמוז תר"ע (1910) און האָט עקזיסטירט ביזן 27טן דעצעמבער 1914, ווען די צייטונג איז אין אָנהויב פון ערשטן וועלט־קריג צו־געמאַכט געוואָרן דורך דער טערקישער מאַכט, וועלכע האָט גע־האַלטן, אַז זי פאַרשפּרייט „געפערלעכע" אידייען. בן־גוריון איז גע־ווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער דאָזיקער צייטונג, די אַנ־דערע רעדאַקטאָרן זיינען געווען: יצחק בן־צבי, רחל ינאית און זרובבל.

פּסח תרס"ט איז אַ וויכטיקע דאַטע אין דער „צווייטער עליה". דאַן איז געשאַפן געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ העלדישן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב. דאַן איז געשאַפן געוואָרן דער „השומר", וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע „צו אַנטוויקלען אין לאַנד אַן עלעמענט

פון אידישע שומרים, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע". די אידישע שמירה האָט דאַן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די קאָלאָניעס — איז די אויפגאַבע פון דער נייער אָרגאַניזאַציע געווען זי צו אָרגאַניזירן; און אויך אַריינצוברענגען נייע שומרים אין די קאָלאָניעס, וועלכע באַנוצן זיך נאָך מיט פרעמדע, נישט־אידישע וועכטער.

די אידייע פון „השומר" איז געווען נישט קיין נייע. מיט אַ צוויי יאָר פריער איז געשאַפן געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „בר גיורא", וועלכע האָט זיך געשטעלט אַן ענלעכע אויפגאַבע. און די מיטגלי־דער פון „בר גיורא" זיינען טאַקע געווען די ערשטע גרינדער פון „השומר". דער „השומר" האָט געשאַפן דעם טיפּ העלד, וואָס איז געווען גרייט מוסר נפש זיין זיך כדי צו פאַרטיידיקן דעם אידישן באַזיץ אין ארץ ישראל. זיינע גרינדער זיינען געווען פאַרטיי־חברים איבערגעגעבענע פריינט פון בן־גוריון און אַפילו זיינע אָנ־הענגער. און שטעלט זיך פאַר, אַז ער אַליין איז אויסגעמיטן גע־וואָרן צו זיין צווישן די גרינדער. און מיט אַ כוונה איז דאָס געמאַכט געוואָרן. ווער איז אויסגעמיטן געוואָרן? ער, וואָס האָט נאָך אַלס אינגל אָרגאַניזירט די זעלבסטשוץ אין פּלאָנסק; ער, וואָס איז מיט זיין גאַנצער איינשטעלונג געווען אַן „השומר"־טיפּ וואָס האָט שפּעטער זיין גאַנצן לעבן געווידמעט דער פאַרטיידיקונג פון ישוב.

און נאָך אַ פאַקט, וואָס איז דאָ ווערט פאַרצייכנט צו ווערן: ער האָט זיך אויך נישט באַטייליקט אין דער פועלי ציון קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן צו יענער צייט, ווען ער האָט גע־אַרבעט אין סעדזשערע. און אויך דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל. פון „השומר"־צענטראַלע אין יהודה איז געגעבן געוואָרן אַן אָנ־ווייזונג, אַז מ'זאָל אים נישט ווילן אַלס דעלעגאַט צו יענער קאָנ־פערענץ. אַן אַנדער אַרבעטער, נישט פון זיין קאַליבער, איז דאַן צו דער קאָנפערענץ געפאָרן אַלס דעלעגאַט פון גליל.

מיט יאָרן שפּעטער האָט איינער פון די גרינדער פון „השומר",

ישראל שוחט, געגעבן אַן ערקלערונג פּאַרוואָס מ׳האָט דאַן בן־גוריונ׳ען נישט איינגעלאַדן — אָדער ריכטיקער געזאָגט: אויסגעמיטן — צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „השומר״.

— „לויט זיין מהות — האָט שוחט געזאָגט — און זיין צוגאַנג צו די לעבנס־פּראָבלעמען אין לאַנד, האָט ער געפּאַסט צו זיין איינער פון אונז, און דאָס האָט ער אויך איבערצייגט מיט זיין האַנדלונג אין גליל, ווען ער איז אַרויס אויף אַ שווערער און סכנות׳־פולער שמירה אויף מאָרגן נאָך דעם מאָרד פון די שומרים אין סעדזשערע. אָבער מיר האָבן געהאַט ספקות אין באַצוג צו גייסט־מענטשן, וועלכע האָבן זייערע אייגענע טעאָריעס און קאָנען דערוועקן פראַגן און וויכוחים. ס׳איז געווען צווישן אונז בן־צבי, און מיר האָבן אין אים געזען אַ מין סאָציאַליסטישן רבי׳ן; אַ מענטש וואָס טראַכט צווישן אונז, וועלכער וועט קאָמענטירן און דערקלערן וואָס מיר מעגן און וואָס מיר טאָרן נישט, און וועט פסק׳ענען דינים לויט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער תורה, אַ תורה וועלכע איז פאַר אונז געווען אַ וועג־ווייזערין. און מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אַ צווייטן גייסטיקן פירער, וועלכער איז פעאיק אַרויסצורופן ספקות און וויכוחים אין ענינים, וואו מיינונגס־פאַרשיידנקייטן טאָרן נישט זיין״.

די דאָזיקע מורא, וועגן וועלכער עס דערציילט ישראל שוחט אַזוי פאַרזיכטיק, איז אָבער געווען אַ פאַלשע און איבערגעטריבענע. און אויב זיינע חברים האָבן אים אויף אַ קורצער צייט אויסגעמיטן פון „השומר״, האָט אים אָבער דער ישוב, די ארץ ישראל׳דיקעווירקלעכקייט, אויף דעם געביט פון פאַרטיידיקונג גלייך אַרויס־גערוקט אין די פאָדערשטע רייען. און אָט איז אַ דאָקומענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן ל״ג בעומר תרס״ט, בערך אַ חודש צייט נאָך דעם, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „השומר״. דער דאָקומענט איז אַ בריוו, וואָס בן־גוריון האָט געשריבן, פון סעדזשערע, צו זיין פאָטער קיין פּלאָנסק. אין אַ טייל פון בריוו שטעלט ער זיך

אַפּ וועגן דער אינערלעכער לאַגע אין לאַנד און ער דערציילט:

— „די לאַגע איז דאָ ערנסט און רופט אַרויס זאָרג פאַר דער צוקונפט, ווייל אַלע אַראַבער פון דער אומגעבונג ווען זיי האָבן דערפילט אונזער שוואַכקייט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו רייצן און טאָן אַזעלכע שטיק, וואָס האָבן דערצאָרנט און אַרויסגערופן ביי אונז בייז בלוט. און די זאַך האָט זיך פאַרשפּרייט אויך איבער די אַנדערע קאָלאָניעס.

— „און אָט איז פּלוצלונג געקומען די (טערקישע ה. א. ה.) רעװאָלוציע און די היגע מאַכט איז נאָכמער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווייל ס'האָט אינגאַנצן אויפגעהערט די אויטאָריטעט פון דער אויבער־שטער, צענטראַלער, מאַכט. עס זעט אויס, ווי עס וואָלט איבערהויפּט נישט געווען קיין רעגירונג אין לאַנד. יעדער טוט וואָס אים געפעלט. אין אַזאַ לאַגע דאַרף מען אָננעמען שנעלע און שטרענגע מיטלען.

— „דעריבער האָבן די באַאַמטע פון דער „אידישער קאָלאָניזאַטאָרישער אָרגאַניזאַציע" (יק"א) גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע ישובים אין גליל, כדי אויפצוקלערן די לאַגע און געפינען פאַר־טיידיקונגס מיטלען קעגן מעגלעכע אָנפאַלן. ראש חודש אייר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער קאָלאָניע ימה די דריי יק"א באַאַמטע און צו דריי קאָלאָניסטן און איין אַרבעטער פון יעדער קאָלאָניע. איך בין געווען אַ דעלעגאַט פון סעדזשערע.

— „אין דער געשיכטע פון נייעם ישוב אין ארץ ישראל האָט פּאַסירט צום ערשטן מאָל, אַז די דריי קלאַסן זאָלן זיך צוזאַמען קומען אויף איין פאַרזאַמלונג. אין פאַרלויף פון די דיסקוסיעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לאַגע איז נישט געפערלעך, נאָר גענוג ערנסט, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו באַוואָפענען מיט גוטן געווער; צו פאַרגרעסערן די צאָל יוגנט אין די קאָלאָניעס דורך ברענגען נייע אידישע אַרבעטער; צו פאַרשטאַרקן די שמירה אין די קאָלאָניעס; צו אָרגאַניזירן די אַלע וועלכע זיינען פּעאיק צו טראָגן געווער; און צו גרינדן אַ גרופּע אידישע סאָלדאַטן. עס איז

אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע פון צען פערזאָן: איינער פון די באַאַמטע, צו איינעם פון יעדער קאָלאָניע, און צוויי פאַר־שטייער פון די אַרבעטער — איך און נאָך איינער —, וועלכע זאָל אָנפירן מיט דער דאָזיקער גאַנצער אַרבעט.

— „פאַרלויפיק, ווי ווייט נאָר מעגלעך, קויפן מיר געווער, כאָטש דאָס קומט אָן מיט שוועריקייטן. און נישט נאָר אין גליל, נאָר אויך אין יהודה באַוואָפנט מען זיך שטאַרק. צום באַדויערן נאָך נישט אין דער געהעריקער מאָס. ווייל אין ארץ ישראל, און הויפּט־זעכלעך אין גליל, אין דער דאָזיקער ווילדער סביבה, וואו די איינ־וואוינער לעבן נאָך אויף זייער שווערד און בויגן, איז געווער אַזוי נויטיק פאַר אַ מענטשן, ווי אַ בגד אָנצוטאָן און ווי ברויט צום עסן, און אָפּטמאָל — נאָך נויטיקער.

— „און יעדער וואָס קומט דאַרף מיט זיך גלייך ברענגען גע־ווער, אויב מעגלעך; אָדער דאַרף ברענגען אַ סומע געלט, כדי ער זאָל דאָס דאָ קאָנען קויפן. אויף דעם איז נויטיק נישט ווייניקער ווי 25 רובל פאַר אַ פערזאָן. דאָס איז דער מינימום, און דער מאַקסי־מום איז 60 רובל. אין רוסלאַנד וועט דאָס אפשר אויסזען מאָדנע, אָבער דאָ איז דאָס פון די נויטווענדיקסטע זאַכן".

דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ ציטירט איז נאָר אַ טייל פון בן־גוריונ׳ס לאַנגן בריוו אַהיים. און דעם בריוו ענדיקט ער מיט אַ מין פאַרענטפערונג פאַרוואָס ער שרייבט נישט מער. ער קאָן דאָס נישט טאָן ווייל אויף מאָרגן דאַרף ער אויפשטיין זייער פרי, שוין דריי דרייסיק, ווייל פיר אַזייגער פאַרטאָג גייט ער שוין אַרויס צו דער אַרבעט. עס איז דאַן געווען שניט־צייט און די אַרבעט אויף די פעלדער האָט — ווי מען זאָגט — געברענט. דער אַרבעטס־טאָג איז דאַן געווען: פון פרי פאַרטאָג ביז צען, און פון דריי דרייסיק נאָכמיטאָג, ביז פינף דרייסיק. אין מיטן־צייט, פון צען ביז צוויי דרייסיק, פלעגט מען רוען. דאַן איז די הייסטע צייט פון טאָג.

אין זיין בריוו, וואו ער דערציילט וועגן דער זיכערקייטס־לאַגע

אין לאַנד, גיט ער אויך איבער, אַז די הויפּט־שולדיקע זיינען שוין אַרעסטירט געוואָרן. דאָס האָט ער אין זינען געהאַט זיין „אייגענע״ קאָלאָניע, סעדזשערע. סעדזשערע איז געווען — אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דוד בן־גוריונ׳ס באַמיאונגען — פון די ערשטע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן איינגעפירט אידישע שמירה, און איז ליידער אויך געווען פון די ערשטע צו געבן טייערע קרבנות אויפן מזבח פון דער אידישער שמירה; די ערשטע צוויי קרבנות פון אַראַבישע איבערפאַלן; די ערשטע צוויי קרבנות פון דער שטאָלצער אידישער פאַרטיידיקונג. בן־גוריון מיט זיין „בראונינג״ אין האַנט איז געווען צווישן די העלדישע קעמפער, און עטלעכע שריט פון אים איז געפאַלן איינער פון די קרבנות.

עס איז געווען נישט נאָר די פראַגע פון אָנשטעלן אַ אידישן שומר אָנשטאָט אַ טשערקעס אָדער אַראַבער, און דערמיט איז מען יוצא געווען אידישע שמירה. אין דער שמירה האָט זיך אָפּגעמאָל געדאַרפט די באַטייליקונג פון דער גאַנצער קאָלאָניע. אין סעדזשערע, צום ביישפּיל, האָבן די אידישע אַרבעטער געהאָלפן אין דער שמירה, געהאָלפן דעם שומר אין האַלטן וואַך איבער דער קאָלאָניע. בן־גוריון, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, פלעגט גאַנץ אָפט מוזן אין דער נאַכט, מיט דער ביקס אין האַנט, אַרויסגיין צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר אויף שמירה. און ווי ישראל שוחט דערציילט איז ער אויך אַרויס אויף דער סכנות׳פולער שמירה אויף מאָרגן נאָך דעם מאָרד פון די שומרים אין סעדזשערע.

צענטער קאַפּיטל

אין ירושלים

די אידישע באַפּעלקערונג אין ירושלים מיט 40־50 יאָר צוריק איז באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון פאַנאַטיש־פרומע עלעמענטן, און האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע מיטלען, כדי צו באַקעמפן די „אַפּיקורסים", וועלכע האָבן דאַן גענומען אַריינדרינגען אין אידישן לעבן פון דער הייליקער שטאָט. דער „חרם" האָט געוועלטיקט אומבאַגרענעצט, און האָט ווער פאַרזוכט „פּורץ גדר" זיין אין אַלטן אידישן לעבנס־שטייגער — האָט ער זיך גלייך אָנגעטראָפן אָן דעם דאָזיקן וואָפן פון די געטרייע „מויער היטער". און אין „חרם" האָט מען געליגט נישט נאָר די, וועלכע האָבן געוואָגט אָנצורירן וויכטיקע עיקרים פון אַלטע אידישקייט, נאָר אויך די, וועלכע האָבן אָנגערירט דעם „חלוקה"־סיסטעם, אויף וועלכן עס האָט נאָך געלעבט דאָס רוב פון דער ירושלים׳ער אידישער באַפעלקערונג.

די איבערוועגנדע מערהייט פון דער אידישער ירושלים, אַ פּאָר צענדליק טויזנט נפשות אין צאָל, האָט נאָך געלעבט אין דער אַלט־שטאָט; אויף דעם קליינעם שטח, וואָס איז אַרומגערינגלט מיטן מויער. און דאָס רוב פון זיי זיינען געווען „חלוקה"־אידן, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה פון די פאַרשיידענע „כוללים". ווער ס׳האָט אָנגעהערט צו אַ רייכערן „כולל" —איז געווען אַ גרעסערער „יחסן". אויפן סמך פון דעם דאָזיקן „יחוס" האָט מען חתונה געמאַכט

קינדער און זיי פאַרזאָרגט מיט חיונה אויף הונדערט און צוואַנציק יאָר.

די דאָזיקע צדקה־פּושקע האָט אין פאַרלויף פון דורות דער־צויגן אַן אומפּראָדוקטיוון עלעמענט, וועלכער האָט געזען נאָר זיינע אייגענע ד׳ אמות און גאָרנישט באַמערקט וואָס עס גייט אָן אויף דער וועלט און אין ברייטן אידישן לעבן. און ער האָט דאָס אויך נישט געוואָלט זען. און ווער עס האָט פאַרדאַמט דעם צדקה־סיסטעם און גערופן צו אַן אַנדער, פּראָדוקטיוון, אַרט לעבן — איז געווען פאַרעכנט פאַר אַן „אפּיקורס״, וועלכן מ׳האָט געמעגט דורס זיין.

צו יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט די פאַרשיידענע „שכונות״, די פאַרשיידענע קוואַרטאַלן, אויסערהאַלב דעם אַלטן מויער. עס האָבן שוין עקזיסטירט די מערסטע פון די שכונות, וועלכע זיינען אונז היינט באַקאַנט. אָבער זיי זיינען געווען שיטער באַוואוינט און ווייט איינע פון די אַנדערע. זיי זיינען געווען צע־וואָרפן, און גוטע וועגן, ברוקירטע אָדער אַספאַלטירטע, וועלכע זאָלן זיי פאַראייניקן, זיינען נישט געווען. די לאַנגע יפו־גאַס — היינט: הערצל־גאַס — איז געווען זעלטן באַבויט — מיט אויסנאַם פון פאַרן יפו־טויער — און די שטיינערנע פלויטן זיינען אין איר געווען אַ סך מער אַנזעעוודיק, ווי די געמויערטע הייזער.

די באַפעלקערונג פון נייעם אידישן ישוב אין שטאָט איז געווען זייער אַ קליינע. זי האָט זיך גרופּירט אַרום איניקע העברעאישע שריפטשטעלער און אַ קליינער צאָל העברעאישע לערער, וועלכע האָבן „אָפּגעהיט שטאָט״, און אַפילו געווען פרום, אָבער האָבן זיך נישט געלאָזט טעראָריזירן פון די „כוללים״־אָנפירער. עס איז דאַן געווען דער אָנהויב פון דער העברעאישער באַוועגונג, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט העברעאיש אַלס די אומגאַנגס שפּראַך, אַלס די שפּראַך פון נייעם ישוב; דער אָנהויב פון מאָדערנעם העברעאישן שול־סיסטעם. אין ירושלים האָבן שוין דאַן עקזיסטירט איניקע העב־רעאישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון וועלכע דער לערער־סעמי־

נאָר „עזרה" איז געווען דער וויכטיקסטער. די סטודענטן פון דעם דאָזיקן סעמינאַר ווי אויך די פון דער קונסט־שולע „בצלאל", זיינען אין דער דאָזיקער פרומער שטאָט דאַן געווען די טרעגער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, פון אידישן נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס.

און צו יענער צייט האָט ירושלים אויך באַקומען די ערשטע אַרבעטער פון דער „צווייטער עליה". עס איז דאַן געקומען די ערשטע גרופּע שטיין־האַקער. צוזאַמען האָט ירושלים דאַן פאַר־מאָגט אַ פינף צענדליק אַרבעטער, פון וועלכע די וויכטיקסטע זיינען געווען די דרוקער־אַרבעטער. פון דער גאַנצער אַרבעטער־שאַפט אין ירושלים זיינען אַ פּאָר צענדליק געווען צוגעהעריקע צו פּועלי ציון.

אין דער דאָזיקער אַלטמאָדישער און פרומער ירושלים, איז דוד בן־גוריון געקומען אין יאָר 1910. און געקומען איז ער אויף דער איינלאַדונג פון יצחק בן־צבי, וועלכער האָט דאַן אָנגעפירט מיט דער פּועלי ציון פּאַרטיי. אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דער פּאַרטיי האָט ער אים אָנגעשריבן אַ בריוו און געבעטן צו קומען קיין ירושלים, כדי צו ווערן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן, וואָס האָט געדאַרפט אָנהויבן אין גיכן צו דערשיינען. סוכות תרס"ח, אויף דער דריטער קאָנ־פערענץ פון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג. דער באַשלוס האָט אָבער נישט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן ביז תמוז תר"ע. דאַן איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „האחדות" — „עתון לענינו הפועלים והמוני העם בארץ ישראל, יוצא לאור על־ידי מפלגת הפועלים העברים הסוציאל דמוקרטים בארץ ישראל — פועלי ציון" (צייטונג פאַר אַרבעטער און מאַסן־אינטערעסן אין ארץ ישראל אַרויסגעגעבן דורך דער העברעאישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַר־טיי (פּועלי ציון) אין ארץ ישראל).

אַרויסגעבן אַ פּאַרטיי־אָרגאַן פון פועלי ציון — איז דאַן געווען אַ זייער געוואַגטע אונטערנעמונג. די פּאַרטיי אין לאַנד האָט דאַן געציילט נישט מער ווי צוויי הונדערט חברים, און בדעה האָט מען דער ערשטער נומער פון „האחדות" — „עתון לעניני הפועלים געהאַט צו דרוקן די צייטונג אין אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז „האחדות" איז נישט געווען די ערשטע אַרבעטער־צייטונג אין לאַנד, און נישט די איינציקע. די צווייטע אַרבעטער־פּאַרטיי, „הפועל הצעיר", האָט שוין געהאַט אַן אייגענע צייטונג, וועלכע האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר, זייט 1907. און צו דער דאָזיקער ריזיקאַלישער אונטערנעמונג איז איינגעלאַדן געוואָרן בן־גוריון.

און נישט מיט אַ לייכט געמיט האָט ער אָנגענומען דעם נייעם אַמט. ער איז שוין דאַן געווען צוגעוואַקסן צום באָדן, וועלכן ער האָט אַזוי שווער באַאַרבעט, און ער האָט זיך מיט אים נישט געוואָלט שיידן. אים איז אויך געווען צום האַרצן דאָס שטילע דאָרפישע לעבן, מיט זיין פשטות, מיט זיין איינפאַכקייט. ער האָט נאָך געדענקט זיין אַלטן אויסדרוק: אַז דאָס אומקערן זיך קיין ארץ ישראל מיינט צו דעם באָדן פון לאַנד. און דאָ פאַרלאַנגט מען פון אים, אַז ער זאָל דאָס אַלץ איבערלאָזן, אָננעמען אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע און זיך אומקערן אין שטאָט אַריין. אגב, האָט ער אויך געצווייפלט צי ער וועט זיך אויסטויגן אין זיין נייעם באַרוף. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון שרייבן צופעליק אַן אַרטיקל אָדער זיין אַ פּראָ־פעסיאָנעלער שרייבער, אַ פּראָפעסיאָנעלער וואָרט־זאָגער. און ער האָט געצווייפלט צי ער איז צו דעם שוין רייף, צוגעפּאַסט. אָבער ווי נאָר ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, האָט ער זיך דעם נייעם באַרוף געווידמעט מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה, מיט לייב און מיט לעבן, אַזוי ווי ער איז געווען געוואוינט צו איבערגעבן זיך צו יעדער זאַך, וואָס ער האָט אונטערגענומען, בן־גוריונ׳יש!

פון יפו קיין ירושלים האָט מען שוין געקאָנט פאָרן מיט דער

איינבאָן, ס׳רוב אידישע אַרבעטער און צווישן זיי אויך די פּאַרטיי־פירער, זיינען אָבער דעם וועג נאָך געגאַנגען צופוס. און צוליב אַ פשוט׳ן טעם, ווייל גיין צופוס האָט „געקאָסט" ביליקער. פון יפו איז מען געגאַנגען קיין לוד. אין לוד האָט מען זיך אַביסל אָפּגערוט, און פון דאָרט דורך נאַכט — קיין ירושלים.

אין דער צייטונג „האחדות" איז ער אויך צום ערשטן מאָל דערשינען אונטער זיין סימבאָלישן נאָמען: בן־גוריון. פון וואַנען האָט ער גענומען דעם דאָזיקן נאָמען? שפּעטער, אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין ירושלים, איידער מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון לאַנד, האָט ער אויף דער פראַגע פון טערקישן אויספאָרשונגס־ריכטער פאַרוואָס ער האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן נאָמען, געענטפערט: גרין איז אַ דייטשער נאָמען, און אַזוי ווי בן־גוריון קלינגט ענלעך צו גרין — האָט ער דעם נייעם נאָמען זיך צוגעאייגנט.

אין דער גאָר אַלטער העברעאישער ליטעראַטור געפינען מיר דעם נאָמען „בן־גוריון" אַ פּאָר מאָל: נקדימון בן־גוריון איז לויט דעם תלמוד געווען איינער פון די רייכסטע אידן אין ירושלים אין דער צייט פון חורבן בית־שני. דער נאָמען „יוסף בן־גוריון הכהן" פון ירושלים ווערט אָנגעגעבן אַלס דער מחבר פון „יוסיפון" — אַ ספר וועגן אידישער געשיכטע. וואָס ער האָט באמת אין זינען געהאַט ביים פאַרהעברעאישן זיין נאָמען אויף בן־גוריון — דאָס איז זיין פערזענלעכער סוד.

אַלס איינער פון די רעדאַקטאָרן האָט ער באַקומען אַ געהאַלט פון 30 פראַנק אַ חודש, וואָס האָט דאַן אויסגעמאַכט בערך אַ 6 דאָלאַר. און ווי ביליק עס איז גישט געווען דאָס לעבן אין ירושלים מיט איי־בער 40 יאָר צוריק, האָט די דאָזיקע סומע נישט געקאָנט קלעקן אויף אַ וועלכער עס איז עקזיסטענץ. 6 פראַנק אַ חודש האָט ער געצאָלט דירה־געלט פאַר אַ קעלער־שטיבל, און די איבעריקע האָט ער אַוועקגעגעבן רייזלען, די פרוי פון אַ פּועלי ציון חבר, וועלכע

האָט אים געקאָכט מיטאָגן. פאַר נאָך אַ מאָלצייט אָדער צוויי אַ טאָג און פאַר אַנדערע אויסגאַבן, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן — איז אים גאָרנישט געבליבן. איז ער אויסגעקומען מיט ווייניקער! ער האָט קיינמאָל וועגן אַזעלכע „קלייניקייטן" קיין וועזן נישט געמאַכט. שפּעטער, ווען ער האָט באַקומען אַן הוספה פון גאַנצע 10 פראַנק אַ חודש, נאָך צוויי דאָלאַר אַ חודש בערך, איז אים דאָס לעבן אַ סך לייכטער געוואָרן. ער האָט שוין דאַן געקאָנט עקזיסטירן „בהרחבה!".

דער אַלטער אידישער ישוב אין ירושלים האָט זייער נישט פריינטלעך אויפגענומען די יונגע רוסישע בחורים, וועלכע האָבן זיך „אַריינגעריסן" אין זייער שטילן, פרומען לעבן, וואו די „חלוקה" איז געווען איינע פון זיינע יסודות. די נייע עולים האָבן אַרויסגערופן שרעק ביי דעם אַלטן ישוב, שרעק מיט זייער אַפּיקורס'ישן גייסט, וועלכן זיי האָבן מיטגעבראַכט, און מיט זייערע מאָדערנע געדאַנקען וועגן אַרבעט און לעבנס־שטייגער.

נישט מיט גרויס חשק האָט מען דאַן אין אַ פרום הויז פאַרדונגען אַ צימער צו אַזאַ איינעם. און עלטערן האָבן געוואָרנט זייערע זין און טעכטער פאַר דער סכנה, וואָס לויערט אויף זיי, אויב זיי וועלן זיך באַגעגענען מיט די „דאָזיקע", אויב זיי וועלן האָבן מיט זיי אַ מגע ומשא. דער אַלטער ישוב האָט אין די פריש אַריינגעקומענע יונגעלייט געזען די סכנה פאַר זייער גאַנצער עקזיסטענץ. און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די ערשטע אַרבעטער פון דער „צווייטער עליה", וועלכע זיינען געקומען קיין ירושלים, האָבן דאָרט געוואוינט אין אַ גרויסער געביידע, וואָס האָט געהערט צו אַ נישט־אידן.

נאָר אַן אָרעמע אידענע, וואָס האָט זיך געקוואָפּעט אויף עפּעס אַ זייטיקן פאַרדינסט, האָט זיך דערלויבט אויסצודינגען אַ צימער צו אַן „אַפּיקורס". און אַזאַ איז אויך געווען בן־גוריון'ס באַלעבאָסטע, וואו ער האָט געהאַט דאָס קעלער־שטיבל. און זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון איר קוואַרטיראַנט, דעם משונה'דיקן בחור.

וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? שטענדיק איז ער פאַרטאָן אין אַרבעט, אַרבעט אַ סך, שרייבט און לייענט; שטענדיק איז ער איינזאַם, שטענדיק שוויגט ער. און פירן פירט ער זיך אויף ווי אַ למד־וו׳ניק, קומט אויס מיט שהי פּהי.

רחל ינאית, די פרוי פון בן־צבי, אויך איינע פון די אָנגעזעענסטע אין דער „צווייטער עליה״, דערציילט וועגן איר ערשטער באַגעגעניש מיט בן־גוריון: — „די מאָמענטן, וואָס גיבן אַמשטאַרקסטן זיין פּערזענלעכן אויסדרוק — זיינען די מאָמענטן פון זיין שווייגן״.

זי האָט דוד בן־גוריון צום ערשטן מאָל געטראָפן אויף דער קאָנפערענץ פון פּועלי ציון אין יפו, זומער 1908, צו וועלכער ער איז דאַן געקומען צו פוס פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ, פון דער קאָלאָניע זכרון יעקב. ער האָט דאַן אויף דער קאָנפערענץ אַרויסגערופן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אינערלעכן קאָנצענטרירן זיך, מיטן אויסדרוק פון זיינע אָריגינעלע געדאַנקען, און מיט דעם פאַרשטאַנד וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיין פּנים. ער האָט אָבער געשוויגן און ס׳איז אוממעגלעך געווען אים אַרויסצוברענגען פון זיין שוויגנדיקן צושטאַנד. זיי האָבן צוזאַמען שפּאַצירט, רחל ינאית און ער, גאַנצע פיר שעה, און די גאַנצע צייט האָט ער געשוויגן און נישט אויסגערעדט קיין איינציק וואָרט.

רחל ינאית געדענקט אים גוט פון יענע יאָרן פון די פּאַרטייצוזאַמענפאָרן. זי געדענקט דעם פאַקט ווען ער האָט באַקומען דעם אויפטראָג צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן קפּא״י (קופּת פּועלים ארץ־ישראלית — ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטער קאַסע, אָדער אַרבעטער־פאָנד), וועלכע האָט זיך דאַן נאָר וואָס געגרינדעט. און זי דערציילט:

— כ׳האָב אים געזען זיצנדיק פאַרטיפט אין זיך, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעזונדערט, ווייט פון אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום אים. פּלוצלונג האָט ער זיך צו מיר געווענדעט מיט שאַרפע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי ער וואָלט געטראַכט אויפן קול: „אפשר קאָנסטו —

איך קאָן נישט!" אין באַצוג צו זיין רעפּעראַט. דאָס זיינען געווען ווערטער, וועלכע זיינען אַרויס פון דער טיפעניש פון זיין האַרץ. און אין דער דאָזיקער פראַגע איז געווען אַ גרויס שטיק שעמעוודיקייט פאַר דעם עפנטלעכן דערשיינען.

— אַזוי האָב איך אים אויך געזען שפּעטער מיט צען יאָר אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „אחדות העבודה" אין פּתח תקוה, אין יאָר 1919. אָבער נאָכהער, ווען די צייט פון זיין פאַרטראַג איז געקומען — אין די ביידע דערמאָנטע פאַרזאַמלונגען — זיינען זיינע געדאַנקען געקומען מיט שפע, מיט התלהבות, ווי פון אַ שלאַגנדיקן קוואַל און האָט אונז אַלעמען פאַרבלענדעט מיט די פונקען פון זיין וויזיע, מיטן גלאַנץ פון די געדאַנקען און מיט דער שטאַרקייט פון זיין אויסדרוק.

ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, איז רחל ינאית געווען איינע פון די פיר רעדאַקטאָרן פון „האחדות" און זי דערציילט פון יענער צייט־אָפּשניט אין ירושלים:

— און אייגנאַרטיק צווישן אונז אַלעמען איז ער — בן־גוריון — געווען אין דער צייט ווען „האחדות" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען. מיר זיינען געווען אַ קליינע גרופּע, ווי אַ משפחה, צוגעבונדן מיט ליבּ און לעבן איינער צום צווייטן. מיט אַלע פעדעם פון דער נשמה האָבן מיר געזוכט זיך צו פאַרבינדן מיטן פאָטערלאַנד, אַזוי ווי מיר וואָלטן ערשט געבוירן געוואָרן.

— פאַר דער ליטעראַרישער אַרבעט זיינען הויפּטזעכלעך באַשטימט געוואָרן די נעכט. און עס פלעגט טרעפן, אַז אין די דאָזיקע שעה'ן פון רואיקייט און קאָנצענטראַציע, און דער דאָזיקער שווייגער פלעגט אָנהויבן אַ געשפּרעך — דאַן זיינען זיינע רייד געפלאַקסן און געבליצט ווי אַ לאַווע פון אַ ווולקאַן...

— אין די נעכט — דערציילט זי ווייטער — פלעגן מיר גיין אין די געסלעך פון דער אַלט־שטאָט און ווי דורשטיקע געשלונגען דעם פאַרצייטיקן לעבנס־שטייגער. ביז די בלוטיקע געשעענישן פון

אין ירושלים

1920, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אין דער אַלט־שטאָט צעבראָכענע אידישע מעבל־שטיק און פעדערן פון קישנס צעשאָטן איבער די געסלעך — איז ירושלים אין אונזערע אויגן געווען אינגאַנצן גייסט, דערהויבנקייט, קודש קדשים. אין דער דאָזיקער אַטמאָספער זיינען מיר אַרומגעגאַנגען ווי פאַרצייטיקע מענטשן פון דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט. מיט אונזערע פליגלען האָבן מיר אַרומגענומען די גאַנצע וועלט. מיר זיינען געשפרונגען איבער די ווייטקייטן פון דורות, און אין אונזערע פאַנטאַזיעס האָבן מיר איינגענומען די לאַנד־וויסטענישן.

— ווער האָט געלייגט אויפמערקזאַמקייט אויף די מאַטעריעלע באַדערפענישן: וועגן עסן, וועגן קליידער, וועגן אַ וואוינונג? פון דעם געהאַלט 40 פראַנק אַ חודש, וואָס זיינען אים, בן־גוריון׳ען, באַשטימט געוואָרן, האָט ער פאַקטיש באַקומען נאָר אַ העלפט, און דאָס האָט אים געקלעקט אויף אַ שטיקל אָרעם ברויט מיט וואַסער. ער האָט פאַרמאָגט אַ שוואַרצע פעלערינע, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, און זי האָט אים געדינט סיי אַלס בגד און סיי אַלס צודעק אין די קאַלטע נעכט פון ירושלים. ווער האָט דאַן געקלערט וועגן אַ ווינטער־מלבוש? אין ארץ ישראל איז דאָך שטענדיק וואַרעם, דער זומער האַלט דאָרט אָן שטענדיק, און די זון שיינט דאָך אַ גאַנץ יאָר, און פון די בערג טריפט דאָך מילך און האָניג...

און זי ענדיקט איר אינטערעסאַנטע שילדערונג: — און אויף אונזער דאַליע איז דאָך אויסגעפאַלן אַ סך ליידן, אָבער ווער האָט וועגן דעם געטראַכט? די הימלען איבער אונזערע קעפּ זיינען דאָך געווען הויך און פול מיט צויבער...

און אין ירושלים האָט דאָס אויך פּאַסירט דער פאַקט, ווען בן־גוריון האָט זיך געשטעלט רעדן העברעאיש און די גאַנצע פועלי ציון קאָנפערענץ האָט פאַרלאָזן דעם זאַל אין צייכן פון פּראָטעסט, וואָס ער רעדט אַ „טויטע״ שפּראַך, וועלכע איז נישט פאַרשטענדלעך

פאַר די ברייטע מאַסן. דאָס איז געווען אויף דער זיבעטער קאָנפע־רענץ פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אלול תר״ע, דאָס הייסט: צוויי חדשים נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „האחדות". די טעמע פון זיין רעפעראַט איז געווען: די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַר־בעט פון דער פּאַרטיי. מיטן אויסנאַם פון דריי חברים, וועלכע זיינען געבליבן אים הערן, האָבן אַלע איבעריקע פאַרלאָזן דעם זאַל. דער „עקשן" בן־גוריון האָט אָבער זיין רעפעראַט פאַרגעזעצט, ווי מען זאָגט, פאַר די ליידיקע ווענט.

אויב ארץ ישראל האָט היינט אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, אויב העב־רעאיש איז היינט די שפּראַך פון לאַנד (מיטן אויסנאַם פון אַ גרויסן טייל פון דער נייער עליה), אויב העברעאיש איז די שפּראַך פון דער אַרבעטערשאַפט, איז עס אין אַ גרויסן מאָס צו פאַרדאַנקען די עקשנות פון בן־גוריון וועלכער האָט אויף דעם געביט פון שפּראַך נישט געוואָלט און נישט געמאַכט קיין פּשרות. און מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס איז אים לייכט אָנגעקומען. אין דער דאָזיקער פראַגע איז ער אין דער פּאַרטיי געווען פון די ווייניקע, וואָס זיינען געגאַנגען קעגן שטראָם.

אין יענעם יאָר, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט זיך דאָרט געגרינדעט אַן אַרבעטער־קלוב. אין דעם קלוב איז אַ סך דיסקוטירט געוואָרן די שפּראַכן־פראַגע און אַ גרויסער טייל פון זיינע מיטגלידער זיינען געווען פאַר אידיש. די אידיש־אָנהענגער האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דער אידישער אַרבעטער איז מיד נאָך אַ טאָג אַרבעט און ער קאָן נישט מאַכן די אָנשטרענגונג כדי זיך אויס־צולערנען העברעאיש. און נישט דאָס אַליין: זיי האָבן אויך גע־טענה׳ט, אַז העברעאיש איז די שפּראַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און קען נישט דינען די אידישע מענטשן פון דער צוקונפט. דער שטאַרקסטער פאַרטיידיקער פון העברעאיש איז אין קלוב געווען בן־גוריון, וועלכער האָט געבראַכט אַנדערע אַרגומענטן פאַרוואָס

דוד בן־גוריון נעמט אויף ביי זיך אין תל־אביב פרוי עלענאָר רוזוועלט



דוד בן־גוריון אין האַפן פון אילת

מ׳דאַרף איינפירן אין לעבן דווקא העברעאיש. אַלע אַנדערע שפּראַכן געהערן צו די אידישע מענטשן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער העברעאיש איז די שפּראַך פון דער יוגנט, די שפּראַך פון דער נייער, מאָדערנער שולע, די שפּראַך פון די קומענדיקע דורות, און דאַרף אויך זיין די שפּראַך פון די אַרבעטער, וועלכע באַנייען און לעבן־אויף זייער פאָטערלאַנד. און די דאָזיקע אַרגומענטן פון בן־גוריון האָבן געזיגט.

זיין מורא, טאָמער וועט ער זיין אַ דורכפאַל אין זיין נייעם, שרייבערישן, באַרוף — איז געווען אינגאַנצן אַן איבעריקע. זיינע ערשטע שריט אַלס רעדאַקטאָר זיינען גלייך געווען פון אַ גרויסן פאַרנעם. איינער פון די הויפּט געדאַנקען, וועלכער וועבט זיך דורך אין זיינע אַרטיקלען פון יענער צייט — איז דער געדאַנק צו אָרגאַ־ניזירן דעם ישוב און פאַראייניקן די אַרבעטער פון לאַנד. גלייך ביי זיין אָנקומען אין לאַנד האָט ער געשטרעבט צו אַ פאַראייניקטער אַרבעטערשאַפט. און דער דאָזיקער געדאַנק, די דאָזיקע שטרעבונג האָט אים נישט צורו געלאָזן זיין גאַנצן לעבן. דאָס האָט אים גע־פירט צו דער גרינדונג פון „אחדות העבודה״, צו דער גרינדונג פון דער הסתדרות, צו דער אָרגאַניזירונג פון ועד הלאומי, און צום סוף צו דער שאַפונג פון מפא״י — אַלץ גרויסע אָרגאַניזאַציאָ־נעלע אונטערנעמונגען מיט וועלכע ער איז אַליין אויך געוואַקסן העכער און העכער.

עלפטער קאפיטל

דער ערשטער אין דער רייע

אָן צווייפל, אַז די אייגנשאַפטן פון פירערשאַפט מוזן אין מענטשן זיין איינגעבוירן, מוזן זיין אַ ברכה פון דער נאַטור. אָן איינגע־בוירענע אייגנשאַפטן קאָן מען נישט זיין קיין קינסטלער, קיין וויט־זעענדיקער פּאָליטיקער, מ׳קאָן נישט זיין קיין גאָט־געבענטשטער פי־רער. אָבער צו דער ברכה פון דער נאַטור מוז דער פירער נאָך באַזיצן אַ סך זאַכן: ער מוז ערווערבן אַ גרויסן, פאַרצווייגטן וויסן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, הויפּטזעכלעך מיט די פּראָבלעמען פון אייגענעם פאָלק. באַוואוסטזיניק צי נישט־באַוואוסט־זיניק האָט זיך בן־גוריון שוין אין דער פריסטער יוגנט גענומען צוגרייטן צו דער ראָלע פון אַ פירער ביי אידן.

די אַלע, וועלכע געדענקען אים פון די צייטן פון דער „צווייטער עליה״, גיבן איבער, אַז ער האָט מיט זיך דאַן פאָרגעשטעלט אַ וואונ־דערבאַרן טיפּ פון אַ מאָדערנעם אידישן מתמיד. די טעג האָט ער פאַרבראַכט אין שווערער פיזישער אַרבעט. די אַרבעט האָט זיך אָבער אויף אים געלייגט נישט איבעריקס שווער, ווייל ער האָט געאַרבעט מיט התלהבות, פאַר אַן אידעאַל. און אין די אָוונטן, און אָפטמאָל אויך אין די נעכט, האָט ער זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון גשמיות און זיך אָפּגעגעבן צו לימודים. מיר האָבן שוין פריער דערציילט אין וועלכע באַדינגונגען ער האָט זיך אויסגעלערנט אַראַביש, אויך די אַנדערע לימודים האָט ער נישט דערוואָרבן אין בעסערע באַדינגונגען. ווען ער

האָט געאַרבעט הינטער זכרון יעקב פלעגט ער צוויי מאָל אַ וואָך גיין צו פוס קיין זכרון יעקב, אַ גאַנץ היפשן מהלך, כדי צו לערנען מיט אַ לערער פראַנצויזיש.

אין שומרון, אין און אַרום זכרון יעקב, איז דער לוין פון אַן אַרבעטס־טאָג געווען נישט קיין סך אַ העכערער ווי דער אין פתח תקוה, ווי מיר האָבן אין אַן אַנדער קאַפּיטל דערציילט. אַן אַרבעטער האָט געמוזט לעבן אויף טייטלען און קעז — דאָס זיינען אויך געווען די הויפּט־מאכלים פון די אַראַבער. דוד גרין האָט זיך אָבער אויס־געצייכנט מיט צוזאַמענשטעלן אַ „רייכערן מעניו" פאַר די זעלביקע פאַר אָרעמע פּיאָסטער.

צי טייטלען מיט קעז, צי פּיתא׳ס מיט אָליוון אָדער אַנדערע „רייכע" מעניוען — דאָס עסן האָט ביי אים קיינמאָל נישט גע־שפּילט קיין ראָלע. דער עיקר ביי אים איז נאָר געווען — צו געפינען אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען פון דעם אידישן אַרבעטער אין לאַנד. מיט דעם צוועק האָט ער געוואַנדערט פון איין ישוב צום צווייטן, פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער, אין יהודה, אין שומרון, אין גליל.

אחד העם דער שאַרפער קריטיקער קעגן פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער האָט באַזוכט ארץ ישראל, האָט אין זיין אַרטיקל „סך הכל" (1912) אַרויסגעטראָגן אַ שווערן אורטייל איבער דער אידישער אַרבעט און איבער דער גרויסער מיסיע, וואָס די אידישע אַרבעטער האָבן אויף זיך גענומען — צו שאַפן אַן אַרבעטער מאַסע. און דע־ריבער איז ער אויך געקומען צום אויספיר, אַז דער פּאָליטישער ציוניזם האָט נישט קיין אויסזיכט, ווייל אַ מדינה קאָן נישט עקזיס־טירן אָן אַן אַרבעטער מאַסע. און אין דער אמת׳ן האָט די ווירקלעכ־קייט פון יענע טעג נישט געגעבן קיין גרונט צו גלויבן אין דער מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַן אידישן אַרבעטער־קלאַס. אַפילו די בוי־אַרבעט אין דער ערשטער קבוצה, דגניה, איז געמאַכט געוואָרן דורך אַראַבישע אַרבעטער, ווייל עס איז דאַן אין לאַנד נישט געווען קיין אידישער אַרבעטער, וואָס זאָל קאָנען אויפבויען אַ הויז.

די „צווייטע עליה‟ האָט אין אַ געוויסער מאָס געענדערט די דאָזיקע ווירקלעכקייט. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר האָט זיך שטאַרק געענדערט צום בעסערן די באַציאונג פון ישוב צו די ניי־אַריינגעקומענע אידישע אַרבעטער, און עס איז אַפילו אַנטשטאַנען אַ קליינע אַרבעטער מאַסע, הויפּטזעכלעך אין דער לאַנדווירטשאַפט. אַ דאַנק דער נייער ווירקלעכקייט זיינען לאַנגזאַם פאַרשוואונדן יענע ספקות, וואָס עס האָט אויסגעדריקט אחד העם; און עס זיינען אויסגע־וועפּט געוואָרן יענע „ווירטשאַפטלעכע געזעצן‟ און „וויסנשאַפט־לעכע טעאָריעס‟, וואָס עס האָבן געשאַפן די שונאי ציון פון סאָציאַ־ליסטישן לאַגער.

אָבער די דאָזיקע אידעאַליסטישע אַרבעט פון דער קליינער גרופּע פּועלי ציון אין לאַנד, מיט בן־צבי און בן־גוריון בראש, איז נישט געפעלן געוואָרן די חברים פון דער פּאַרטיי אין אויסלאַנד. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אַן אָפּנייגונג פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־ליניע, און ארץ ישראל האָט אויף אַזאַ אופן פאַרטראַטן אַן אייגענע שטעלונג אין דער פּאַרטיי. און געקומען איז די דאָזיקע שטעלונג, ווייל די דערמאָנטע צוויי פּועלי ציון פירער אין ארץ ישראל האָבן געזען און געשטודירט די ווירקלעכקייט אין לאַנד. זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן די ארץ ישראל׳דיקע קעגנוואַרט; די אָרעמע, פּרימיטיווע קעגנוואַרט. זיי האָבן געפילט און באַגריפן, אַז מיט צוגעשניטענע פּראָגראַמען פון אויסלאַנד וועט מען אין ארץ ישראל נישט קענען שאַפן קיין אַרבעטערשאַפט, און אַז מ׳וועט גאָרנישט קענען דערגרייכן אויף דעם געביט פון אויפבוי. דאַקעגן די פּאַרטיי אין אויסלאַנד האָט זיך געהאַלטן פאַר איר אומרעאַליס־טישן פּראָגראַם און פון אים נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

דער דאָזיקער שאַרפער אונטערשייד צווישן דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל — הויפּטזעכלעך, ווי בן־גוריון האָט איר פאַרשטאַנען — און צווישן די טעאָריעס פון די פּאַרטיי־חברים אין אויסלאַנד איז בולט געקומען צום אויסדרוק אויף דער דריטער

קאָנפערענץ פון וועלט־פאַרבאַנד פועלי ציון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווין, צווישן ה׳ און ט׳ אב תרע״א (1911), פאַר דעם צענטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ, וועלכע האָט געציילט 23 פאַרטרעטער, זיינען בן־צבי און בן־גוריון געווען דעלעגירט פון ארץ ישראל. אויף דער זעלביקער קאָנפערענץ האָט אויך אַמעריקע געהאַט צוויי פאַרטרעטער.

עס האָט זיך געהאַנדלט, וועגן „קופּת פּועלי ארץ ישראל״ (קפּא״י), וועגן דעם פאָנד פון די ארץ ישראל׳דיקע אַרבעטער. וועגן דעם דאָזיקן פאָנד האָט די זיבעטע קאָנפערענץ פון דער פאַרטיי אין ארץ ישראל אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז נישט די וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי ציון וועט באַשטימען זיין טעטיקייט און זיין פּראָגראַם, נאָר די ארץ ישראל׳דיקע אַרבעטער אַליין וועלן אויסטרעטן זיין וועג. די דריטע קאָנפערענץ פון וועלט־פאַרבאַנד אין ווין האָט געטאַדלט די דאָזיקע סעפּעראַטיסטישע שטעלונג פון דער ארץ ישראל גרופּע, און עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער אַפּיקורסות. אין דער דאָזיקער אָנגעלעגנהייט זיינען די ארץ ישראל׳דיקע דעלעגאַטן געשטאַנען אַליין, אָפּגעזונדערט. און אַלע זייערע פאָרשלאָגן, וועלכע זיי האָבן געמאַכט דער קאָנפערענץ, זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער זיינען אָנגעצויגן אויפן פּרעמיער פון ישראל, בן־גוריון, פאַר זיין שטעלונג צו „גלות אמריקה״ און פאַר זיין פאַרוואָרפן די ציוניסטישע מנהיגים, וואָס קיינער פון זיי איז נישט געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד נאָך דער שאַפונג פון דער מדינה. די דאָזיקע שטעלונג זיינע איז אַן אַלטע, נישט קיין נייע. ער האָט איר געשאַפן נישט איצט, נאָך דער אַנט־שטייאונג פון מדינת ישראל, נאָר מיט איבער 40 יאָר צוריק, אין די יאָרן פון דער צווייטער עליה.

אויף דער פריער דערמאָנטער פועלי ציון קאָנפערענץ אין ווין האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז פאַרווירקלעכן דעם

ציוניזם וועלן נאָר די, וועלכע וועלן זיצן אין לאַנד. און פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז ער נישט אָפּגעטראָטן אַלע זיינע יאָרן. ער האָט דעריבער דאַן געזאָגט, אַז דער, וואָס וויל באמת אַרבעטן פאַר די פועלי ציון צוועקן — דאַרף זיך אַוועקשטעלן אין די אַרבעטער רייען פון ארץ ישראל. די עקזיסטענץ פון ציוניסטישן פּראָלע־טאַריאַט, אַלס באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, קאָן זיך נישט אָנשפּאַרן נאָר אויף אַרבעטן אין גלות פאַר ארץ ישראל, נאָר דאַרף זיך אָנשפּאַרן הויפּטזעכלעך אויף די אַרבעטן אין לאַנד. אָט דער דאָ־זיקער דאַן זייער אַפּיקורס׳ישער געדאַנק זיינער האָט אַרויסגע־רופן אַ הייסע דעבאַטע אויף יענער קאָנפערענץ.

אויף יענער קאָנפערענץ האָט ער אַרויסגעזאָגט נאָך גרעסערע אַפּיקורס׳ישע געדאַנקען. איינע פון יענע געדאַנקען איז, אַז די פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער אין לאַנד, צו וועלכע פּאַרטייען זיי זאָלן נישט געהערן, שטייט העכער ווי דער אָרגאַניזאַציאָנעלער באַנד מיט דער אייגענער פּאַרטיי. אויך דער דאָזיקער געדאַנק זיינער האָט אים פאַרפאָלגט זיין גאַנצן לעבן: פריער קומט דער ארץ ישראל׳־דיקער אַרבעטער און נאָכהער — פועלי ציון.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז בן־גוריון איז נישט דער מאַן, וואָס לאָזט זיך לייכט איינשפּאַנען אין ענגע ראַמען פון אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם. ער טראַכט פאַר זיך אַליין, און שאַפט אייגענע פּאַרטיי־טעאָריעס. אָבער זיין שטאַרקע, אייגנאַרטיקע שטעלונג אויף יענער קאָנפערענץ אין ווין האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג. איינער קעגן אַלעמען, איינער קעגן דער גאַנצער באַוועגונג! אין זיין פּאָליטישער קאַריערע האָט ער זיך אַ סך מאָל אַרויסגעוויזן אַלס פירער מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס גיט זיך נישט גאָר לייכט אונטער דער פּאַרטיי־מערהייט. דאָרט, אין ווין, האָט ער זיך אַלס אַזעלכער אַרויס־געוויזן מיט זיין גאַנצער שטאַרקייט.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ער וועגן דער דריטער קאָנפע־רענץ פון פועלי ציון וועלט־פאַרבאַנד דערציילט:

— „מיר זיינען צו דער קאָנפערענץ געקומען מיט אידייען, וועלכע האָבן אונז געשיינט צו זיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע. זיי זיינען אָבער אויפגענומען געוואָרן ווי אַפּיקורס׳ישע. מיר האָבן געזאָגט: יאָ, מיר זיינען חברים אין אַ פּאַרטיי, מיר האָבן די פּועלי ציון פּאַרטיי. עס זיינען אָבער פאַראַן ארץ ישראל׳דיקע אַרבעטער, און אין דער ערשטער רייע קומט אונזער פאַרבינדונג מיטן אַרבעטער אין לאַנד, סיי ער איז אַן הפועל הצעיר׳ניק און סיי אַן אומפּאַר־טייאישער. די דאָזיקע איינקייט איז פריער און וויכטיקער, ווי די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַנדן מיט אונזער פּאַרטיי אין גלות. און די קליינע טעטיקייט פון קפא״י — דער ערשטער קלאַסן־פאָנד, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין לאַנד — דאַרף דינען נישט אַלס פּאַרטיי־אינסטרומענט, נאָר פאַר דער גאַנצער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט״.

אָט דער דאָזיקער געדאַנק פון געבן די בכורה דער ארץ ישראל׳־דיקער אַרבעטערשאַפט און נישט דער פּאַרטיי, איז דורך דער קאָנ־פערענץ באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „שרעקלעכע״ אַפּיקורסות, ווי אַ געוואַלטיק־משונה׳דיקער געדאַנק. און דורך אַלע דעלעגאַטן איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס באַשולדיקט די ארץ ישראל׳־דיקע גרופּע אין סעפּאַראַטיזם, אין אָפּנויג פון פּאַרטיי סאָלידאַריטעט. און רעוואָלטירט קעגן די ארץ ישראל׳דיקע חברים האָבן נישט נאָר די עקסטרעם לינקע חברים, נאָר אויך די מעסיקע, די וועלכע זיינען געשטאַנען אָמנאָענטסטן צו די ארץ ישראל׳דיקע, ווי שלמה קאַפּ־לאַנסקי (1884—1951) און אַנדערע.

דער איינציקער, וועלכער האָט נישט אויפגעהויבן קיין האַנט קעגן די ארץ ישראל׳דיקע חברים איז געווען בער באָראָכאָוו, דער שאַפער פון דעם פּועלי ציון פּראָגראַם. און ער האָט נישט אויפגע־הויבן די האַנט קעגן, נישט ווייל ער האָט איינגעשטימט מיט דער שטעלונג פון די ארץ ישראל׳דיקע, נאָר ווייל ער האָט געהאַט גרויס

דרך ארץ פאַר זייער אָפּפערווילליקער אַרבעט אין לאַנד, פאַר זייער חלוציזם.

די דריטע קאָנפערענץ פון וועלט־פאַרבאַנד אין ווין האָט די ארץ ישראל׳דיקע דעלעגאַטן נאָך אַן איבעריקן מאָל באַוויזן, אַז די מערהייט פון דער פאַרטיי גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג וועגן דערווירקלעכקייט אין לאַנד, און אַז לויט די אָנגענומענע „שולחן ערוכ׳ס״, סיי דעם סאָציאַליסטישן און סיי דעם ציוניסטישן, וועט קיין אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל זיך נישט קאָנען אַנט־וויקלען. עס איז זיי דעריבער פאַרבליבן נאָר איין וועג: שרייבן אַן אייגענעם „שולחן ערוך״, לויט וועלכן אידישע אַרבעטער זאָלן קאָנען לעבן און שאַפן, און אַז אַזאַ פּראָגראַם זאָל געשריבן ווערן נישט מיט טינט אויף פּאַפּיר, נאָר מיט בלוט און שווייס אויף די פעלדער און אין די אונטערנעמונגען פון לאַנד.

און וועגן יענער קאָנפערענץ פירט בן־גוריון אויס ווייטער:

— „דאָס איז פּיליכט געווען די שווערסטע זאַך, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יענע מענטשן: נישט די שווערע אַרבעט אין פתח תקוה און סעדזשערע, און אויך נישט די סכנות־פולע אַרבעט פון שטיין אויף דער וואַך ביים שייער אָדער הינטער דעם פּלויט, נאָר די דאָזיקע ווידערשפּעניקונג קעגן אַלץ, וואָס איז געווען אָנגענומען אין דער אידישער און סאָציאַליסטישער וועלט: צו שטיין איינזאַם קעגן אַ גרויסע אויטאָריטאַטיווע אידייע. זיי האָבן דאָס אָבער געפילט ווי אַ טיפע גזירה פון זייער לעבן. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך נישט געוואָלט אָנהענגען אָן וועלכן עס איז אויטאָ־ריטעט, נאָר האָבן גענומען די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך, און האָבן געוואוסט פון זיך אויך צו פאָדערן. דאָס האָט אויפ־געשטעלט די ארץ ישראל׳דיקע אַרבעטערשאַפט, און דאָס האָט דעם נייעם ארץ ישראל און ענדערן דעם אויסזען פון ציוניזם און דעם אויסזען פון דער אידישער געשיכטע!״

אַלס פאַרטיי פירער איז בן־גוריון אויף יענער קאָנפערענץ גאָר

שטאַרק אויסגעוואַקסן. און אַנשטאָט דעם, וואָס ביז דאַן האָט מען באַצייכנט די פּאַרטיי־פירער אין ארץ ישראל: בן־צבי און בן־גוריון, האָט מען פון יענער קאָנפערענץ און ווייטער גענומען באַצייכענען: בן־גוריון און בן־צבי. אַזוי שטאַרק איז געוואַקסן זיין אָנזען אין דער פּאַרטיי, אַפילו ביי זיינע קעגנער.

און נאָך אַ וויכטיקע דאַטע אין לעבן פון בן־גוריון מוז דאָ פאַרצייכנט ווערן: זיין ערשטע באַטייליקונג אין ציוניסטישן קאָנגרעס. און דאָס איז געשען אין דעם זעלביקן זומער. און פון דאַן אָן האָט ער שוין נישט דורכגעלאָזן קיין איין ציוניסטישן קאָנגרעס. אין אַלע איבעריקע 13 קאָנגרעסן, וואָס זיינען פון דאַן ביז איצט פאָרגעקומען, האָט ער פאַרטראָטן ארץ ישראל, און זייט 1933 — אַלס הויפּט־פאַרטרעטער, אַלס ציוניסטישער מנהיג און איינער פון די אָנפירער פון ישוב.

אין יענעם זומער 1911 איז ער דעלעגירט געוואָרן פון ארץ ישראל נישט נאָר צו דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון זיין פּאַרטיי, נאָר אויך צום 10טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל, שווייץ, צווישן 9טן און 15טן אויגוסט. אויף יענעם קאָנגרעס האָט דוד וואָלפסאָן רעזיגנירט פון דער פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויף זיין פּלאַץ איז דערווײלט געוואָרן פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג (1859—1938). „אויפן צענטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט דער פּאָליטישער ציוניזם באמת קאַפּיטולירט פאַרן פּראַקטישן און קולטורעלן ציוניזם, פאַר דער אַלטער חיבת ציון און אחד העמ׳יזם“. אַזוי אורטיילט וועגן דעם פאַרלויף פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס דער באַרימטער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. דער זיבן־יעריקער קאַמף וועגן הערצל׳ס ירושה האָט זיך געענדיקט מיטן אַרויסשטויסן די פּאָליטישע ציוניסטן. די וואָלפסאָן־הערשאַפט איז געווען אַן איבערגאַנג פונם הערצליאַניזם צו דער פולשטענדיקער הערשאַפט פון די אַזוי גערופענע פּראַקטישע ציוניסטן.

בן־גוריון האָט אָנטייל גענומען אין צענטן קאָנגרעס, האָט זיך אָבער נישט באַטייליקט אין זיינע דיסקוסיעס און פאַרהאַנדלונגען. און דאָס האָט ער אויך נישט געטאָן אין די קומענדיקע פאָר קאָנגרעסן. די קאָנגרעסן־אַטמאָספער איז אים נאָך געווען פרעמד. ער האָט זיך צו איר געדאַרפט צוגעוואוינען. און ווען ער האָט זיך צו איר צוגעוואוינט — האָט ער גענומען שפּילן אַן אָנפירנדע ראָלע.

צוועלפטער קאַפּיטל

אין סאַלאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל

אין אונזער פריערדיקן אַרטיקל האָבן מיר געזאָגט, אַז בן־גוריון האָט שוין אין דער פריסטער יוגנט, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, גענומען זיך צוגרייטן צו דער שווערער און זייער פאַראַנטוואָרטלעכער ראָלע פון פירערשאַפט ביי אידן. אויב אין דער פריסטער יוגנט האָט די דאָזיקע צוגרייטונג ביי אים גע־קאָנט אַרויסוואַקסן פון אַן אומבאַוואוסטן געפיל, איז אָט דער דאָ־זיקער געפיל, אין די צוואַנציקער יאָר פון זיין לעבן, ביי אים גע־ווען גאָר קלאָר און דייטלעך. ער האָט דאַן געזען די אויפגאַבן, וואָס דערוואַרטן אים און זיין גלייכן, דעם הייפעלע יונגע אַרבעטער פירער אין ארץ ישראל, אין די קומענדיקע יאָרן אויף דעם באָדן פון זייער אַלט־נייעם פאָטערלאַנד.

די דאָזיקע נייע אָריענטאַציע איז געקומען אין פאַרבינדונג מיט דער טערקישער רעוואָלוציע, וועלכע איז אויסגעבראָכן דעם 5טן אויגוסט 1908. די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט אויפגעטרייסלט דעם מיטעלן מזרח, וועלכער האָט זיך אין פאַרלויף פון הונדער־טער יאָרן געפונען אין אַ פאַרשלאָפענעם צושטאַנד. די פאַרבאָרגענע כוחות פון די פאַרשיידענע פעלקער, וואָס האָבן געבילדעט די אָטאָ־מאַנישע אימפּעריע, האָבן זיך גענומען באַוועגן. אָבער נישט דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל, וועלכער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן

אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד. אַט די ניי־געשאַפענע לאַגע האָט באַוואויגן בן־גוריון׳ען צו נייע באַשלוסן.

אַזוי קאָן דער אידישער ישוב ווייטער נישט פאַרבלייבן. ער מוז זיך אויך צוגרייטן פאַר אַ מעגלעכער ענדערונג, וואָס קאָן אַריינ־טרעטן אין דער צוקונפט. ער מוז דעריבער צוגרייטן נייע כוחות, וועלכע זאָלן קאָנען די שפּראַך פון לאַנד, טערקיש. און אירע גע־זעצן, און זאָלן זיין פעאיק צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. און דער הויפּט־געדאַנק איז דער־ביי, פאַרשטייט זיך, געווען, אַז די נייע צוגעגרייטע כוחות זאָלן דינען די ציוניסטישע אינטערעסן.

דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז ארץ ישראל זאָל זיין פאַר־אייניקט מיט טערקיי אַ פיר הונדערט יאָר, זאָל לעבן איר פּאָליטישן לעבן, איר ווירטשאַפטלעכן לעבן, און אין אַ געוויסער מאָס אויך איר קולטורעלן לעבן. טערקיי גופא האָט שוין דאַן אַפילו פאַרמאָגט אַ אידישע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ: אידישע דאָקטוירים, אי־דישע אינזשינערן, אַגראָנאָמען און אַנדערע, אָבער נישט קיין אידישע יוריסטן, וועלכע קאָנען די געזעצן פון לאַנד און זיינען אַמ־מייסטן באַרופן צו שפּילן די פירנדע ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער באַפעלקערונג. און ווי אַזוי וועט דער ציוניזם קאָנען מאַכן פאָרשריט אין נייע אומשטענדן אין דער אָטאָמאַנישער אימ־פּעריע אָן דעם דאָזיקן כוח?

דאַן האָט ער געפאַסט דעם באַשלוס צו פאָרן קיין טערקיי, כדי דאָרט שטודירן רעכטס־וויסנשאַפט.

און דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל האָט זיך דאַן ווירק־לעך געגויטיקט אין אַ פאָרטרעטערשאַפט, וואָס זאָל ברענגען זיינע קריוודעס פאַר דער צענטראַלער טערקישער מאַכט אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. דער טערקישער באַאַמטער בכלל און דער אין ארץ ישראל בפרט, איז דאַן געווען קאָרומפּירט ביז צום מאַרך פון זיינע ביינער. „באַקשיש", כאַבאַר, האָט פאַרטראָטן אַלע געזעצן. אָן אונטערקויפן

אַ באַאַמטן, אַפילו ווען דאָס געזעץ איז געווען מיט איך, האָט זיך גאָרנישט געקאָנט רירן פון אָרט. רויב און מאָרד מצד די נאָענטסטע שכנים, די אַראַבער, איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אַ מערדער איז כמעט קיינמאָל דורך דער פּאָליציי נישט אויפגעדעקט געוואָרן. און לויט דעם מנהג פון לאַנד, וואו עס האָט געהערשט „גאולת הדם״, איז פאַר אידן געווען כמעט אוממעגלעך זיך צו פאַרטיידיקן, טאָמער ווען דער אָנגרייפנדער אַראַבער פאַלן אין קאַמף אַ טויטער. עס זיינען געווען אַזעלכע פאַלן ווען די משפחה פון אַן אַראַבישן געפאַלענעם מערדער האָט נאַכהער פאַרביטערט דאָס לעבן פון אַ אידישע קאָלאָניע.

אויב די אידישע לאַגע אין ארץ ישראל איז געווען אַזאַ פאַר דער טערקישער רעוואָלוציע, איז די לאַגע נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן אַ פיל ערגערע. די אַראַבער האָבן די כלומרשטע „פרייהייט״ גאָר אַנדערש אויסגעטייטשט. די פאַרבינדונג פון דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע מיט דער צענטראַלער טערקישער מאַכט אין דער הויפּט־שטאָט איז לויזער געוואָרן. און דער אַראַבער האָט זיך דער־פילט פרייער אין זיינע האַנדלונגען.

פאַר אַן איירָאָפּעאיש דערצויגענעם יונגנמאַן מיט אַ רעוואָ־לוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, מיט יאָרן אָנפּירערשאַפט פון אַן אַר־בעטער־פאַרטיי, מיט גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס — פאַר אַזאַ איינעם איז דאַן געווען אַ קנאַפּער פאַרגעניגן צו שטודירן אין אַן אָטאָמאַנישן אוניווערסיטעט; שטודירן אין אַ שפּראַך, וואָס האָט נאָר אַ לאָקאַלע באַדייטונג; צו שטודירן אַ געגנשטאַנד, וואָס קאָן נישט ברענגען קיין נוצן אויסערהאַלב די שמאָלע גרענעצן פון לאַנד. פאַר אַ שטודירנדן אידישן יונגנמאַן זיינען די אוניווערסיטעטן פון פּאַריז, בערלין אָדער די אוניווערסיטעטן פון דער שווייץ געווען מער צוציענד. און שטודירן רעכטס־וויסנשאַפט — איז אים אויך פריער קיינמאָל נישט געלעגן אין זינען, נישט אין פּלאָנסק, און

נישט ווען ער האָט זיך געלערנט אין וואַרשע. דאַן האָבן אים אינטערעסירט אַנדערע וויסנשאַפטן.

ווען בן־גוריון איז אַוועקגעפאָרן שטודירן קיין טערקיי, צוערשט קיין סאַלאָניקי און שפּעטער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז ער שוין געווען אַ יונגערמאַן 25 יאָר אַלט. ער איז שוין דאַן פינף יאָר אָפּגעווען אין ארץ ישראל. אין די דאָזיקע יאָרן פון אַרבעט און דערפאַרונג אויף די פעלדער פון יהודה און גליל, צווישן די אַלטע מויערן פון ירושלים, האָבן נאָכמער באַשטימט זיין גורל, זיין שפּעטערדיקע קאַריערע אַלס אַרבעטער פירער, אַלס אידישער מנהיג. און מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ סך וויזיע אַליין צו באַשטימען אין דער ראָלע פון אַ פאַרטרעטער פון ישוב אין דער אַמאָליקער אָטאָמאַנישער הויפּט־שטאָט!

און דעם דאָזיקן באַשלוס האָט ער געפאַסט אַליין. און דאַן האָט מען נאָך נישט געוואוסט פון פאָרן שטודירן אויפן רעכענונג פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. און דאָ איז כדאי צו אונטערשטרייכן אין וועלכע באַציאונגען ער האָט זיך נאָך דאַן געפונען מיט זיין פאָטער. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט געשטודירט, האָט ער פון פאָטער באַקומען צוגעשיקט 30 רובל אַ חודש. ס׳איז אַפילו נישט געווען קיין גרויסע סומע פאַר אַ סטודענט, אָבער אַ גענוגנדע סומע פאַר אַן איינפאַכער עקזיסטענץ.

נאָך אַ יאָר אָפּאַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון „האחדות“, אַלס איינער פון אירע רעדאַקטאָרן, האָט ער זומער 1911 גענומען זיין פעקל און אַוועקגעפאָרן קיין סאַלאָניקי, כדי זיך צוצוגרייטן און אָנקומען אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט. און פאַר אַ מתמיד ווי ער איז אַ קלענערע שטאָט צו שטודירן בעסער צוגעפאַסט, ווייל מ׳ווערט דאָרט ווייניקער געשטערט ווי אין אַ גאַר גרויסער שטאָט. אין סאַלאָניקי האָט אים געצויגן אויך פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: זי האָט דאַן פאַרמאָגט איין פון די אינטערעסאַנטסטע אידישע קהילות.

דעם 25טן יאַנואַר 1940, אויף אַ פאַרזאַמלונג פאַרן קרן היסוד

פון די ספרד׳ישע אידן אין תל־אביב, האָט דוד בן־גוריון צווישן אַנדערע אויך דערציילט וועגן זיין אויפנטהאַלט אין סאַלאָניקי:

— „...דאָס איז געווען מיט דרייסיק יאָר צוריק. אין יענער צייט איז סאַלאָניקי, די ספרד׳ישע שטאָט אין טערקיי, געווען די אַממייסטן אידישסטע שטאָט אין דער וועלט, און נישט תל־אביב. איך בין פון ארץ ישראל געקומען קיין סאַלאָניקי אַלס יונגער סטודענט, כדי דאָרט צו לערנען רעכטס־וויסנשאַפט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיך האָבן אויך אינטערעסירט די שטימונגען און באַציאונג צו ארץ ישראל פון אָט דעם דאָזיקן ספרד׳ישן שבט. סאַלאָניקי איז געווען אַ גרויסע אידישע שטאָט און אויך אַ שטאָט פון אידישע אַרבעטער. צו מיין באַדויערן האָב איך געהערט, אַז די אידישע מאַסן זיינען נישט מיט אונז, און אַז די אַרבעטער פירער זיינען אַנטי־ציוניסטן און דערוויטערן די אַרבעטער פון דעם ארץ ישראל געדאַנק. אין דער ווירקלעכקייט איז מיר געלונגען צו געפינען אַ סאָציאַליסטישן פירער אין סאַלאָניקי, וועלכער איז נישט געווען קיין קעגנער צו ארץ ישראל, פאַרקערט, אונזערער אַ פריינט. ער איז אָבער געווען אַ גוי, אַ מיטגליד פון טערקישן פּאַרלאַמענט, דמיטרי וולאכאוו. ער האָט מיר איינגעלאַדן, אַז איך זאָל קומען צו אַ פאַרזאַמלונג פון אידישע אַרבעטער, כדי פאַר זיי צו רעדן וועגן ארץ ישראל. איך האָב דאַן געפילט די טראַגעדיע פון ברידער, וועלכע קאָנען זיך נישט צוזאַמענרעדן איינער מיטן צווייטן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע שפּראַך. איך האָב געפילט דעם טעם פון „שנים מקרא ואחד תרגום״, ווייל מיינע רייד האָט מען געדאַרפט איבערזעצן נישט פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער, נאָר אויך איבערזעצן די איבערזעצונג. דער איינציקער, וועלכער האָט מיך געקענט פאַרשטיין איז געווען דער גוי וולאַכאָוו. איך האָב געהאַלטן מיין רעדע אין רוסיש און וולאַכאָוו האָט זי איבערגעזעצט אין טערקיש, און יוסף סטרומזא, וועלכער איז געווען מיין לערער אין טערקיש, האָט זי איבערגעזעצט פון טערקיש אין שפּאַניאָליש. און איך קאָן

זיך נישט באַרימען, אַז די דאָזיקע רעדע, וועלכע איז איבערגעגאָסן געוואָרן אין אַ דריטער כלי האָט עפּעס געווירקט".

אין יענער צייט זיינען נאָך געווען אַ סך ציוניסטישע פירער, וועלכע האָבן געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט צו שאַפן אַ אידישע אַרבעטער מאַסע. און איינער פון יענע גרויסע צווייפלער איז אויך געווען אחד העם. אָן אַן אַרבעטער־שיכט קאָן מען דאָך נישט בויען קיין פאָטערלאַנד, קיין מדינה! אויף דער דאָזיקער האַרבער פראַגע האָט בן־גוריון געפונען אַ פּאָזיטיווע תשובה אין סאַלאָניקי. די אידישע קהילה אין דער דאָזיקער שטאָט האָט דאַן געציילט אַרום 60—70 טויזנט נפשות, און צווישן זיי איז געווען אַ גרויסער אידישער פּראָלעטאַריאַט. דער סאַלאָניקער האַפן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דערווירטשאַפט פון טערקיי, און דער גרעסטער טייל האַפן־אַרבעטער זיינען געווען אידן: אידישע טרעגער, אידן האָבן אָנגעלאָדן די שיפן און אויסגעלאָדן, אידן האָבן געפירט די שיפלעך אין האַפן. שבת האָט דער גאַנצער האַפן גערוט. שיפן, וועלכע זיינען אָנגעקומען אום שבת, האָבן געמוזט בלייבן שטיין ווייל קיינער האָט זיי נישט אויסגעלאָדן. שבת האָבן זיי אויך נישט געקאָנט אַוועקשווימען, ווייל קיינער האָט זיי נישט אָנגעלאָדן. און אויב אַזאַ דערשיינונג איז מעגלעך אין גלות, איז זי דאָך מעגלעך אין ארץ ישראל אַוודאי און אַוודאי!

אין סאַלאָניקי האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן די לימודים און האָט אויך געמאַכט גרויסע פאָרשריטן אין דער טערקישער שפּראַך. אין פאַרלויף פון אַכט חדשים האָט ער איר באַהערשט. ער איז אויך אָנגענומען געוואָרן אויפן דאָרטיקן אוניווערסיטעט. לאַנג איז ער אָבער אין דער דאָזיקער שטאָט נישט פאַרבליבן. אינצווישן זיינען אייניקע פון זיינע חברים פון ארץ ישראל, ווי בן־צבי, ישראל שוחט און אַנדערע אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויך כדי דאָרט צו שטודירן רעכטס־וויסנשאַפט. בן־צבי האָט אים געשריבן און געבעטן, אַז ער זאָל זיך אַריבערקלייבן קיין קאָנסטאַנ־

טינאָפּאָל. נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעווען אַכט חדשים אין סאַלאָניקי איז ער פרילינג 1912 אַריבער אין דער טערקישער הויפּט־שטאָט.

קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט שוין געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַק־טער. אַ גרויסער פּאָליטישער צענטער, וואוהין עס האָבן זיך געצויגן די פעדעם פון דער ווייט־צעוואָרפענער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. און דאָרט זיינען אויך געווען פּאָליטיש טעטיק די פאַרשיידענע פאַרטרע־טער פון אירע מינאָריטעטן גרופּן. פאַרשידענע פּאָליטישע טעטי־קייטן און פאַרשיידענע פּאָליטישע אינטריגעס.

אויסער דעם איז קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ וואונדער־שיינע שטאָט. די נאַטור האָט איר נישט געזשאַלעוועט פון איר רייכקייט און פאַר־שיידנאַרטיקייט. די שטאָט ליגט פון אַלע זייטן אַרום וואַסער. דאָ האָט איר דעם באָספּאָר און דאָ — דעם „גילדערנעם האָרן" און דאָרט איז סקוטארי. צו יענער צייט איז אויך דאָס לעבן געווען פאַר־שיידנאַרטיק, און די שטאָט האָט געקאָנט יעדן איינעם אָנבאָטן, וואָס זיין האַרץ גלוסט. פון איין זייט איז געלעגן דאָס רייכע פּערו, וואָס האָט אויסגעזען אייראָפּעאיש, מיט פּאַלאַצן, פיינע געשעפטן און גרוי־סע האָטעלן, מיט פאַרפּוצטע גאַסן. דאָרט האָבן זיך די דיפּלאָמאַטן, די הויכע באַאַמטע, די רייכע סוחרים „געבאָדן אין וואוילטאָג", ווי מען זאָגט.

איבער דעם בריק, איבער דעם „גילדענעם האָרן", האָט זיך געפונען דאָס אַלטע, פאַרשלאָפענע סטאַמבול, מיט איר וועלט־באַ־רימטער „איאַ סאפיא", מיט אירע מעזעאומס, מיט די פאַרשיידענע מעטשעטן. דאָרט איז שוין געווען דער עכטער אָריענט: די פרויען באַהאַלטן הינטער די שוואַרצע שלייערס, די הויפן פאַרמאַכטע, אַז קיין פרעמדער זאָל אין זיי נישט אַריינקוקן, און ריחות פון מאכלים — דערשטיקט צו ווערן. פון פּערו ביז סטאַמבול איז געווען אַ מהלך פון לאַנגע דורות.

און צווישן דיביידע פאַרשיידנאַרטיקע שטאָט־טיילן איז געלעגן דער קוואַרטאַל גאַלאַטאַ, ביים האַפן, מיט זיין אָרעמקייט, מיט זיינע

פאַרברעכער, מיט זיין פּראָסטיטוציע און מיט זיין אונטערוועלט. אויב עמיצער האָט זיין גאַנצן לעבן נישט געטראַכט וועגן סאָציאַליזם, וועגן סאָציאַלע רעפאָרמען, וועגן אויפהויבן די מאַסן פון זייער גע־פאַלנקייט און דאָס גלייכן — האָט אָבער, גייענדיק דורך די גאַסן פון גאַלאַטאַ, וועגן דעם אַלעם געמוזט טראַכטן. קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אַ יונגן פּילנדן מענטשן געגעבן אַ סך ערפאַרונגען, און נאָך מער אַ יונגן אידישן מענטשן, וואָס האָט שוין אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע פאַרגאַנגענהייט און וואָס טראָגט זיך אַרום מיט סאָציאַלע אידייען סיי פאַר זיין פאָלק און סיי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

און בן־גוריון ווייסט נישט פון קיין האַלבער אַרבעט. אַלץ, וואָס ער נעמט אונטער — טוט ער דאָס מיט ערנסטקייט, מיט איבער־געגעבנקייט, מיט התמדה. און איז ער געוואָרן אַ סטודענט — האָט ער געלערנט פלייסיק און האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין די עקזאַמענס. און דאָך האָט ער אויך געפונען צייט פאַר פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, פאַר באַגעגענישן מיט סאָציאַליסטן פון אַנדערע גרופּירונגען, פאַר רעפעראַטן און דיסקוסיעס.

איינע פון זיינע טעטיקייטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז גע־ווען אַרום דעם פאַראיין פון די אידישע סטודענטן. ער איז גע־קומען אין פרילינג 1912 און אין זומער פון דעם זעלביקן יאָר האָט דער פאַראיין געציילט אַרום 50 סטודענטן. דער פאָרזיצער איז געווען דער ארץ ישראל'דיקער גד פרומקין, וועלכער איז אונטער דעם מאַנדאַט־רעזשים אין ארץ ישראל געווען אַ הויכער ריכטער ביי די ענגלענדער, און דער סעקרעטאַר פון פאַראיין איז געווען — דוד בן־גוריון. אַנדערע מיטגלידער אין דעם פאַראיין זיינען דאַן געווען: בן־צבי, דוד רמז, מרדכי לבנון.

רעדנדיק וועגן יענער עפּאָכע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מוז דאָ דערמאָנט ווערן אַ נאָמען פון אַ וואונדערבאַרן מענטשן — יהודה נופך (1879—1929) ד״ר נופך, אַליין אַ גרויסער אידעאַליסט, איז ער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געווען אַ וועג־ווייזער, פריינט און חבר

צו אַלע אידיש־אידעאַליסטישע יונגעלייט, וועלכע זיינען אין דער טערקישער הויפּט־שטאָט געקומען שטודירן מיטן צוועק צו דינען דעם ציוניזם. ער אַליין האָט געשטאַמט פון זייער אַ פיינער אידישער פאַמיליע אין מינסק. אין רוסלאַנד האָט ער געענדיקט גימנאַזיע און דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אים איז דאָרט פאָרגעשטאַנען אַ פיינע קאַריערע. ער האָט אָבער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און איז אַוועק־געפאָרן צו שטודירן רעכטס־וויסנשאַפט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבנדיק אין זינען, אַז ער וועט דערמיט קענען ברענגען נוצן דעם ציוניזם. ער האָט נישט דערלעבט די אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה, אָבער אויך ער האָט געהאַט אַ גרויסן טאָג אין זיין לעבן — דעם טאָג ווען ער איז באַשטימט געוואָרן, אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט, אַלס ערשטער אידישער ריכטער אין תל־אביב.

בערך דריי יאָר צייט האָט בן־גוריון פאַרבראַכט אין די דער־מאָנטע צוויי טערקישע שטעט, אין סאַלאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און ער האָט דאָרט אַ סך געלערנט, נישט נאָר פון פּראָפעסאָרן, פון ביכער, נאָר אויך פון לעבן. די אונטערגייענדע אָטאָמאַנישע אימ־פּעריע און איר פאַרשיידנאַרטיקע באַפעלקערונג האָבן אים געגעבן אַ סך נאָכצודענקען. וואָס קאָן מען לערנען פון דעם דאָזיקן פּראָ־צעס? און ער האָט אויך געצויגן זיינע באַשלוסן פון דעם דאָרטיקן אייגנאַרטיקן ספר׳ישן לעבן.

אין די זומער חדשים, ווען דער אוניווערסיטעט אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל האָט זיך געשלאָסן און די סטודענטן זיינען צעפאָרן אויף זייער וואַקאַציע, פלעגט אויך בן־גוריון פאָרן אַהיים, קיין ארץ ישראל און זיך ווידער אַוועקגעזעצט ביים רעדאַקציע־טיש אין „האחדות". אַזוי האָט ער זיך געפירט יאָר נאָך יאָר. אין יאָר 1912 האָט זיך דער אוניווערסיטעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געשלאָסן אויך צוליב אַן אַנדער סיבה — צוליב דעם צווייטן באַלקאַנישן קריג. און אַלס געטרייער ארץ־ישראל׳דיקער פּאַטריאָט האָט ער דאַן וואָלונ־טירט אין דער טערקישער אַרמיי. אָבער קיין טערקישער זעלנער איז

ער נישט געוואָרן, ווייל ביז וואָס־ווען האָט זיך דער קריג געענדיקט און ס'איז דערקלערט געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

ווי יעדעס יאָר איז ער אויך אין זומער 1914 געפאָרן אַהיים, קיין ארץ ישראל, אויף די וואַקאַציע חדשים. אָבער זייענדיק אין וועג אויפן שיף איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און קוים מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער דערגרייכט די ברעגן פון זיין פאָטערלאַנד.

ד ר י י צ נ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

ווערט „אויף אייביק" אַרויסגעשיקט פון ארץ ישראל

דער וועג קיין ארץ ישראל מיט וועלכן דוד בן־גוריון און זיינע חברים סטודענטן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען געפאָרן אַ היים אויף זיין וואַקאַציע, אין זומער 1914, איז געווען זייער אַ געפער־לעכער און אויך זייער אַ דראַמאַטישער. גענויער וועגן דער דאָזיקער רייזע דערציילט בן־צבי אין זיין בוך „בעליה השניה":

אַרויסגעפאָרן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען זיי אויף אַ רוסישער שיף, וועלכע האָט אויף איר דעק געהאַט פּאַסאַזשירן פון פאַרשיידענע פעלקער. אַרויסגעפאָרן זיינען זיי ווען עס איז נאָך געווען „רואיק" אויף דער וועלט. ווען די שיף איז אָבער אָנגעקומען אין סמירנע'ר האַפן איז באַקאַנט געוואָרן, אַז צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ קריג. דאָס איז געווען תשעה באב תרע"ד.

פאַר דער שיף איז געווען אַ גרויסע סכנה זיך ווייטער צו באַ־וועגן, און הויפּטזעכלעך ווייל אין די מיטללענדישע וואַסערן זיינען דאַן אַרומגעשוואומען די צוויי גרויסע דייטשע קריגס־שיפן „געבען" און „ברעסלאו". דער קאַפּיטאַן פון דער רוסישער שיף האָט זיך אונטערגענומען צו פירן זיינע פּאַסאַזשירן אין די געפערלעכע וואַסערן. ער האָט אָבער אויפן שיף איינגעפירט אַ שטרענגע מילי־טערישע אָרדענונג. אין די נעכט זיינען זיי געשוואומען אינגאַנצן אָן באַלייכטונג. דריי טעג האָבן די פּאַסאַזשירן נישט געוואוסט וואו

זיי געפינען זיך, ערשט אויפן פערטן טאָג איז די שיף אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן. דאָרט האָט דער קאַפּיטאַן געבעטן די פּאַסאַזשירן, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די שיף, אָבער קיינער האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן. זיי האָבן יאָ פאַרלאָזן, ווען דער קאַפּיטאַן האָט פאַר זיי געפונען אַן אַנדער שיף, וועלכע איז געשוואומען אונטער אַ פּערסישער פאָן.

דער וועג פון אַלעקסאַנדריע קיין ארץ ישראל האָט דאַן גע־ווייִנלעך געדויערט 36 שעה. די נייע שיף איז אָבער געפאָרן דריי טעג און דריי נעכט. די ענגשאַפט אויף דער שיף איז געווען נישט צו באַשרייבן. עסן איז נישט געווען וואָס. איז דאָס אַלץ נאָך געווען ווייניק — איז אויף דער שיף אויך אויסגעבראָכן אַ שרפה. אין יפו, וואו די אידישע פּאַסאַזשירן האָבן געוואָלט אַרונטערגיין, האָט זיך די שיף נישט געקענט פאַרהאַלטן ווייל זי האָט דערצו נישט געהאַט די נויטיקע דאָקומענטן. וועגן אַזאַ באַוויליקונג האָט מען געטעַ־לעגראַפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין דער נאַכט האָט אָבער די אַראַבישע מאַנשאַפט פון שיף געצוואונגען דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל נישט וואַרטן אויף דער דערלויבעניש פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און די שיף ווייטער פירן קיין ביירוט. די לאַגע פון די אידישע פּאַסאַזשירן איז געווען אַמערגסטן, ווייל זיי זיינען טעראָריזירט געוואָרן פון די באַוואָפנטע שיפס־אָפיצירן. אין ביירוט זיינען די אידישע רייזנדע איבערגעגאַנגען אויף אַ דריטער שיף, וועלכע האָט זיי סוף־כל־סוף געבראַכט קיין יפו.

ארץ ישראל האָט זיך אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט אינ־גאַנצן געענדערט. דאָס לאַנד איז געווען איינגאַנצן נישט צו דער־קענען. עס איז געווען איינגאַנצן באַהערשט פון טערקיש מיליטער, וואָס האָט זיך געגרייט אויף אַן איבערפאַל אויפן סועץ־קאַנאַל, דעם הויפּט־וועג פון ענגלאַנד קיין אינדיע. דער אידישער ישוב האָט זיך דאַן געפונען אין זייער אַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. ער איז געשטאַנען כמעט פאַר אַ הונגער. אַלע נויטיקע שפּייז־פּראָדוקטן

זיינען דאַן אימפּאָרטירט געוואָרן פון אויסלאַנד, און פון אויסלאַנד זיינען אויך געקומען די געלט־מיטלען פאַרן ישוב. דער אַלטער ישוב האָט נאָך דאַן געלעבט אויף „חלוקה" פון די פרעמדע כוללים. און פּלוצלונג האָט זיך ארץ ישראל געפונען אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט.

און אויך אין פּאָליטישן זין איז די אידישע לאַגע געווען אַן ענלעכע. ביזן קריג איז כמעט דער גאַנצער אידישער ישוב — סיי דער אַלטער און סיי דער נייער — באַשטאַנען פון פרעמדע בירגער. מיט דעם זיינען אַלע געווען יחסנים, ווייל זיי זיינען נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער שטרענגער „גערעכטיקייט" פון דער טערקישער מאַכט, נאָר זיינען געשטאַנען אונטערן שוץ פון די קאָנסולאַטן פון זייערע רעגירונגען. און אַז אַד־און־ווי איז געווען צו אַ טערקישן באַאַמטן ווען ער האָט זיך געדאַרפט פאַרענטפערן פאַר אַ קאָנסול...

די דאָזיקע פּריווילעגיעס פאַר די אויסלענדישע בירגער, וועלכע האָבן זיי געגעבן אַ געוויסע עקסטעריטאָריאַליטעט, זיינען געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „קאַפּיטולאַציע"־רעזשים, און האָבן געשטאַמט פון דער צייט פון סולטאַן סולימאַן קאַנוני (1520—1566). ווען טער־קיי איז אָבער אַריין אין קריג איז איר ערשטע אויפגאַבע געווען אָפּצושאַפן דעם „קאַפּיטולאַציע"־רעזשים, צוצונעמען די פּריווי־לעגיעס פון די אויסלענדער. דאָס איז געשען דעם 31טן אָקטאָבער 1914. און נישט לאַנג האָט אויך געדויערט און עס האָבן זיך אָנגע־הויבן די פאַרפאָלגונגען קעגן ישוב, קעגן דער אידישער באַפעל־קערונג, מיטן אויסרייד, אַז זי איז ציוניסטיש געשטימט.

בן־גוריון — מיט אייניקע פון זיינע פּאַרטיי חברים — זעענדיק די ניי־געשאַפענע לאַגע, האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס, וואָס איז נאָך מעגלעך אָפּצוראַטעווען פון די עקזיסטירנדיקע אידישע פּאָזיציעס. זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער דאַן געריכטעט אין איין פּונקט: אָטאָמאַ־

ניזאַציע. אין אַלע זיינע רעדעס, אין אַלע זיינע אַרטיקלען האָט ער אויפגעפאָדערט די אידן, אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט אָננעמען די טערקישע בירגערשאַפט, און דאָס, כדי זיי זאָלן נישט אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד. און ער אַליין האָט געגעבן דעם ערשטן ביישפּיל און געוואָרן אַ טערקישער בירגער.

די לאָזונג איז גאַס איז געוואָרן: אידן, ווערט אָטאָמאַנישע בירגער! אין ירושלים׳ער ביוראָ פון נאַציאָנאַל־שטאָלצן, פּאָט־ריאָרכאַלישן, 80־יעריקן הויפּט־רב ר׳ משה פראנקו האָט זיך גע־עפנט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, וועלכע האָט די אידן געהאָלפן ווערן טערקישע בירגער. און אַלס סעקרעטאַרן פאַר דער דאָזיקער אָפּ־טיילונג האָבן וואָלונטירט די בייע טערקישע בירגער דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי, וועלכע האָבן גוט געקענט די טערקישע שפּראַך און געקאָנט דינען אַלס פאַרבינדונגס־באַאַמטע מיט דער טערקישער מאַכט. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט זיינען דורך זייערע הענט דורכגעגאַנגען 15 טויזנט בקשות פון אידן, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס טערקישע בירגערשאַפט.

צו יענער צייט איז ער שוין נישט געווען קיין ענגער פאַרטיי־מענטש. זיין טעטיקייט האָט אַרומגענומען ברייטערע געביטן. ענדע 1914 ווערט געוויילט אַ אידישער קאָמיטעט מיטן צוועק צו שאַפן אַ פאָלקס־וואַך, „משמר העם״, וואָס זאָל מיטהעלפן דער מאַכט אין היטן געזעץ און אָרדנונג אין לאַנד. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס איז דערלויבט געוואָרן פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, איז צווישן אַנדערע פאָרשטייער פון ישוב אויך געוויילט געוואָרן בן־גוריון.

און אָט ווען ס׳איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון אַ אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל קעמפן אויפן ארץ ישראל׳דיקן באָדן! מיר אונ־טערשטרייכן דעם לעצטן זאַץ. ס׳איז געווען אין יענער צייט, אין די ערשטע חדשים פון ערשטן וועלט־קריג, ווען די פירער פון ישוב האָבן געזוכט פאַרשיידענע וועגן און פאַרשיידענע מיטלען ווי

אַזוי אָפּצוהיטן די אידישע דערגרייכונגען אין לאַנד, די שאַפונגען פון די ערשטע צוויי עליות — דאַן, איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער פועלי ציון־צענטראַלע אין ארץ ישראל, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע, וואָס האָט וואָלונטירט אין טערקישן מיליטער מיטן באַדינג, אַז זי זאָל פאַרבלייבן דינען אין לאַנד, און ווען אויך נויטיק — פאַרטיידיקן אירע גרענעצן. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 40 מיטגלידער, און אויסער בן־גוריון האָבן צו איר געהערט: בן־צבי, דער באַרימטער שריפטשטעלער י. ח. ברענער, א. ראובני, מ. כרמון, י. זרובבל, נחום אלקושי און אַנדערע. די מיליטערישע אָנפירונג אין לאַנד מיטן קאָמאַנדיר זאַקי־ביי אין דער שפּיץ האָבן מיט דער גרופּע פאַרהאַנדלט. אָבער נאָך אַ קורצער צייט איז פון דער טערקישער הויפּט־קאָמאַנדע אין דמשק אָנגעקומען אַ באַפעל פונאַנדערצולאָזן די דאָזיקע אידישע מיליטערישע גרופּירונג.

גלייך ביים אָנהויב האָט דער טערקישער גענעראַל דזשעמאַל פּאַשאַ געליטן אַ גרויסע מפּלה אין זיין אינוואַזיע אויפן סועץ קאַנאַל. און כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער דאָזיקער וויכטיקער נידערלאַגע, האָט מען אויסגעזוכט אַ שׂונא אין די פּראָנט־פּאָזיציעס — די אידן. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן אידן־פאַרפאָלגונגען. מ'האָט „גערייניקט" דעם פראָנט כדי פון דאָרט צו „באַזייטיקן" דעם אומגעטרייען עלעמענט. און ווער זיינען נאָך אַזוי אומגעטריי ווי די ציוניסטן, וועלכע טראַכטן אָפּצורייסן ארץ ישראל פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה און גרינדן אַ אידישע מדינה? און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען קעגן די ציוניסטן: פאַר געפינען אין אַ הויז הערצל'ס אַ בילד האָט געדראָט טויט־שטראָף, פאַר געפינען אַ מאַרקע פון קרן קימת — טויט שטראָף. פאַרן קלענסטן פאַרדאַכט האָט מען אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, האָט מען פאַרשיקט אין ווייטע מקומות פון לאַנד. און די רעגירונג האָט געסטראַשעט, אַז זי וועט מיט די אידן טאָן דאָס זעלבע, וואָס זי האָט געטאָן מיט די אַרמענער. קיין עפנטלעכע מיינונג האָט שוין דאַן

נישט געהערשט, איינציקווייז זיינען אַלע העברעאישע צייטונגען צוגעמאַכט געוואָרן — די רעגירונג האָט זיי געשלאָסן.

נישט לאַנג האָט געדויערט און אַלע אידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון יפו און תל־אביב (17טער דעצעמבער 1914). דער „גירוש יפו" איז פאָרגעקומען מיט אַזוי פיל גרויזאַמקייט, אַז די גאַנצע אידישע וועלט איז דאַן אויפגעטרייסלט געוואָרן, און טאַקע פאַר אַ קאָרעספאָנדענץ וועגן דעם דאָזיקן גירוש האָט די מאַכט אויך געשלאָסן די צייטונג „האחדות".

ספּעציעל גרויזאַם איז דער דערמאָנטער טערקישער גענעראַל דזשעמאַל פּאַשאַ געווען קעגן די אָנפירער פון פּועלי ציון און דעם „השומר", און דעריבער זיינען בן־גוריון און בן־צבי געווען צווישן זיינע ערשטע קרבנות. כ"ה שבט תרע"ה זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט זיי אַריינגעזעצט אין ירושלים'ער תפיסה. זייער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער אַנטשיידונג פון הויפּט־קאָמאַנדיר. מ'האָט זיי אַרעסטירט אָבער שפּעטער זיינען זיי אַרויס־געלאָזט געוואָרן אויף ערבות ביז דער אַנטשיידונג פון דער מילי־טערישער מאַכט.

די ערגסטע קללה, וואָס מ'האָט אַ שונא דאַן געקאָנט ווינשן איז געווען — ער זאָל אַריינפאַלן אין אַ טערקישער תפיסה. די פּייני־קונגען, וועלכע די אַרעסטירטע זיינען דורכגעגאַנגען, איז נישט צו באַשרייבן. די פּאָליציי־באַאַמטע פון דער אַמאָליקער טערקיי זיינען געווען ווייט נישט הינטערשטעליק לגבי די מאָדערנע פּייניקער פון ג. ק. וו. ד. אָדער פון די נאַציס. די קולות, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון די טערקישע תפיסות, האָבן געריסן די הערצער פון די פאַרביי־גייער. האָט מען אָבער געהאַט גליק — איז נישט געווען קיין בע־סערע תפיסה, ווי די טערקישע.

דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי האָבן געהאַט גליק צו זייער תפיסה אין דער אַלט־שטאָט פון ירושלים: ערשטנס — האָבן זיי געקאָנט אויפנעמען געסט, און אַפילו זיי מכבד זיין מיט אַ קאַפע,

וואָס די וועכטער האָבן געבראַכט. און צווישן די געסט זיינען אויך געווען פּאַרטיי־חברים מיט וועלכע מ'האָט דערווייל אָפּגעהאַלטן אַ פּאַרטיי־באַראַטונג. און אַזוי ווי ס'איז דאַן אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון אָננעמען די טערקישע בירגערשאַפט — האָט מען זיי אויך דערלויבט צו באַשעפטיקן זיך מיט דער דאָזיקער אַרבעט. און זייענדיק אַליין „אַרעסטאַנטן" האָבן זיי געדינט אַלס איבערזעצער צווישן די טערקישע און אַראַבישע באַאַמטע און צווישן דער אידישער באַפעלקערונג.

און די דאָזיקע באַציאונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טערקיי פון יענער צייט.

אין גיכן איז באַקאַנט געוואָרן דער גורל פון בן־גוריון און בן־צבי, אַז זיי וועלן אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס און געפאָדערט, אַז אַלס אָטאָמאַנישע בירגער זאָל מען זיי משפט'ן אין לאַנד, און אויב זיי זיינען אין עפּעס וואָס שולדיק — זאָל מען זיי דאָ באַשטראָפן. זייער פּראָטעסט איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דזשעמאַל פּאַשאַ. זיין מאָטיוו איז געווען אַז די צוויי אַרעסטירטע זיינען פּועלי ציון און זייער ציל איז צו גרינדן אַ אידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. פאַרן אַרויסשיקן האָט מען ביי זיי צוגענומען זייערע בירגער־פּאַפּירן און אויך זייערע דאָקומענטן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אוניווערסיטעט. זייערע פּאָטאָגראַפיעס זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער אַלע טערקישע האַפנס מיטן צושריפט, אַז די דאָזיקע טאָרן קיינמאָל צוריק נישט אַריינגעלאָזן ווערן ווייל זיי זיינען „אויף אייביק" אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

איידער ס'איז באַקאַנט געוואָרן זייער שיקזאַל האָט די צענטראַלע פון פּועלי ציון פאַררופן אַ באַראַטונג פון אירע מיטגלידער אין אמדורסקי'ס האָטעל אין דער אַלט־שטאָט, נעבן „שער יפו", און דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן: אויב די צוויי חברים קענען נישט אויסמיידן די גזירה אַוועקגעשיקט צו ווערן פון לאַנד, זאָלן זיי ביידע

פאָרן קיין אַמעריקע, כדי דאָרט אויפצושטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג און אויך כדי צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַ אידישן לעגיאָן.

אַ וואָך פאַר פּסח תרע"ה איז דער גירוש איבער זיי אויסגעפירט געוואָרן. ביידע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אין דער פּאָליציי און זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אַ וועכטער, וועלכער האָט זיי געבראַכט קיין יפו. אין איניקע שעה שפּעטער איז אָנגעקומען די איטאַליענישע שיף „פירענצי", וואָס איז געשוואומען קיין עגיפּטן. די צוויי „אַרעסטאַנטן" זיינען אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דער שיף, און אויפן צווייטן טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין אַלעקסאַנדריע.

די עגיפּטישע מאַכט איז ווייט נישט געווען צופרידן מיט די צוויי אומדערוואַרטעטע „געסט", וואָס די ירושלים'ער פּאָליציי האָט איר געשיקט, און אויך זי האָט זיי פאַרהאַלטן, אָבער צוליב עפּעס־וואָס אַנדערש: זי האָט זיי פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת טערקיי. דאָקומענטן, וואָס זאָלן אידענטיפיצירן זייערע פּערזענלעכקייטן, האָבן זיי נישט פאַרמאָגט. זיי האָבן נאָר געהאַט אַ „קבלה" פון דער ירושלים'ער פּאָליציי, וואָס באַשטעטיקט, אַז זייערע דאָקומענטן געפינען זיך אין אירע הענט. און די דאָזיקע „קבלה" האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז זיי זיינען טערקישע שפּיאָנען.

אין אַלעקסאַנדריע האָט דאַן געוואוינט דוד יודעלעוויץ, דירעקטאָר פון „כרמל מזרחי". ער איז געווען אַ מין אידישער „אַמבאַסאַדאָר" אין אַלעקסאַנדריע פאַר די געקומענע אידן פון ארץ־ישראל. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם אַרעסט פון בן־גוריון און בן־צבי איז ער גלייך געקומען אין האַפן און האָט די צוויי אַרויסגענומען אויף זיין ערבות. די צוויי אַרבעטער פירער האָבן באַשלאָסן גלייך צו פאָרן קיין אַמעריקע; דער באַשלוס האָט אָבער געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן ערשט נאָך אַ חודש צייט. אין ניו־יאָרק זיינען זיי אָנגעקומען ערב שבועות תרע"ה (1915).

אין עגיפּטן האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער „אידי־

שער לעגיאָן". אַ קערנדל פון דער דאָזיקער מיליטערישער אָרגאַני־זאַציע האָט שוין געוואַקסן אויף יענעם באָדן. און אין עגיפּטן האָבן זיך דאַן אויך געפונען די שאַפער פון דעם לעגיאָן: זאב זשאַבאָ־טינסקי (1880—1940) און יוסף טרומפּעלדאָר (1882—1920). די נײַ־געקומענע בן־גוריון און בן־צבי האָבן זיך געטראָפן מיט די ערשטע און ס'איז געמיינזאַם דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ אידישער באַטייליקונג אין קריג קעגן טערקיי. ווי אַזוי די לאַגע אין ארץ ישראל וועט זיך אַנטוויקלען — איז נאָך נישט געווען קלאָר. אין יעדן פאַל: 75 טויזנט אידן זײַנען נאָך דאָרט געווען און זייער גורל איז געלעגן אין די הענט פון דער טערקישער רעגירונג. די אידן האָבן דאַן נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו ווערן טערקישע בירגער.

לויט דער מיינונג פון די ארץ ישראל'דיקע איז נאָך דאַן די צייט נישט געווען רייף צו מאָביליזירן אידישע אַרמייען קעגן טערקיי. פון דער צווייטער זייט איז אויך נישט געווען קלאָר, צי די אידן, וואָס ווערן מאָביליזירט אין עגיפּטן, וועלן האָבן די מעגלעכ־קייט צו קעמפן אויפן ארץ ישראלדיקן פראָנט. זשאַבאָטינסקי האָט נישט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויף דעם דאָזיקן פונקט. די ארץ ישראל'דיקע אָבער האָבן געוואָלט, אַז ווען די צייט וועט קומען זאָלן זיי קעמפן דווקא אויפן ארץ ישראל פראָנט. די ענגלישע מילי־טערישע מאַכט, ווען זשאַבאָטינסקי און טרומפּעלדאָר האָבן מיט איר פאַרהאַנדלט, האָט אין דער פראַגע גאָרנישט צוגעזאָגט, און דער בעסטער באַווייז, אַז די ערשטע אידישע לעגיאָנערן זײַנען געשיקט געוואָרן נישט קעגן ארץ ישראל נאָר קיין גאַליפּאָלי.

שפּעטער, ווען בן־גוריון און בן־צבי האָבן אין ניו־יאָרק מיט די ענגלענדער פאַרהאַנדלט וועגן שיקן אידישע וואָלונטירן קעגן טערקיי, איז דער ערשטער באַדינג געווען, אַז די אידן זאָלן קעמפן אויפן ארץ ישראל'דיקן פראָנט, און דעם באַדינג האָט ענגלאַנד דאַן אויך אָנגענומען.

פערצנטער קאַפּיטל

אויפן אַמעריקאַנער באָדן

דוד בן־גוריון איז מערערע מאָל געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין פאַרשידענע יאָרן, אין פאַרשידענע אָנגעלעגנ־הייטן, אויף לענגערע אָדער קורצערע באַזוכן; און געווען איז ער אַלס אַרבעטער־פירער, אַלס ציוניסטישער מנהיג און אויך אַלס פרעמיער פון מדינת ישראל. ער קאָן אַמעריקע, איז איר דורכגע־פאָרן אין דער לענג און ברייט, און קאָן אויך זייער גוט איר גע־שיכטע. זיין לענגסטער באַזוך איז אָבער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָר. און געקומען איז ער נישט ווייל ער האָט געוואָלט אַוועק פון ארץ ישראל, נאָר ווייל ער איז געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן; ווייל דזשעמאַל פּאַשאַ האָט אים „אויף אייביק" פון דאָרט אַרויסגעשיקט.

און יענער ערשטער באַזוך איז אפשר אויך געווען דער באַ־דייטנדיקסטער אין זיין פּריוואַטן לעבן. אין ניו־יאָרק האָט ער דאָ געפונען זיין באַשערטע, פּאַולינאַ מונוועז, אַ קראַנקן־שוועסטער פון באָרוף, וועלכע האָט געשטאַמט פון מינסק, ווייסרוסלאַנד, האָט מיט איר חתונה־געהאַט און דאָרט איז אויך געבוירן געוואָרן זייער ערשטע טאָכטער, גאולה.

נאָך אַ לאַנגער און שווערער רייזע איז ער ערב שבועות תרע"ה (1915) — צוזאַמען מיט זיין חבר בן־צבי — אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און ער איז דאָ פאַרבליבן ביז אויף מאָרגן נאָך שבועות,

1918, ווען ער איז אַלס אידישער לעגיאָנער, איבער קאַנאַדע און ענגלאַנד, צוריקגעפאָרן כדי צו קעמפן קעגן טערקיי, וועלכע האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן פונאַנדערצופאַלן. די „אייביקייט" פון טערקישן גענעראַל האָט זיך, אויף אַזאַ אופן, נישט איבעריק לאַנג געצויגן.

ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז דאַן פון דער טערקישער מאַכט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל. דאָס רוב אַרויסגעשיקטע האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע אייראָ־פּעאישע לענדער, אין שפּאַניע אַפילו. בן־גוריון איז אָבער געווען צווישן די ווייניקע, וואָס איז געפאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ ציל פאַר זיך, מיט אַ גרויסן ציל פאַר זיינע אויגן. טראָץ דעם, וואָס דאַן איז געווען ערשט אין אָנהויב פון קריג, האָט ער דאָך שוין פאָראויס־געזען די גרויסע ראָל, וואָס אַמעריקע וועט גאָר אינגיכן שפּילן אין דער וועלט־פּאָליטיק, אין באַשטימען דעם שיקזאַל פון פעלקער; און ער האָט אויך פאָראויסגעזען די גרויסע ראָל וואָס די אַמערי־קאַנער אידן וועלן שפּילן אין באַשטימען דעם גורל פון ארץ־ישראל. דעריבער, ווי ער איז נאָר אַראָפּ פון דער שיף, האָט ער זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צוערשט, פאַרשטייט זיך, אין זיין אייגענער פּאַרטיי, אין פּועלי־ציון, וואו ער איז גלייך געווילט געוואָרן אין איר צענטראַל־קאָמיטעט, און שפּעטער — אין אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אין שאַפן דעם אידישן לעגיאָן א. אַנד.

אין ערשטן וועלט־קריג האָט די פּועלי ציון פּאַרטיי דורכגע־מאַכט אירע גלענצנדסטע יאָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. אויסער אים און בן־צבי, איז דאַן געווען אין אַמעריקע בער באָראָכאָוו, דער אידעאָלאָג פון דער פּאַרטיי, ד"ר נחמן סירקין, ברוך צוקערמאַן און אַנדערע. דער דינאַמישסטער צווישן זיי איז אָבער געווען בן־גוריון. ער איז שטענדיק געווען פול מיט וויזיע און מיט פּלענער. ער האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון זיינע אַנאַ־

ליזן איבער דער וועלט־סיטואַציע. זיין וועג איז פאַר אים אַלע מאָל געווען קלאָר, און ער איז שטענדיק גרייט געווען צום קאַמף, כדי צו פאַרטיידיקן זיינע אידייען.

אין אַ פּאָר חדשים נאָך זיין אָנקומען אין אַמעריקע, אין יולי 1915, שרייבט ער אַן אַרטיקל אין „די קעמפּער שטימע" (נומער 25), וועלכן ער ענדיקט: — „ארץ־ישראל, ווי די גאַנצע וועלט, שטייט אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה, און דאָס אידישע פאָלק, וואָס זוכט זיין נאַציאָנאַלן תיקון אין זיין היסטאָרישער היימאַט, מוז איצטער פאָדערן זיינע רעכט. מיר פאַרלאַנגען נישט, אַז מען זאָל אונדז איצטער געבן דאָס לאַנד — קיין לאַנד באַקומט מען נישט, נאָר מען דעראָבערט. מיר וועלן דעראָבערן דאָס לאַנד, דערמיט וואָס מיר וועלן עס אויפבויען. דעם פונדאַמענט האָבן מיר שוין אַוועקגעלייגט. און וואָס מיר פאַרלאַנגען און פאָדערן איז, אַז די קומענדיקע פרידנס־קאָנפערענץ זאָל אָנערקענען אונדזער רעכט אויפצובויען דאָס לאַנד און איינאָרדענען דאָרט פאַר זיך אַ היימאַט. אַלס רעזולטאַט פון דער אָנערקענונג זאָל עס אונדז געגעבן ווערן די רעכטלעכע גאַראַנטיעס און די ווירקונגס־פריי־הייט, וועלכע זיינען נויטיק, כדי מיר זאָלן קאָנען פאַרענדיקן די געביידע, וואָס מיר האָבן אָנגעפאַנגען בויען.

„דאָס איז איצטער אונדזער לעבנס־באַדערפעניש און איז איצטער אונדזער היסטאָרישע אויפגאַבע".

און דאָס האָט ער געשריבן מער ווי צוויי יאָר פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע!

גלייך ווי בן־גוריון און בן־צבי זיינען געקומען קיין אַמעריקע זיינען זיי געוואָרן פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס, וועלכע איז דאַן שטאַרק געווען פאַרנומען מיט אידישע און נישט־אידישע פּראָבלעמען. און אויף דער אידישער גאַס האָבן זיי אויך גלייך באַקומען דעם צונאָמען „בנים" (מערצאָל פון וואָרט „בן", אין זייער פאַמיליע נאָמען, וואָס זייביידע טראָגן); אַ צונאָמען, וואָס איז באַ־

דוד בן־גוריון איז סנדק אין אַן אָרימער איראַקישער פאַמיליע



דוד בן־גוריון אין זיין ביבליאָטעק־צימער אין תל־אביב

גלייט געוואָרן מיט רעספּעקט. און נישט זיי אַליין האָבן באַקומען דעם צונאָמען, נאָר אויך דאָס, וואָס זיי האָבן געפּרעדיקט האָט באַקומען דעם נאָמען: די „בנים־באַוועגונג".

דעם ערשטן זומער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט גרינדן „החלוץ"־פאַראיינען. מיט דעם צוועק זיינען זיי אַרומגעפאָרן איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, געהאַלטן רעדעס און געוועקט די אַמעריקאַנער אידישע יוגנט צו חלוצישע טאַטן אין ארץ־ישראל. דער ערשטער „החלוץ"־פּראָגראַם איז דורך זיי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין אידיש, אין צוויי העפטן, וועלכע זיינען אינגיכן איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז געווען באַשטימט נישט נאָר פאַרן אינערלעכן געברויך אַליין, נאָר אויך פאַר אויסלאַנד, פאַר איראָפּע, הויפּטזעכלעך פאַר פּוילן און רוסלאַנד.

היינט ווייסן מיר אַלע, וואָס די חלוצישע באַוועגונג האָט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אויפגעטאָן אין ארץ־ישראל. מיר ווייסן איר ראָל אין אויפבוי פון אידישן לאַנד. ווער ווייס צי מיר וואָלטן היינט געהאַט אַ מדינת ישראל אָן דער דאָזיקער באַוועגונג. אָבער דאַן, ווען די „בנים" זיינען אין יאָר 1915 געקומען קיין אַמעריקע, איז די דאָזיקע אידייע געווען אינגאַנצן ניי און פרעמד אין דער אידישער וועלט. דאָך איז זייער אַרבעט אויך אויף דעם דאָזיקן קאָנטינענט נישט געווען פרוכטלאָז. אַ סוף צו דער אַנטוויקלונג פון „החלוץ"־באַוועגונג אין אַמעריקע איז געקומען מיט דער שאַפונג פון לעגיאָן, ווען טויזנטער אידישע יונגעלייט האָבן וואָלונטירט, כדי צו קעמפן פאַר ארץ־ישראל. די ערשטע, וועלכע זיינען אָבער מאָביליזירט געוואָרן אין לעגיאָן, זיינען געווען די 150 חברים פון אַמעריקאַנער החלוץ. דער החלוץ־געדאַנק האָט זיך געגומען פאַרשפּרייטן אין מזרח־איראָפּע גלייך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און צו אַ גאָר גרויסער אַנטוויקלונג האָט ער דערגרייכט אין פּוילן, וואו צענדליקער טויזנטער יונגעלייט האָבן

דורכגעמאַכט „הכשרה" און האָבן זיך צוגעגרייט צו דעם אידעאַליס־טישן און שווערן אַרט לעבן אין ארץ־ישראל.

אויסער זיין אַרבעט אין דער פּאַרטיי און אויסער דער אָנ־שטרענגונג פאַרן החלוץ, איז בן־גוריון אויך געווען טעטיק אין דער באַוועגונג צו שאַפן דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז אין לאַנד אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע אַרום דער קאָנגרעס־אידייע. די ציוניסטן האָבן איינ־געזען די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ גרויסע דעמאָקראַטישע אָרגאַ־ניזאַציע, וועלכע זאָל צוגרייטן די אידישע פאָדערונגען פאַר דער קומענדיקער פרידנס־קאָנפערענץ. אין זינען האָבן זיי געהאַט די פראַגע פון ארץ־ישראל. און אויסער דעם זאָל דער קאָנגרעס אויך צוזאַמענאַרבעטן מיט אידישע פאַרטרעטער אין אייראָפּע און פאָ־דערן — מיט דער הילף פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג — פון די גרויסע מלוכות, אַז זיי זאָלן גאַראַנטירן די אידישע רעכט אין יענע לענדער, וואו די אידן ווערן אונטערדריקט.

די דאָזיקע אידייע, וועלכע איז היינט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע, האָט אָבער דאַן געהאַט אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט, און דאָס צו־ליב דעם „כלל ישראל מאָטיוו". די אַסימילאַטאָרן און קעגנער פון קאָנגרעס האָבן נישט געוואָלט, אַז די אַמעריקאַנער אידן זאָלן פאַר אונזערע טעג. זיינע ערשטע אונטערשטיצער זיינען געווען מיט־

בן־גוריון'ען איז די אידייע פון אַ דעמאָקראַטישער אָרגאַני־זאַציע, וועלכע זאָל צוגרייטן פאַר דער קומענדיקער פרידנס־קאָנפע־רענץ די אידישע פאָדערונגען — הויפּטזעכלעך וועגן ארץ־ישראל — געווען זייער שטאַרק צום האַרצן. ער האָט זיך דעריבער מיט זיין גאַנצער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַרן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, און איז געווען טעטיק אויף פאַרשיידענע געביטן: ער האָט געשריבן ס'רוב לייט־אַרטיקלען אין דער „קאָנגרעס־ציי־טונג", ער איז אויפגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען, אויף קאָנפערענצן, און אומעטום האָט ער געפּרעדיקט די דאָזיקע אידייע. און דער

אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט טאַקע שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע און אין באַשטימען דעם ענגלישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל.

און אויף נאָך אַ געביט איז בן־גוריון דאַן געווען שטאַרק טעטיק אין אַמעריקע: אין פאַרשפּרייטן די אידייע פון אידישן לעגיאָן. ענדע 1917 זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע פּאַסירונגען, וועלכע האָבן אין אַ גרויסער מאָס געענדערט די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון געוויסע גרופּן אין אַמעריקע. איין געשעעניש — אַ ריין אידישע, און די צווייטע — אַן אַלגעמיינע. זיי זיינען: די באַלפור־דעקלאַראַציע און דער אַריינטריט פון אַמעריקע אין קריג.

מיטן באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג איז אין אַמעריקע שטאַרק געוואַקסן די סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם. קרייזן, וועלכע זיינען פריער געווען ווייט פון ציוניזם, און אַפילו קעגנעריש צו אים, זיינען געוואָרן נאָענט צו דעם ארץ־ישראל געדאַנק. און מערערע, וועלכע זיינען פריער געווען קעגן דער אָרגאַניזירונג פון אַמעריקאַנער אידענטום, זיינען געוואָרן אָנהענגער פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, זיינען געוואָרן נאָענטער צו כלל־ישראל.

דער קאַמף אַרום דער קאָנגרעס־אידייע האָט זיך געענדיקט און אויך די מיסיע פון בן־גוריונען אין דער דאָזיקער באַוועגונג. ער איז איצט געשטאַנען פאַר נייע אויפגאַבן, און פאַר זייער וויכטיקע אויפגאַבן: די שאַפונג פון אַ אידישער מיליטערישער איינהייט, וועלכע זאָל קעמפן קעגן טערקיי און דווקא אויפן ארץ־ישראלדיקן פראָנט. צו יענער צייט האָבן שוין די ענגלענדער אָנגעהויבן אָקופּירן ארץ־ישראל, און ירושלים איז שוין דורך זיי איינגענומען געוואָרן. מען האָט שוין געדאַרפט צואיילן די שאַפונג פון דער אידישער מיליטערישער איינהייט, כדי זי זאָל נאָך האָבן די מעגלעכקייט צו קעמפן איידער עס ווערט דערקלערט

אַ וואָפנשטילשטאַנד. בן־גוריון האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און אויף דער אידישער גאַס איז געוואָרן פּאָפּולער די לאָזונג: עליה קיין ארץ־ישראל אין מיליטערישע כאַקי־קליידער.

אויך דער געדאַנק פון לעגיאָן האָט געהאַט פּאָליטישע קעגנער. די קעגנערשאַפט האָט אָבער נישט געטראָגן קיין דירעקטן כאַראַקטער, נאָר אַן אומדירעקטן. אַ סך אידן זיינען געווען קעגן דעם אידישן לעגיאָן, ווייל ענגלאַנד איז דאַן געווען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד, און דער ניצחון פון ענגלאַנד האָט באַדייט אויך אַ ניצחון פאַר רוסלאַנד. און אַז רוסלאַנד זאָל זיגן — דאָס האָט קיינער נישט געוואָלט.

מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן, אַז די שאַפונג פון דעם אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע איז צוגעגאַנגען זעלבשטענדיק, נישט האָבנדיק קיין פאַרבינדונג נישט מיט ענגלאַנד און נישט מיט ארץ־ישראל, וואו עס זיינען גלייכצייטיק אָנגעגאַנגען די שאַפונג פון אַנדערע אידישע מיליטערישע איינהייטן. ווען עס האָט זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן די וואָלונטירונג פאַרן אידישן לעגיאָן, האָבן בן־גוריון און זיינע חברים געוואוסט, אַז אויך אין ענגלאַנד גייט צו אַן ענלעכע אַרבעט, אָנגעפירט פון זאב זשאַבאָטינסקי, אָבער קיין קאָנטאַקט צווישן זיי איז נישט געווען צוליב דער דייטשער בלאָקאַדע. דער געדאַנק פון אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע איז געבוירן געוואָרן ערב אַמעריקע איז אַריין אין קריג קעגן דייטשלאַנד, און אַלע פאַרזוכן זיך צו פאַרבינדן מיט זשאַבאָטינסקין — זיינען נישט געלונגען. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַמעריקאַנער איניציאַטאָרן פון לעגיאָן האָבן זיך אויך נישט געקאָנט פאַרבינדן מיט ארץ־ישראל, וואו עס איז צוגעגאַנגען אַן ענלעכע אַרבעט — די מאָביליזירונג פון אַ זעלבשטענדיקן אידישן לעגיאָן. אויף אַזאַ אופן איז דער אידישער לעגיאָן אַנטשטאַנען אין דריי לענדער, אויף באַזונדערע קאָנטינענטן, דורך דריי פאַרשיידענע איניציאַטיוו־גרופּן, אָבער מיט איין און דעם זעלבן צוועק.

גלייכצייטיק מיטן אָנפירן אין אַמעריקע די אַרבעט פאַרן אידישן לעגיאָן איז דער פאַרטרעטונג פון דער ענגלישער געזאַנד־שאַפט אין ניו־יאָרק אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָלגנדיקע באַדינגונגען: אַ באַזונדערע אידישע מיליטערישע איינהייט און זאָל נישט זיין צעוואָרפן איבער אַנדערע רעגימענטן; אַז דער אידישער לעגיאָן זאָל קעמפן נאָר אויפן ארץ־ישראל פראָנט, און נישט ערגעץ אַנדערשוואו; העברעאיש אַלס קאָמאַנדע־שפּראַך; און — אויסערלעכע אידישע צייכנס, ווי פאָן, אָבצייכענונגען אויף די קליידער און דאָס גלייכן. לאָנדאָן האָט די אַלע אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען אָנגענומען.

דער אידישער לעגיאָן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן איז באַשטאַנען נאָר פון אויסלענדער. אַמעריקאַנער האָבן זיך אין אים נישט געקאָנט אָנשליסן, ווייל זיי וואָלטן פאַרלוירן זייער בירגערשאַפט. וואָלונטירן אידן, אַמעריקאַנער בירגער, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, זיינען דאַן געווען אַרום הונדערט טויזנט, אָבער נאָר אַרום פינף טויזנט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אידישן לעגיאָן. און נישט מער ווי אַ צוויי טויזנט זיינען געשיקט געוואָרן צום פראָנט. און נאָך אַ קלענערער טייל האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן.

דער וועג פון אידישן לעגיאָן פון אַמעריקע האָט צוערשט געפירט קיין קאַנאַדע. דאָרטן האָבן די אידישע סאָלדאַטן פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין איבערגאַנגס־לאַגערן, אין ווינדזאָר, און פון דאָרט זיינען זיי גרופּנוויז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ענגלאַנד, וואו זיי האָבן באַקומען זייער ערשטע מיליטערישע אויסבילדונג. פון ענגלאַנד האָט מען זיי געבראַכט קיין עגיפּטן און צום ארץ־ישראלדיקן פראָנט.

בן־גוריון נישט נאָר האָט ער געאַרבעט פאַרן אידישן לעגיאָן, נאָר האָט זיך פון די ערשטע אין אים אויך אָנגעשלאָסן. מיט דער צווייטער גרופּע לעגיאָנערן האָט ער פאַרלאָזט די פאַראייניקטע

שטאַטן, און אין מיטן זומער 1918 איז ער אָנגעקומען צום פראָנט; און אים איז נאָך געלונגען צו שמעקן פולווער. אויסגעדינט האָט ער זיך מיטן מיליטערישן „טשין" — קאַפּאָראַל.

דאָס פּאָליטישע לעבן אין אַמעריקע האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער גײַסטיק־פאָליטישער קאַריערע פון בן־גוריון. ער האָט פון דער נאָענט צוגעזען ווי אַזוי דעמאָקראַטישע פּרינציפּן ווערן פאַרווירקלעכט אין לעבן. און זייט דאַן איז ער אַ שטאַרקער חסיד פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. קיינער צווייפלט נישט אין זיין פּאַרטיי־צוגעהעריקייט, אָבער ער איז היינט פון די וויניקע פּאָליטיקער אין ארץ־ישראל, וואָס קאָן זיך צייטנווייז אויפהויבן איבער זיין פּאַרטיי. נישט אַלעמאָל זיינען די פירער פון זיין פּאַרטיי צופרידן מיט זיינע האַנדלונגען. ער פירט זיך ווי אַ ספּאָרטסמאַן אין דער פּאָליטיק. אין דעם פּרט האָט ער זייער פיל געלערנט אין אַמעריקע, פון אירע צווישן־פּאַרטייאישע באַציאונגען.

מיט אַמעריקע, ספּעציעל מיט זיין ערשטן באַזוך אין דעם לאַנד, פאַרבינדט אים גאָר אַ סך. דאָ איז אויך באַשטימט געוואָרן זיין פאַמיליע־לעבן. ווי מיר האָבן אין אָנהויב דערמאָנט — האָט ער דאָ געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און חתונה געהאַט מיט פּאָולאַ מונוועז. זיין פרוי איז אַ טאָכטער פון באַלעבאַטישע עלטערן פון מינסק. איר פאָטער, שלמה מונוועז, האָט געהאַלטן אַ מיל און געהאַנדלט מיט תבואה. נאָך גאָר אַלס יונג מיידל איז זי אַוועק קיין אַמעריקע, וואו זי האָט אויסגעשטודירט פאַר קראַנקן־שוועסטער, און וואו זי האָט דעם פאַך אויסגעאיבט דאַן, ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט בן־גוריון.

די ערשטע צייט אין ניו־יאָרק האָט ער געלעבט זייער אָרעם. אין דער „קעמפער־שטימע" אָדער שפּעטער אין „אידישן קעמפער" — אין דעם פּאַרטיי־אָרגאַן — האָט ער פאַרדינט, ווי מען זאָגט, „וואַסער אויף קאַשע". ער פלעגט באַקומען האָנאָראַר פיר דאָלער פאַר אַן אַרטיקל. ער האָט עפּעס אויך פאַרדינט פאַרן שרייבן אין

„קאנגרעס צייטונג". אבער פון אלע שרייבערייען האט ער נישט געהאט אויף דינגען אן אנשטענדיקן צימער. געלעבט האט ער אין ברוקלין אין א הויז, וואו עס איז אפילו נישט געווען קיין וואנע און נישט קיין ווארעם־וואסער. כדי צו נעמען א וואנע — האט ער געמוזט גיין צו פריינט. ביי זיינע פריינט פלעגט ער אמאל אין מיטן דער נאכט אויך אריינפאלן און אויפעסן א גאנצן סלאי מארינירטע הערינג...

זיין מאטעריעלע לאגע איז עפעס בעסער געווארן, ווען דער „פועלי ציון פאלעסטינע קאמיטעט" האט ביי אים — צוזאמען מיט בן־צבי — באשטעלט אנצושרייבן א בוך וועגן ארץ־ישראל. דאס איז דער בוך: „ארץ ישראל אין פארגאנגענהייט און קעגנווארט. געאגראפיע, געשיכטע, רעכטלעכע פארהעלטניסע, באפעלקערונג, לאנדווירטשאפט, האנדל און אינדוסטריע". דאס איז נאך ביז היינט איינער פון די בעסטע ביכער, וואס איז ווען עס איז געשריבן געווארן וועגן ארץ ישראל. מען זעט אין אים וואס פאר א גרויסן וויסן אין די דערמאנטע קעגנשטאנדן די מחברים פארמאגן. דריי פערטל פון דעם בוך איז די ארבעט פון בן־גוריון.

אין אזעלכע נישט זיכערע מאטעריעלע פארהעלטניסן האט ער גענומען און האט חתונה געהאט. קיינער פון זיינע פריינט און חברים האבן נישט געוואוסט, אז ער גייט מאכן דעם דאזיקן שריט. אין איין שיינעם טאג האט געדארפט פארקומען א קאמיטעט־זיצונג פון דער קאנגרעס־באוועגונג. ער האט געדארפט אנטיילנעמען אין דער דאזיקער זיצונג. די אנדערע מיטגלידער פון קאמיטעט זיינען געזעסן און געווארט און דער געוויינלעך פינקטלעכער בן־גוריון איז נישטא. אין א האלבע שעה שפעטער איז ער געקומען א פאר־סאפעטער. אויף דער פראגע פאר וואס ער האט פארשפעטיקט, האט ער זיך אפגערופן:

— „גיט מיר אפ „מזל טוב". איך האב נאר וואס חתונה געהאט!"

איינער פון זיינע חברים פון יענער עפּאָכע אין ניו־יאָרק האָט דעם שרייבער פון די שורות דערציילט אַן אַנדער עפּיזאָד פון דער דאָזיקער געשעעניש:

— בן־גוריון איז אַריין אין רעדאַקציע פון „אידישן קעמפער" און געבעטן מען זאָל אַריינשטעלן אַ מעלדונג אין דער צייטונג, אַז ער האָט חתונה געהאַט. זיינע חברים, פאַרוואונדערט פון דער דאָזיקער נייעס, האָבן אים גענומען פאַרוואַרפן מיט פראַגן: מיט וועמען? ווען? וואָס?

— „פרעגט נישט קיין פראַגן" — האָט ער זיי געענטפערט — „און שטעלט אַריין די מעלדונג, אַז איך האָב חתונה געהאַט!"

זיינע שפּעטערדיקע באַזוכן אין אַמעריקע זיינען שוין געווען באַזוכן נישט פון קיין פרעמדן. דער ערשטער באַזוך זיינער, וואָס האָט געדויערט אַ דריי יאָר, האָט אויף אים געלייגט אַ טיפן שטעמפּל, וואָס האָלט אָן זיין גאַנץ לעבן.

פופצנטער קאַפּיטל

הסתדרות און פּאַרטיי

מיט דעם אַקט פון דער בריטישער רעגירונג פון 2טן נאָוועמבער 1917, מיטן פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, הויבט דער ציוניזם אָן אַ נייע עפּאָכע אין זיין געשיכטע. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג איז שוין דאַן געווען — ווי מאַנכע האָבן זי באַצייכנט — „די אידישע מלוכה אונטערוועגס", האָט מען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע „די אידישע מלוכה אונטערוועגס" דערזען אין בולט'ערע קאָנטורן, אין העלערע שטריכן. און גאָר בולט האָט די אידישע מלוכה־קאָנטורן געזען דוד בן־גוריון, וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן געפלעגט די אידישע מלוכה־אידייע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער גרויסער געשעעניש אין אידישן לעבן, שרייבט ער דאַן אין „דער אידישער קעמפער", אין ניו־יאָרקער אָרגאַן פון די פּועלי ציון (פון 16טן נאָוועמבער 1917):

— „דאָס גרויסע וואונדער איז געשען. די גרעסטע וועלט־מאַכט, וועמענס אַרמיי דערנענטערט זיך צו די טויערן פון ירושלים, האָט זיך אָפיציעל דערקלערט פאַר „דער עטאַבלירונג אין ארץ־ישראל פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן אידישן פאָלק". עס עפנט זיך פונדאַסניי די אידישע געשיכטע, די געשיכטע פון אידישן פאָלק אַלס אַזעלכעס, עס באַנייט זיך נאָך אָן אונטערברעכן פון אַכצן הונדערט יאָר די געשיכטע פון אידן אַלס אַ פּאָליטישע נאַציע".

— „אַן אַן אייגענער היים זיינען מיר זיך צעפאַלן אין פּאָרמ־לאָזע ברעקלעך און פּיצלעך, ווי שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער כלי, וואָס קאָן שוין מער נישט פאַראייניקט ווערן — אָבער מיט אַ צע־בראָכענער כלי איז אַ וואונדער געשען — מיר זיינען ווידער אַ פאָלק געוואָרן, און דאָס וואונדער האָט געמוזט געשען — ווייל מיר האָבן אין דעם געגלויבט. מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפ־געהערט צו וועלן זיין צוריק אַ פאָלק, מיר האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין אונדזער נאַציאָנאַלן תחית המתים".

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— „ענגלאַנד האָט אונדז דאָס לאַנד נישט אומגעקערט. איצט, אין מאָמענט פון גרויסער פרייד און ניצחון, דאַרף דאָס באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט ווערן. ענגלאַנד קאָן אונדז דאָס לאַנד נישט געבן. נישט ווייל זי האָט דאָס נישט, אָדער ווייל זי האָט דאָס נאָך נישט. ווען זי זאָל שוין אַפילו האָבן דעראָבערט דאָס גאַנצע לאַנד, פון דן ביז באר־שבע, וועט נאָך דאָס נישט ווערן אונדזערס דורך דער בלויזער הסכמה פון ענגלאַנד, ווען אַפילו אַלע אַנדערע מלוכות זאָלן דערצו צושטימען. אַן אייגן לאַנד מוז פון פאָלק אויסגעוויטיקט ווערן, מיט אייגענער מי און אַרבעט, שוויס און בלוט, באַשאַפן און אויפגעבויט ווערן.

— „ענגלאַנד האָט אונדז נישט אומגעקערט אונדזער היים — דאָס וואָס זי האָט געטאָן איז פּיליכט וויכטיקער: זי האָט אונדז אומגעקערט אונזער עקזיסטענץ אַלס פּאָליטישע נאַציע און האָט אָנערקענט אונדזער רעכט אויף אַן אייגענער היים אין ארץ ישראל. דאָס פאָלק אַליין, די ניי־געבוירענע פּאָליטישע נאַציע, וועט איצט פאַרוואַנדלען דאָס רעכט אין אַ לעבעדיקן פאַקט, וועט אַליין מיט זיינע אייגענע כוחות און אוצרות, גייסטיקע און מאַטעריעלע, אויפבויען זיין נאַציאָנאַלע היים און דערפירן זיין נאַציאָנאַלע דער־לייזונג ביזן ענדלעכן היסטאָרישן זיג".

ווען דוד בן־גוריון איז אַלס סאָלדאַט מיטן אידישן לעגיאָן

אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, איז דאָס לאַנד דאַן געווען פול־שטענדיק רואינירט. אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג איז די אידישע באַפעלקערונג פון לאַנד געפאַלן מער ווי אויף אַ העלפט; פון בערך הונדערט טויזנט אויף אַרום פופציק טויזנט. די, וועלכע זיינען פאַרבליבן אויף די ערטער, זיינען געוואָרן פאַראָרעמט, זיינען אויסגעהונגערט געוואָרן און באַהערשט פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

און נאָך ערגער ווי די מאַטעריעלע און פיזישע לאַגע, איז גע־ווען די שטימונג פון יאוש. אַלעמען האָט באַהערשט אַ יאוש־גע־פיל. עס איז דאָך געווען נישט לאַנג נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַ־ציע. די שטימונג אין לאַנד, צווישן דער אידישער באַפעלקערונג, איז אָבער געווען אַזאַ, ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין דעקלאַראַציע נישט עקסיסטירט. און דאָס ווייל מיט ארץ ישראל האָט דאַן פאַר־וואַלטעט אַן ענגלישע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע פון וועלכע דאָס רוב באַאַמטע זיינען געווען אַנטי־ציוניסטיש געשטימט, און מערערע אַפילו — אַנטיסעמיטיש. און נישט נאָר האָבן די דאָזיקע באַאַמטע געשטיצט דעם אַראַבישן צד, נאָר האָבן אים אויך דער־מוטיקט צו אַנטי־אידישע אַרויסטרעטונגען. און די אַראַבישע פּאַ־גראָמען האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן.

אין פרילינג 1918 איז אָנגעקומען פון ענגלאַנד דער „וועד הצירים", די אַזוי גערופענע „ציוניסטישע קאָמיסיע", וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער ציוניסטישער לייטונג. דער יישוב האָט געגאַרט צו זען אין דער „ציוניסטישער קאָמיסיע" דעם שיין פון אַ אידישער רעגירונג. אָבער אויך אין דער ריכטונג איז ער אַנטוישט געוואָרן. און דאָס אויך צוליב די שטרויכלונגען, וועלכע די אַנטי־ציוניסטישע מיליטערישע באַאַמטע האָבן געלייגט אויף איר וועג. דער „וועד הצירים" אָנשטאָט זיך אָפּצוגעבן מיט גרויסע אונטערנעמונגען פאַר דער צוקונפט האָט זיך הויפּטזעכלעך באַ־שעפטיקט מיט קליינע טאָג־טעגלעכע באַדערפעניששן: מיט געבן הילף דער פאַרבליבענער אידישער באַפעלקערונג, מיט אויפשטעלן

צוריק די חורבות פון ישוב, כדי אים צוריקצוברענגען צו אַ מער־וויניקער נאָרמאַלן לעבן.

אַ היסטאָרישע ראָל האָבן אויף דעם געביט געשפּילט די אַמעריקאַנער אידן, וועלכע האָבן דעם יישוב געגעבן זייער פולע פינאַנציעלע, מאָראַלישע און פּאָליטישע הילף.

אַ גרויסע רעאָרגאַניזירונגס־אַרבעט האָט זיך געפאָדערט אין גאַנצן יישוב, סיי צוליב דעם קליינעם יישוב אַליין און סיי, כדי צו שאַפן די מעגלעכקייט פאַר דער גרויסער עליה, וואָס אַלע האָבן איניגיכן דערוואַרט. און גרויסע אָרגאַניזירונגס־פּלענער זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן אין די אַרבעטער־רייען, מיט וועלכע דוד בן־גוריון האָט זיך שטאַרק פאַרנומען.

זייט עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע עליה, די אַרבעטער־עליה, אין יאָר 1904, און זייט עס זיינען אַנטשטאַנען די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען „הפועל הצעיר" און „פועלי ציון", האָט זיך אין אַרבעטער־לאַגער אין ארץ ישראל אויך גענומען וועבן דער אין איין ראַם. פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג זיינען אויף דעם דאָזיקן געביט געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פאַרזוכן, אָבער קיינער פון זיי האָבן נישט געהאַט קיין מזל פאַרווירקלעכט צו ווערן. דער געדאַנק איז אָבער גאָר רייף געוואָרן און געקומען צו דער פאַר־ווירקלעכונג דווקא דאַן, ווען זיינע אָנהענגער זיינען נאָך אַרום־געגאַנגען אין מיליטערישע קליידער און געלעבט אין מיליטערישע לאַגערן. אין די מיליטערישע לאַגערן פון עגיפּטן און אין וויטן נגב האָבן זיך די ארץ ישראל'דיקע אַרבעטער פון אַלע ריכטונגען באַגעגנט און באַשלאָסן צו שאַפן אַן איינהייטלעכע אַרבעטער־פּאַרטיי. און באַגעגנט מיט דעם צוועק האָבן זיך: כמעט אַלע חברים פון „השומר", פירנדיקע חברים פון „פועלי ציון" אומאָפּהענגיקע אַרבעטער און מאַנכע פירער פון „הפועל הצעיר".

דער פירנדיקער געדאַנק איז געווען: אַ פולע פאַראייניקונג

פון אַלע ריכטונגען אין איין אָרגאַניזאַציאָנעלן ראַם און אין איין פּאַרטיי. דאָס האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן פאַר איין מאָל, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צעטיילן דעם פּלאַן אין צוויי שטופן. און אַזוי איז טאַקע געשען: פריער איז צושטאַנד געקומען די פאַראייניקונג פון „פועלי ציון" מיט די אומפּאַרטייאישע און מיט אַ טייל פון „הפועל הצעיר" און עס איז געגרינדעט געוואָרן די אַרבעטער פּאַרטיי „אחדות העבודה", אין אדר תרע"ט, אין פּתח תקוה, און אין אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער איז אין חיפה געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות.

וועגן די דאָזיקע וויכטיקע געשעענישן אין אַרבעטער-לעבן, שרייבט בן-גוריון (אין „קונטרס" ר"ד):

— „אין פּתח תקוה איז צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פאַראייניקונגס-פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם און אין דער גאַנצער טיפקייט. דער פאַראייניקונגס-פּראָגראַם פון „אחדות העבודה" האָט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער ארץ ישראל'דיקער אַרבעטער באַוועגונג. דער דאָזיקער פּראָגראַם איז געבויט געוואָרן אויף דער איבערצייגונג און אויף דעם טיפן גלויבן, אַז אין לאַנד לעבט אַן אַרבעטערשאַפט, וואָס איז געשלאָסן און אייניק אין איר אַרבעטס-וועג און לעבנס-ציל. עס איז געווען די איבערצייגונג, אַז דער אַרבעטער-קלאַס אין לאַנד האָט פאַר זיך נישט בלויז קלאַסן-צילן, נאָר אויך פאָלקס-צילן; אַז די היסטאָרישע מיסיע פון אַרבעטער-קלאַס איז — אָפּשאַפן די קלאַסן און איבערבויען דאָס גאַנצע פאָלקס-לעבן אויף אַ פרייער און גלייכבאַרעכטיקטער אַרבעטער-געזעלשאַפט; אַז דער גרויסער כוח וואָס וועט אויפבויען דעם אַרבעטנדיקן קלאַס און וועט פאַרווירקלעכן זיין היסטאָרישן ציל — איז אַ גרויסע פאָלקס-עליה אין דער שפּיץ מיט אַ חלוצישער עליה, וועלכע וועט דורכלייגן דעם וועג פאַרן אַרבעטנדיקן און דעראַבערנדיקן קלאַס; און אַז איינע פון די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציל פון אַרבעטער-

קלאַס, איינע פון די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם איז — די גענצלעכע און פולשטענדיקע פאַראייניקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע צווייגן און טיילן״.

דאָס אַלץ וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי „אחדות העבודה״. און ווייטער אין דעם זעלביקן אַרטיקל, שרייבט ער וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון דער הסתדרות:

— „עס איז אָנגעקומען די דריטע עליה. די צאָל נייע עולים האָט ציפערמעסיק איבערגעשטיגן די אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז געווען אין די פּתח תקוה׳ער צייטן (געמיינט בעת דער גרינדונג פון „אחדות העבודה״ — ח. א. ה.) אין לאַנד. מיטן כוח פון דער נייער עליה האָט זיך געשטאַרקט די פאָדערונג צו דער אַלגעמיינער פאַראייניקונג — און עס זיינען געקומען די טעג פון חיפה. דאָס מאָל איז נישט אַזוי געגאַנגען אין אַ פולשטענדיקער פאַראייניקונג — ווי אין אַן אַלגעמיינער פאַראייניקונג. די פּלאַטפאָרם פון דער נייער פאַראייניקונג, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט „אחדות העבודה״ איז אויפן חיפה׳ער צוזאַמענפאָר (כסלו תרפ״א) אָנגענומען געוואָרן כמעט וואָרט ביי וואָרט און עס איז געגרינדעט געוואָרן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע — „הסתדרות״.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „מיטן גרינדן פון דער הסתדרות האָבן זיך געענדערט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרהעלטנישן און פאַרבינדונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, און די טעטיקייטס־און ווירקונגס־וועזנס זיינען אַריבער אין אַ נייער ריכטונג. דער כוח פון דער פּראַקטישער אַרבעט האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער הסתדרות, און די אָנפירונג, ריכטונג און ווירקונג זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פּאַרטיי״.

אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער הסתדרות אין חיפה

האָט בן־גוריון נישט אַנטיילגענומען. ער איז דאַן געווען אין אויס־לאַנד. זייט 1920 האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט אין לאָנדאָן, אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. נאָך דעם ערשטן טרויעריקן פּאָגראָם, וואָס די אַראַבער האָבן אויסגעפירט איבער די אידן אין יפו, איז בן־גוריון דאַן מיט דעם איצט־פאַרשטאָרבענעם אינזשיניער שלמה קאַפּלאַנסקי, געשיקט געוואָרן פון פאַרבאַנדס־ביוראָ פועלי ציון קיין לאָנדאָן, כדי אויפצוקלערן אין די רייען פון דער לעיבאָר־פּאַרטיי און די ענגלישע יוניאָנס די פּראָבלעמען פון ציוניזם און ארץ ישראל.

וואָס איז אַזוינס די „הסתדרות״? וואָס איז איר אויפגאַבע? מיט וואָס איז זי אַנדערש פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין אַנדערע לענדער? די „הסתדרות״ דאַרף נישט נאָר אָרגאַניזירן דעם אַרבע־טער, נאָר אים אויך אויסבילדן, אים אויפהייבן און פאַרפולקאָמען; זי דאַרף נישט נאָר פאַרבעסערן די אַרבעט־באַדינגונגען, נאָר אויך אויסזוכן און פאַרגרעסערן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן; זי דאַרף נישט נאָר פאַרבעסערן די לאַגע אין דערווירטשאַפט, נאָר אויך אויפ־בויען נייע ווירטשאַפטן אין אַגריקולטור און אינדוסטריע; זי דאַרף נישט נאָר מאַכן דעם אַרבעטער אַלס שותף צו די אוצרות פון קולטור און גייסט, נאָר זי דאַרף אויך שאַפן פונדאַסנייע ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט; זי דאַרף נישט נאָר דעראָבערן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעכט, נאָר זי דאַרף לייגן דעם פונדאַמענט פאַרן לעבן פון לאַנד און אויספורעמען די אַנטשפּרעכנדיקע גע־זעלשאַפט.

דאָס איז די הסתדרות לויט בן־גוריונס אייגענע דעפיניציע. אויב ער איז איינער פון די, וואָס האָבן געלייגט איר פונדאַמענט, איז ער אָבער דער איינציקער, וועלכער האָט אין איר אַריינגעגאָסן דעם דאָזיקן רייכן אינהאַלט. און געגעבן דעם רייכן אינהאַלט האָט ער נישט נאָר אין טעאָריע, נאָר אויך אין לעבן. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז כמעט פון אָנהויב פון איר גרינדונג ביזן יאָר 1935,

אין פאַרלויף פון 14 יאָר, איז ער געווען איר גענעראַל־סעקרעטאַר און זיך מיט איר אינגאַנצן אָפּגעגעבן. ער האָט, ווי מען זאָגט, זי אויסגעטראָגן אויף זיינע הענט. ער האָט אין איר אַריינגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין אייגענעם „איך".

ווי דערמאָנט, איז די ערשטע פּאַרטיי־פאַראייניקונג פאָרגעקומען מיט דער שאַפונג פון „אחדות העבודה". עס איז אָבער געבליבן אויסער אירע ראַמען אַ גרויסער טייל אַרבעטער, וועלכער האָט זיך אין איר נישט אָנגעשלאָסן, דער „הפועל הצעיר". פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי איז די ניי אָנטשטאַנענע „אחדות העבודה" געווען צו פיל סאָציאַליסטיש און צו ווייניק ציוניסטיש, אַזוי ווי די „פועלי ציון". דער „הפועל הצעיר", צום ביישפּיל, איז געווען קעגן שטרייקן, איז געווען קעגן דער באַטייליקונג אין צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל. די אונטערשידן צווישן די צוויי אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען געווען נישט קיין וועזנטלעכע, נישט קיין עיקר׳דיקע. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ריס איז אַליין געוואָרן אַ פאַקטאָר, וואָס האָט די אידעאישע אונטערשידן פאַרשאַרפט און פאַרטיפט.

לאַנג האָט זיך דעריבער בן־גוריון באַמיט, כדי אויסצוגלייכן די פּאַרטייאישע אונטערשיידן מיטן צוועק צו ברענגען צו אַ פול־שטענדיקער פאַראייניקונג פון די צוויי וויכטיקסטע אַרבעטער־פּאַרטייען. נאָך לאַנגע אויסשעפּנדיקע דיסקוסיעס, ניין יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות,און קאַרגע עלף יאָר נאָך דער אַנט־שטייאונג פון „אחדות העבודה" איז בן־גוריון און זיינע חברים גע־לונגען, אין יאָר 1930, אויף אַ קאָנפערענץ אין תל־אביב, צו שאַפן די „מפלגת פועלי ארץ ישראל" (מפא"י), די היינט גרעסטע פּאַרטיי אין לאַנד. דער „הפועל הצעיר" האָט גלייכצייטיק באַקומען די פאַרזיכע־רונג, אַז די נייע פאַראייניקטע פּאַרטיי וועט אָפּהיטן איר ציוניסטישן כאַראַקטער און גייסט. און זיי ווערן אויך אָפּגעהיט!

מיט דער פאַראייניקונג פון די פּאַרטייען איז אַריינגעטראָטן אַ נייע אָרדענונג אין דער אַרבעטער באַוועגונג. אַ צוויי אָרגאַנען־

אָרדענונג: אַן אַלגעמיינע הסתדרות און אַ פאַראייניקטע פּאַרטיי. וואָס דער חיפה׳ער צוזאַמענפאָר האָט מיט ניין יאָר פריער אויפגעטאָן אין באַצוג צו דער הסתדרות, האָט אין 1930 דער תל־אביב׳ער צוזאַמענפאָר אין אַ גרויסער מאָס אויפגעטאָן פאַר דער פּאַרטיי. נאָך 25 יאָר איז ענדלעך דער ריס אין אַרבעטער־לאַגער גאַנץ געוואָרן. און דאָס אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דער גרויסער אָנשטרענגונג פון דוד בן־גוריון.

און פאַר אים איז נישט געווען גענוג די פאַראייניקונג אין לאַנד אַליין, אין ארץ ישראל. ער האָט זיך גלייכצייטיק אויך באַמיט צו פאַראייניקן די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אויסלאַנד. כמעט גלייכצייטיק מיט דער אַנטשטייאונג פון מפא״י, איז מיט זיין הילף אויך אַנטשטאַנען דער „איחוד עולמי״, דער וועלט־פאַרבאַנד פון די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. ער האָט אין אויסלאַנד דאַן אויך געשאַפן די „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל״, „ליגה למען ארץ ישראל העובדת״, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן נישט נאָר ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, נאָר אויך אומפּאַרטייאישע יחידים און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע סימפּאַטיזירן מיטן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל. אין יאָר 1930 האָט די דאָזיקע באַוועגונג אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע קאָנפערענץ אין בערלין, און בן־גוריון איז דאָרט געווען דער ראש־המדברים.

— „דער כאָם פון מאָסקווע״!

דאָס איז אַ בן־גוריונישער אויסדרוק, און מיר דאַרפן נישט דערקלערן וועמען ער האָט מיט דעם אויסדרוק געמיינט. זיין נעגאַטיווע שטעלונג צום סאָוועטישן קאָמוניזם — איז אַלעמען באַקאַנט. און וואָס דער סאָוועטישער פאַרקריפּלטער סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר — האָט ער געלערנט נישט פון צייטונגען און נישט פון ביכער, נאָר פון לעבן, פון זיין אייגענער דערפאַרונג בעת זיין אויפהאַלט אין מאָסקווע. אין יאָר 1924 איז ער, צוזאַמען מיט דעם

פאַרשטאַרבענעם דוד רמז, דעלעגירט געוואָרן קיין מאָסקווע דאָרט צו פאַרטרעטן די הסתדרות אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויס־שטעלונג. און דאָרט האָט ער אויך געלערנט וואָס עס מיינט קאָמוניזם.

בן־גוריון האָט דאַן צום ערשטן מאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דעמאָנסטרירט די ציוניסטישע פאָן. און דאָס איז דאַן געווען זייער אַ געוואַגטער שריט. די צייט איז דאַן געווען נאָך די גרויסע פאַר־פאָלגונגען אויף ציוניסטן און העברעאיסטן, ווען טויזנטער זיינען איינגעשפאַרט געוואָרן אין די תפיסות אָדער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

זייענדיק דאַן אין מאָסקווע האָט ער זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער אומלעגאַלער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט נאָך אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן. אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען האָט מען מאַנכע פון די טעטיקסטע חברים פון „החלוץ" אויסגעטוישט זייער שטראָף: אַנשטאָט אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין סיביר — האָבן זיי באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון לאַנד, און זיי זיינען דאַן אַוועק קיין ארץ ישראל.

מיט זיין שאַרפן אויג האָט ער שוין דאַן, כמעט אין די ערשטע „האָניק"־יאָרן פון קאָמוניזם, געזען וואָס פאַר אַ פאַרזעעניש דאָס וואַקסט, און ער האָט נישט איין מאָל געלאָזט פאַלן שאַרפע באַ־מערקונגען אויפן אַדרעס פון די הערשער אין קרעמל. אויך די קאָמוניסטן האָבן פאַר אים נישט קיין אַנדערע באַצייכענונג, ווי: „פאַרקויפטע נשמה צום אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם".

בן־גוריונס עפנטלעכע טעטיקייט זייט ער איז 1918 צוריקגע־קומען פון אַמעריקע אין ארץ־ישראל, ביז איצט, קאָן איינגעטיילט ווערן אין דריי עפּאָכעס. אין יעדע פון די דריי עפּאָכעס געפינען מיר אים טעטיק אויף אַ באַזונדער געביט, אויף וועלכן ער איז אינגאַנצן קאָנצענטרירט, און וועלכן ער ווידמעט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמ־

קייט. דער אָפּשניט פון דער ערשטער עפּאָכע איז דאָס יאָר 1933, ווען ער ווערט אויפן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראָג, טשע־כאָסלאָוואַקיע, דערוויילט אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור אין ירושלים. ביז דאַן איז ער אינגאַנצן געווען אַן אַר־בעטער־פירער, אינגאַנצן געלעבט אין דער אַרבעטער־וועלט, אינ־גאַנצן קאָנצענטרירט אַרום זייערע פּראָבלעמען.

אין אָט דער דאָזיקער ערשטער עפּאָכע פאַלט אויס זיין קאָלאָ־סאַלע אַרבעט אַרום דער קאָנסאָלידירונג פון דער אַרבעטער־באַווע־גונג אין ארץ־ישראל: אַרום דער שאַפונג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי „אחדות העבודה״, אַרום דער גרינדונג און אויספּאָרמירונג פון דער הסתדרות. ער גיט זיך אויך אָפּ מיטן פאַראייניקן און באַפעסטיקן די ציוניסט־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין אויסלאַנד. און צום סוף געלינגט אים אויך די גרויסע אַרבעטער־פאַראייניקונג מיטן „הפועל הצעיר״, און די שאַפונג פון „מפלגת פועלי ארץ ישראל״.

צוויי יאָר צייט, צווישן 1933 און 1935, פּאַרזוכט ער נאָך אָנצוהאַלטן זיין וויכטיקן אַמט אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון דער הסתדרות. זיין אַרבעט אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור אין ירושלים פּאָדערט אָבער פון אים זיין גאַנצע צייט, און אין יאָר 1935 פאַרלאָזט ער זיין אַמט אין דער הסתדרות.

אין צייט פאַרנעמט ביי אים די צווייטע עפּאָכע אַזוי לאַנג ווי די ערשטע, אַרום 15 יאָר, פון 1933 ביז 1948. די דאָזיקע עפּאָכע פון זיין טעטיקייט, די צווייטע, ענדיקט זיך מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. ער גייט נישט אַוועק פון זיין פּאַרטיי, ער בלייבט אויך ווייטער איר פירער. ער דערהייבט זיך אָבער איבער זיין קלאַס און קאָנצענטרירט זיך אינגאַנצן אויף די פאַרצווייגטע ציוי־ניסטישע פּראָבלעמען. ער ווערט דער ציוניסטישער מנהיג און בולט׳סטע אידישע פּערזענלעכקייט אין יישוב. ער ווערט אינגאַנצן

דוד בן־גוריון

אידישער שטאַטסמאַן און פירט דעם יישוב און די ציוניסטישע באַוועגונג צו דעם ענדציל — צו אידישער מלוכה־שאַפט.

די דריטע עפּאָכע זיינע איז די, אין וועלכער ער שטייט איצט, אַלס פּרעמיער פון דער יונגער דעמאָקראַטישער מדינת ישראל.

זעכצנטער קאַפּיטל

ציוניסטישער מנהיג

ווי מיר האָבן ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט דערמאָנט, איז דוד בן־גוריון אין יאָר 1933, אויפן 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין פּראג, דערוויילט געוואָרן אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור אין ירושלים, און זייט 1935 איז ער געוואָרן דער פאָר־זיצער פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט אין ארץ ישראל. אין יענע יאָרן, ביי זיין אַריינטרעטן אין דער ציוניסטישער לייטונג, ביי זיין איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ביז דער גרינדונג פון מדינת ישראל, האָט דאָס אידישע פאָלק און די ציוניסטישע באַוועגונג איבערגעלעבט די שווערסטע און טרויעריקסטע עפּאָכע אין זייער געשיכטע.

זייט דעם יאָר 1931 האָט די אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין איירָאָפּע געהאַלטן אין איין וואַקסן; אָט די כוואַליע, וועלכע האָט דעם גרעסטן מערדער אַדאָלף היטלער געבראַכט צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד, פּוילן, רומעניע, גריכנלאַנד, ליטע און אַנדערע לענדער זיינען אָפט פאָרגעקומען בלוטיקע איבערפאַלן איבער דער אידישער באַפעלקערונג. מערערע פון די דאָזיקע איבער־פאַלן זיינען געווען אמת'ע פּאָגראָמען.

דער אידישער האָריזאָנט איז דאַן געווען פאַרצויגן מיט שוואַר־צע, געדיכטע וואָלקנס, דורך וועלכע ס'האָט זיך זעלטן דורכגעריסן

אַ ליכטיקער שטראַל. פרומע אידן האָבן יענע יאָרן באַצייכנט מיט דעם פיל־באַדייטנדן אויסדרוק: „עיקבתא דמשיחא״, משיח׳ס צייטן. אין אידישן לעבן, הויפּטזעכלעך אין מזרח־אייראָפּע, און ספּעציעל אין פּוילן, האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע פון וועלכער מ׳האָט ניט געקאָנט זען קיין אויסגאַנג. פון טאָג צו טאָג איז געשטיגן דער אַנטיסעמיטיזם און מיט אים אויך די פאַרצווייפלונג אויף דער אידישער גאַס. דער אידישער מענטש אין אייראָפּע איז געוואָרן פאַטאַליסטיש און גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען.

אין יענער צייט, ווען בן־גוריון איז אַריין אין דער עקזעקוטיווע, איז אויך פאָרגעקומען אַ קריזיס אין די רייען פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַ צושפּליטערונג צווישן אירע פּאַרטייען. עס איז געווען נאָך דעם אַרלאָזאָראָוו־מאָרד און די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן. אין דעם רעוויזיאָניסטישן לאַגער, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון זאב זשאַבאָטינסקי, איז דאַן רייף געוואָרן דער געדאַנק אַרויסצוטרעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און גרינדן אַן אייגענע, באַזונדערע באַוועגונג מיט נייע אָרגאַנען. די „דעמאָקראַטישע רעוויזיאָניסטן״, האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אינערהאַלב דער אַלטער אָרגאַניזאַציע און האָבן געשאַפן אַ נייע גרופּירונג מיטן נאָמען „אידנשטאַט פּאַרטיי״.

אויך אין אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען זיינען דאַן פאָרגעקומען יוירונגען און איבערגרופּירונגען. דער פאַרבאַנד פון די ראַדיקאַלע ציוניסטן האָט זיך אין יאָר 1933 אויפגעלייזט און זיינע מיטגלידער זיינען אַריינגעטראָטן אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אויך אין די רייען פון די זעלביקע אַלגעמיינע ציוניסטן איז כסדר געוואַקסן דער קעגנזאַץ צווישן די גרופּן א׳ און ב׳.

אָט אין די דאָזיקע שטימונגען, וועלכע האָבן געהערשט אויף דער אידישער גאַס און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און דערצו

נאָך מיט אַ ליידיקע ציוניסטישע קאַסע, האָט בן־גוריון אין יאָר 1935 איבערגענומען די לייטונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און נישט אָפיציעל — אויך די לייטונג פון ישוב. דער גורל האָט געוואָלט, אַז אין דער דאָזיקער הויכער פּאָזיציע זאָל אַריינטרעטן אַ מאַן מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, מיט גרויסע אַרבעטס מעגלעכקייטן און מיט אַ קלאָרער וויזיע פאַר דער אידישער צוקונפט.

בן־גוריון האָט אַלע זיינע יאָרן, פון קינדוויז אָן, גע׳חלומ׳ט וועגן אידישער מלוכה׳שאַפט, און גלייך ווי ער האָט איבערגענומען זיין הויכן אַמט אין דער באַוועגונג האָט ער די אידישע מלוכה׳שאַפט אַרויסגעשטעלט אַלס הויפּט־ציל פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. ער האָט פאַראויסגעזאָגט די נויטווענדיקייט פון אַ אידישער מדינה פאַר דעם קיום פון אידישן פאָלק. ער האָט געזען די כוחות־פאַרמעסטונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַרענע און האָט אַרויסגעפילט די מעגלעכקייט, אַז אין אונזערע טעג קאָן נאָך אַנטשטיין אַ אידישע מדינה, ער האָט געציטערט איבער דער דאָזיקער מעגלעכקייט, כדי זי נישט צו פאַרפּאַסן. און ער האָט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג געגעבן אַזאַ איינשטעלונג, וואָס זאָל איר פירן צום ענד־ציל.

דער געדאַנק וועגן אידישער מלוכה׳שאַפט אין אונזערע טעג איז נאָך דאַן געווען זייער ווייניק פאַרשפּרייט, אין יעדן פאַל — מ׳האָט וועגן איר ווייניק גערעדט. די איינשטעלונג פון זיינע חברים אין דער עקזעקוטיווע איז, אין דער דערמאָנטער פראַגע, געווען גאָר אַן אַנדערע, נישט אַזוי ווי זיינע. און וואָלט די פראַגע פון באַלדיקער אידישער מלוכה׳שאַפט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, וואָלטן אפשר אַלע מיטגלידער געשטימט קעגן איר. די צייט איז נאָך געווען נישט רייף צו דיסקוטירן די פראַגע. און בן־גוריון האָט געוואוסט ווי אַזוי צו מאַנעווירן אין דער עקזעקוטיווע, אַז די פראַגע זאָל נישט קומען צו אַן עפנטלעכער דיסקוסיע, און ממילא

אויך נישט צו אַן אָפּשטימונג. ער איז אָבער ווייטער געגאַנגען זיין אָנגעצייכנטן וועג, מיט דעם ציל פון אַ אידישער מדינה פאַר זיינע אויגן.

די פרומע אידן אין דער באַוועגונג, וועלכע האָבן אין יענער צערודערטער צייט געזען די „עיקבתא דמשיחא", זיינען אויך געווען די ערשטע, וועלכע האָבן געגעבן זייער האַרץ און צושטימונג פאַר בן־גוריונ׳ס געוואַגטע אידייע פון אַ אידישער מדינה נאָך אין אונזערע טעג. זיינע ערשטע אונטערשטיצער זיינען געווען מיט־גלידער פון מזרחי, וועלכע האָבן זיך „אָנגעשטעקט" מיט זיין עקס־טרעמקייט. נאָך זיי זיינען נאָכגעקומען אַנדערע. ער האָט פאַר דער אידנשטאַט־אידייע באַקומען אַ גרעסערע צאָל אָנהענגער אין זיין פּאַרטיי, אין דער הסתדרות, און צום סוף — אויך אין דער עקזע־קוטיווע פון דער אידישער אַגענטור. די צאָל אָנהענגער, וועלכע האָט זיך אונטערגעגעבן זיין אינטואיציע און אים נאָכגעגאַנגען — איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. ס׳איז געוואַקסן די נאָכפאָלגערשאַפט, וועלכע האָט אין אים געזען דעם מנהיג אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן.

בלעטערט איר היינט די געשיכטע פון ציוניזם, די געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן, פאַלט אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פאַקט, וואָס ביז דעם יאָר 1933, ווען ער איז דערוויילט גע־וואָרן צום ערשטן מאָל אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, ווערט אין איר בן־גוריונ׳ס נאָמען זייער זעלטן דערמאָנט. ערשט שפּעטער ווערט זיין נאָמען אָפטער איבערגע׳חזר׳ט. אַ סך יאָרן האָט בן־גוריון דעם רעדנער נישט געצויגן די טריבונע פון די ציוניסטישע קאָנרעסן. זיינער אַ חבר האָט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער באַנוצט זיך נישט אָפטער מיט דער בינע פון די קאָנגרעסן, אויף דעם זאָל ער האָבן קורץ געענטפערט:

— „איך וויים נישט אין וואָס פאַר אַ שפּראַך צו רעדן צו

די מענטשן פון די קאָנגרעסן. מיטן אויסדרוק „שפּראַך״ האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געמיינט אין וואָס פאַר אַ לשון. ער האָט גע־מיינט צו זאָגן: וואָס פאַר אַן אינהאַלט צו געבן זיינע אויפטרעטונגען. ביז דאַן האָט ער אַלע זיינע יאָרן געדעדט צו אַרבעטער מאַסן, דיס־קוטירט אַרבעטער פּראָבלעמען. דער מענטשן־צוזאַמענשטעל אויף די קאָנגרעסן איז אָבער אַן אַנדערער און עס האָט געמוזט נעמען אַ לענגערע צייט ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט צו דער נייער רעדנער־טריבונע.

אין די אַנדערע הויכע ציוניסטישע אינסטאַנצן איז דוד בן־גוריון געוויילט געוואָרן אַ סך יאָרן פריער, ווען ער איז געווען נאָך אַ גאָר יונגער מאַן. אין ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט איז ער אַריין אין יאָר 1920, אויף דער ערשטער ציוניסטישער קאָנ־פערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, אין לאָנדאָן, וואו ער האָט דאַן געוואוינט אַ לענגערע צייט מיט זיין פאַמיליע. און ער איז שוין דאַן געווען אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין די יאָרן פון דער ענגלישער הערשאַפט אין ארץ ישראל זיינען אַלע קהילות אין לאַנד, מיטן אויסנאַם פון די עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע, געווען אָרגאַניזירט אין איין קערפּערשאַפט, אין „כנסת ישראל״, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער מאַנדאַט רעגירונג, און האָט רעפּרעזענטירט דעם ישוב קעגנאיבער דער רעגירונג. די אָרגאַנען פון דער „כנסת ישראל״ זיינען געווען: די „אספת הנבחרים״, דער אַזוי גערופענער פּאַרלאַמענט און דער „ועד לאומי״, דער נאַציאָנאַל ראַט, אָדער עקזעקוטיווע. דער פאַר־פאַסער פון דער קאָנסטיטוציע פון „כנסת ישראל״ איז געווען בן־גוריון; און ער האָט אויך דעם קהלת פאַרבאַנד געגעבן דעם צו־טרעפלעכן נאָמען: „כנסת ישראל״. די רעגירונג האָט אָנגענומען די דאָזיקע קאָנסטיטוציע כמעט אָן ענדערונגען, אַזוי ווי זי איז פאַרפאַסט געוואָרן. און געדינט צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט אים

זיין יורידישע קענטעניש, וואָס ער האָט מיט יאָרן פריער גע־שטודירט אין טערקיי.

די ערשטע צוויי יאָר אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור אין ירושלים, פון יאָר 1933 ביז 1935, ביז ער איז גע־וואָרן דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט, האָט ער אָנגעפירט מיט דעם פּאָליטישן דעפּאַרטמענט. און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן דער לייטער פון דער עקזעקוטיווע און דער פּאָלי־טישער דעפּאַרטמענט האָט באַקומען זיין אייגענעם אָנפירער, האָט זיך אָבער דוד בן־גורין אינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן דעפּאַרטמענט מער ווי מיט אַלע אַנדערע דעפּאַרטמענטן. און זייט דאַן איז פּאָליטיק דער הויפּט־געגנשטאַנד פון זיין פּאַראינטע־רעסירונג.

באַלד נאָך דעם 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן זיך זייער פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די אַרבעטער גרופּירונגען אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו ווערן דער דאָמינירנדער כוח אין לאַנד, און די רעוויזיאָניסטן, וועלכע זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער פאַרביטערט אויף דער הערשנדער פּאַרטיי. די רע־וויזיאָניסטישע פּעטיציע־באַוועגונג און דער סטאַווסקי־פּראָצעס, נאָכן מאָרד פון אַרלאָזאָראָוו, האָבן פאַרגרעסערט די פאַרביטערונג אין ציוניסטישן לאַגער. דער ברודער־קאַמף האָט אָנגענומען העס־לעכע און אויך געפערלעכע פאָרמען, און עס האָט געמוזט קומען אַ ווענדונג אין דער לאַגע. און די ווענדונג איז געקומען נאָך סטאַווסקי׳ס באַפרייאונג, אין אויגוסט 1934. די רעוויזיאָניסטן האָבן דאַן געמאַכט אַ שלום־פאָרשלאַג צו זייערע פּאָליטישע קעגנער. דער פאָרשלאַג איז געווען וועגן קעגנזייטיקע אַרבעטס־באַציאונגען און אַרבעטס־קאָנפליקטן אין ארץ ישראל, און איז פריינטלעך אויפגע־נומען געוואָרן פון בן־גוריון. בן־גוריון האָט אים אָנגעהויבן צו פאַר־האַנדלען מיט זשאַבאָטינסקי׳ן. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געפירט אַ לענגערע צייט און אַ שלום־אָפּמאַך איז דערגרייכט געוואָרן. דער

אָפּמאַך האָט אָבער געדאַרפט ראַטיפיצירט ווערן. און אַ רעפערענדום, וואָ סאיז באַשטימט געוואָרן דורך דער הסתדרות, האָט דעם בן־גוריון־זשאַבאָטינסקי אָפּמאַך נישט באַשטעטיקט; מיט אַנדערע ווערטער: האָט אים אָפּגעוואָרפן.

אַלס פּאַרטיי־מאַן האָט זיך בן־גוריון אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון דער העכערער אינסטאַנץ. אַזוי האָט דאָך פאַרלאַנגט די מערהייט פון די חברים. און אַלס דעמאָקראַטישער מענטש מוז מען זיך דאָך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון דער מערהייט. דאָס באַגרייפט יעדער מענטש מיטן שכל, און אַזו האָט אויך ער באַגריפן. נישט אַלע מאָל רעאַגירט אָבער דאָס געפיל אויפן זעל־ביקן אויפן ווי דער שכל. און אויך אויף אים האָט עמאָציאָנעל געווירקט דער אויסגאַנג פון דעם רעפערענדום, ווי ער וואָלט געליטן אַ פּאָליטישע נידערלאַגע. און אַ לענגערע צייט האָט ער דעם דאָזיקן עפּיזאָד נישט געקאָנט פאַרדייען.

פון דער נאַטור איז ער נישט איבעריק חבר׳יש, געזעלעשאַפט־לעך, און דער דערמאָנטער פאַל האָט אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל אַ געוויסע צייט איינגאַנצן זיך דערווייטערן פון זיינע פריינט און חברים. זיינע נאָענטע וויסן שוין זיינע שטימונגען, און אין אַזאַ פאַל לאָזט מען אים אַליין.

בן־גוריון האָט געהאַט געוואַלטיקן רעספּעקט פאַר זשאַבאָ־טינסקי, און אַזאַ רעספּעקט האָט אויך זשאַבאָטינסקי געהאַט פאַר בן־גוריון, נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער קעגנערשאַפט, וואָס ס׳האָט צווישן זייביידן געהערשט אַלע יאָרן און זיי צעטיילט אין באַזונדערע לאַגערן. דער דאָזיקער קעגנזייטיקער רעספּעקט האָט געשטאַמט אין אַ גרויסער מאָס פון דעם, וואָס ביידע האָבן פאַר־מאָגט אַ סך פון די זעלביקע אייגנשאַפטן, וואָס די נאַטור האָט זיי באַשאָנקען: רעדנער־טאַלאַנט, שטאַטסמענערישקייט, פּאָליטישע ווייטזעעוודיקייט, עקסטרעמקייט אין זייער ציוניזם, און ביידע האָבן צוגעשריבן גרויסע באַדייטונג מיליטערישן כוח.

דוד בן־גוריון

ביי די אַלע דערמאָנטע גרויסע מעלות איז זשאַבאָטינסקי אָבער געווען אַ שלעכטער טאַקטיקער. זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט האָט אים אָוועקגעפירט אויף וועגן, וועלכע זיינען נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער נויטווענדיקייט פון דער שעה. ער האָט זיך אָפט געלאָזט באַאיינפלוסן דורך יונגע, פּאָליטיש ווייניק־דערפאַרענע פּאַרטיי־חברים, וועלכע זיינען געוואָרן די דעה־זאָגער אין דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, און האָבן זי געשטופּט אויף פרעמדע, סעפּאַראַטיסטישע דרכים. איינע פון זיינע גרעסטע דורכפאַלן איז געווען דאָס אַרויסגיין פון דער אַלטער באַוועגונג און די שאַפונג פון דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע".

אין די יאָרן פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, סיי אַלס אַרבעטער־פירער און סיי אַלס ציוניסטישער מנהיג, האָט דוד בן־גוריון געהאַט דאָס גליק צו האָבן אַ גרויסן איבערגעגעבענעם פריינט אין די פּערזאָן פון בערל קאַצענעלסאָן. היינט איז שווער אָפּצושאַצן זיין ווירקונג סיי אויף אים פּערזענלעך און סיי אויף די דערמאָנטע באַוועגונגען.

בערל קאַצענעלסאָן, אַזוי ווי בן־גוריון, האָט געהערט צו דער צווייטער עליה. אין לאַנד איז ער געקומען אין 1909 און איז אַ לענגערע צייט געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער. אין די ערשטע יאָרן האָט מען אין די אַרבעטער קרייזן פון אים ווייניק וואָס געהערט. אידייאיש האָט ער נאָך נישט געהאַט זיין וועג, זיין פּאַרטיי. ערשט שפּעטער איז ער געוואָרן צווישן די גרינדער פון „אחדות העבודה" און צווישן די בויער פון דער הסתדרות. צוזאַמען מיט בן־גוריון, און זייט דאַן האָט זיך פאַרבונדן אַ גרויסע פריינטשאַפט צווישן זיי ביידן, ביז בערל'ס טויט אין יאָר 1944.

בערל האָט אין קיינע פון די באַוועגונגען נישט פאַרנומען קיין עפנטלעכע אַמטן. זיין ראָלע איז געווען צו שטיין אָן אַ זייט און ווירקן אויף דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען. ער איז

געווען אַ גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט און איז באַטראַכט געוואָרן אַלס „דאָס געוויסן פון ישוב".

בן־גוריון האָט זיך באַצויגן צו בערל'ן מיט גרויס רעספּעקט, אין אַ געוויסן הינזיכט ווי עס באַציט זיך אַ תלמיד צו אַ רבי'ן. ער האָט גאָרנישט אונטערגענומען, גאָרנישט געטאָן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, נישט מיישב צו זיין זיך פריער מיט בערלען. און ווען ער האָט בערלען נישט געהאַט נאָענט נעבן זיך האָט ער אַלע מאָל אין געדאַנק געקלערט: — ווי אַזוי וואָלט בערל אין דעם אָדער יענעם פאַל געהאַנדלט?

בן־גוריון מיט זיין ברויזנדער נאַטור, מיט זיין אימפּולסיוויקייט, מיט זיין שטאַרקן טעמפּעראַמענט האָט פון צייט צו צייט געדאַרפט האָבן אַ פריינט, אַ חבר, וועלכער זאָל רעדן צו זיין שכל, וועלכער זאָל אים, ווי מען זאָגט, איינהאַלטן — און דאָס האָט געטאָן בערל מיט זיין קלאָרן קריטישן מוח. די פריינטשאַפט צווישן בערלען, דעם קאַלטן, ליטווישן מתנגד מיט דעם קלאָרן אַנאַליטישן קאָפּ און בן־גוריון דעם פלאַמענדיקן, פוילישן חסיד, איז געווען אַ ברכה פאַרן לעצטן, אַ ברכה פאַר די באַוועגונגען, און אַ ברכה פאַרן גאַנצן ישוב.

ר' בנימין, דער אַלטער, גייסטרייכער העברעאישער שריפטשטעלער, אָפּשאַצנדיק דעם פאַרלוסט פון ישוב מיט בערל'ס טויט, האָט ספּעציעל אויך אונטערגעשטראָכן די גרויסע אבידה דורך דעם, וואָס בן־גוריון האָט פאַרלוירן זיין איבערגעגעבענעם פריינט, ווייטזיכטיקן און קלוגן בעל־יועץ.

די לאַנגיאָריקע פריינטשאַפט צווישן די צוויי פּערזענלעכקייטן איז כמעט דורך דעם גאַנצן ישוב אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ וויכטיקע פּאָזיטיווע דערשיינונג.

בערל איז געשטאָרבן דעם 12טן אויגוסט אין אָוונט, אין ירושלים. אויף מאָרגן פרי איז בן־גוריון געקומען אָפּגעבן כבוד זיין טייערן פאַרשטאָרבענעם פריינט. צוגייענדיק צום בעט פון נפטר האָבן זיך זיינע פיס ווי אונטערגעשניטן און ער איז אַוועקגעפאַלן

אין חלשות. די אַנוועזנדע דאָקטוירים האָבן אים אונטערגעכאַפּט און אָפּגעמינטערט.

וואָס בערל איז געווען פאַר בן־גוריון, און ווי אַזוי ער האָט אָפּגעשאַצט בערלען, קאָן מען זען פון דעם הספד, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער טרויער־זיצונג פון מפא״י מרכז. מיר ברענגען דאָ אַ קורצן אָפּשניט פון זיין רעדע:

— „דאָס איז אונזער ערשטע זיצונג אָן בערלען — דעם חלוץ פון חלוצים; דער נאמן פון אידישן פאָלק; דער מענטש פון אַרבעט, ערד און גייסט; דער וויזיאָנער און דער לערער, דער שטראָפער און דער מדריך פון דער ארץ ישׂראל׳דיקער אַרבעטער־שאַפט; דאָס געוויסן און דער קאַמפּאַס פון אונזער באַוועגונג; דער אויסהאַמערער פון די געדאַנקלעכע, מאָראַלישע און פּראַקטישע יסודות פון אונזער איינהייט, פון אונזער הסתדרות, פון אונזער פּאַרטיי; דער אויסגעשטאַלטער און פּלאַנירער פון דער אַרבעטער קאָלאָניזאַציע; דער לידער פון די שעפער און בויער פון דער העברעאישער אַרבעטער־ליטעראַטור; דער מענטש פון פלאַקערנ־דער זעלבסטקריטיק, פון שאַפונג און רעוואָלוציע; דער גדול פון געדאַנק און טאַט; דער מענטש פון טיפע וואָרצלען און דרייסטן שוואונג; מעכטיק אין אויסדרוק, אין זיין שריפט און וואָרט; שטאַם־פאַרוואָרצלט אין די גייסטיקע אוצרות פון דער גאַנצער מענטשהייט און פלייסיקער שעפער פון די קוואַלן פון דער אידישער קולטור; פרייער בירגער אין דער וועלט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און דער דינער פון דער גאולה פון זיין פאָלק און זיין פאָטערלאַנד; דער פּרינץ פון גייסט, נאַאיוו און פּשוט אין זיין אומגאַנג מיט יעדן חבר און מיט יעדן מענטש; אַ טרייער פריינט און שטיץ־פּונקט, פעסט ווי אַ זיכערקייטס־פעלז צו אַלע יענע, וואָס האָבן געזוכט זיין הילף״.

און נאָך אַן אויסדרוק זיינער נאָך בערל׳ס טויט:

— „ס׳איז געפאַלן דער ריז פון דער מחנה, דער אַרבעטער פון כנרת, דער לערער פון זיין דור!״

זיבעצנטער קאַפּיטל

צו אידישער מלוכה׳שאַפט

ביים סוף פון יאָר 1935 האָט זיך די לאַגע אין ארץ ישראל, סיי די ווירטשאַפטלעכע און סיי די פּאָליטישע, שטאַרק פאַרערגערט. דאָס איז געשען, אין אַ גרויסער מאָס, צוליב דער מלחמה אין אַבעסיניע, וועלכע איז געווען אַ מין פאַרשפּיל צו דעם קומענדיקן, צווייטן, וועלט־קריג.

אינערלעכע און אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן אויך געשטויסן די אַראַבער אין ארץ ישראל צו נייע בלוטיקע אַנטי־אידישע אומרוען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל 1936 און זיינען פאַרגעזעצט געוואָרן, מיט קליינע איבעררייסן, ביזן אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1939.

די בריטישע רעגירונג האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן די אַראַ־בער, און ס׳איז ווידער באַשטימט געוואָרן אַ קעניגלעכע קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט אויספאָרשן די סיבות פון די אַראַבישע אומרוען און געפינען אַן אויסוועג צו דער שווערער לאַגע.

אָנהויב נאָוועמבער 1936 איז קיין ארץ ישראל אָנגעקומען די בריטישע אויספאָרשונגס קאָמיסיע אונטער דעם פאָרזיץ פון לאָרד פּיל. ווידער האָבן ביידע צדדים, די אידן און די אַראַבער, פאָרגע־לייגט זייערע טענות, און ווידער האָבן די בריטישע ריכטער געזוכט, אויף זייער שטייגער, דעם אמת און דעם יושר אין דער פאַרפּלאָנ־

טערטער לאַגע. בן־גוריון איז אויפגעטראָטן פאַר דער דאָזיקער קאָמיסיע און צווישן אַנדערע דערקלערט:

— „אויב מ׳האָט דאָ געזאָגט פון ענגלישן צד, אַז דער פאַ־לעסטינע־מאַנדאַט איז די „ביבל״ פון ציוניזם, מוז איך אין נאָמען פון אידישן פאָלק ענטפערן, אַז דער תנ״ך איז אונזער מאַנדאַט. אונזערע רעכט אויף ארץ ישראל זיינען אַ סך עלטער ווי די באַל־פור־דעקלאַראַציע און דער פאַלעסטינע־מאַנדאַט!״

נאָך אייניקע חדשים פון פאָרשן איז אין יולי 1937 דערשינען דער באַריכט פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע מיט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן: באַגרענעצן די אידישע עליה, איינטיילן דאָס לאַנד אין באַזונדערע אידישע און אַראַבישע קאַנטאָנען. אָבער דאָס בעסטע און ראַדיקאַלסטע וואָלט געווען — לויט לאָרד פּיל׳ס אויספירונג — די פולשטענדיקע צעטיילונג פון ארץ ישראל אין צוויי באַזונדערע מלוכות, אין אַ אידישע און אַראַבישע. דער חלוקה־פּלאַן פון לאָרד פּיל האָט פאַר די אידן באַשטימט בערך איין פינפטל פון מערב׳דיקן ארץ ישראל.

באַלד נאָך דעם ווי עס איז דערשינען דער פּיל־באַריכט, האָט אין צוריך, שווייץ, זיך פאַרזאַמלט דער צוואַנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס, פון 3טן ביזן 17טן אויגוסט 1937. אויף דעם דאָזיקן קאָנג־רעס, אין זיינע אַלגעמיינע דעבאַטן, האָט דער חלוקה־פּלאַן פאַר־נומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. דאָרט איז צום ערשטן מאָל אין דער אידישער גלות־געשיכטע עפנטלעך דעבאַטירט געוואָרן די פראַגע פון אידישער מלוכה׳שאַפט. צו דער פראַגע פון חלוקה האָבן פּרינ־ציפּיעל מסכים געווען מערערע רעדנער פון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט, מיט בן־גוריון בראש. עס האָבן צו דעם חלוקה־פאָרשלאַג אויך צוגעשטימט אַ סך רעדנער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן גרופּע א׳. דער מאָטיוו איז געווען, אַז אַן אייגענע מלוכה אין ארץ ישראל, אַפילו גאָר אַ באַשיידענע, וועט קענען אַריינעמען אַ באַדייטנדע עליה פון אייראָפּעאישע אידן, וועלכע זיינען באַדראָט

אין זייער עקזיסטענץ דורך דעם היטלעריזם, און וועט אויך קאָנען אויסברייטערן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב די אידישע קאָלאָניזאַציע.

דאַן האָט יעדער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַביסל פאַנטאַזיע, געזען ווי נאָענט ס׳איז די פאַרווירקלעכונג פון אידישער מלוכה׳שאַפט. בן־גוריון האָט זי אָבער געזען אַמבולט׳סטן, און איז ווייטער געגאַנגען אין דער זעלביקער ריכטונג.

מיטן וואַקסן פון היטלעריזם האָט זיך די קאַטאַסטראָפע אויפן אייראָפּעאישן אידנטום געררוקט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. און אויך דער האָריזאָנט פון ארץ ישראל האָט זיך אין גיכן פאַרצויגן מיט שוואַרצע וואָלקנס. נאָך דריי יאָר אַראַבישע אומרועץ אין ארץ ישראל, נאָך פאַרגיסן אַ סך אידיש בלוט, האָט די דעמאָלטדיקע ענגלישע רעגירונג פון נעוויל טשעמבערליין באַשלאָסן נאָכצוגעבן די אַראַבער און האָט אין מאַי *1939*, אייניקע חדשים פאַרן אָנהויב פון צווייטן וועלט־קריג, אַרויסגעגעבן דעם דריטן „ווייסבוך" מיט נייע גזירות: ס׳איז שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן די עליה און ס׳איז כמעט אינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן דאָס פאַרקויפן באָדן צו אידן.

בן־גוריון האָט זייער דייטלעך פאָראויסגעזען דעם אָנקומענדיקן קריג, און האָט אַפילו באַשטימט זיין טערמין. אָנהויב *1934*, אויף דער צווייטער זיצונג פון דער פערטער הסתדרות קאָנפערענץ, האָט ער צווישן אַנדערע געזאָגט:

— „אין די קומענדיקע פינף יאָר שטייט דער וועלט פאַר אַ מלחמה־געפאַר. פאַר אונז איז די סכנה זיבן מאָל גרעסער. כדי מיר זאָלן קאָנען אויסהאַלטן ווען דער אומגליק וועט אָנקומען, מוזן מיר פאַרטאָפּלען אונזער באַפעלקערונג און מיטן מאַקסימום פון אונזער ווילן פאַרשטאַרקן אונזערע אינערלעכע פּאָזיציעס. דאָס דאַרף זיין אונזער פינף יאָר פּלאַן, און אונזערע אַלע אָנשטרענגונגען, סיי אינערלעכע און סיי אויסערלעכע, דאַרפן זיין געריכטעט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע".

און דער טרויעריקער יאָר *1939* איז געקומען. ס׳איז אויס־

געבראַכן די צווייטע וועלט־מלחמה. דער ישוב איז געווען שטאַרק פאַרביטערט קעגן ענגלאַנד פאַר איר נייעם „ווייס־בוך", פאַר אירע נייע גזירות אויפן ציוניזם, פאַר וועלן צונישט מאַכן די אידישע אַספּיראַציעס אויף ארץ ישראל. פאַר אַ ציוניסטישן פירער איז שווער געווען די אַנטשיידונג. בן־גוריון האָט דאַן אָבער געוואָרפן זיין באַרימטע לאָזונג: „מיר וועלן אָנטייל נעמען אין קריג ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין 'ווייסבוך' נישט עקזיסטירט, און מיר וועלן קעמפן קעגן דעם 'ווייסבוך' ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען!"

און בן־גוריון האָט זיין וואָרט געהאַלטן. ער, אַלס פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, האָט אָנגעפירט מיטן מאָביליזירן די אידישע כוחות פון ארץ ישראל פאַר דער מלחמה אָנשטרענגונג אויף דער זייט פון ענגלאַנד, ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין „ווייס־בוך" נישט עקזיסטירט; און ער האָט אויך איינגעשפּאַנט זיין גאַנצע ענערגיע צו באַקעמפן דעם ענגלישן „ווייס־בוך" ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען. און ער האָט געפירט די גאַנצע ציוניסטישע פּאָליטיק אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ אידישע מלוכה.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם פון יענע יאָרן איז זייער גוט באַקאַנט דער קאַפּיטל: „בילטמאָר פּראָגראַם". די קאָנפערענץ פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָנהויב מאַי 1942 אין ניו יאָרק, אין האָטעל „בילטמאָר", האָט פאַרלאַנגט „די באַלדיקע שאַפונג פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ ישראל אַלס אינטעגראַלער טייל פון דער נייער דעמאָקראַטישער וועלט". דער דאָזיקער „בילטמאָרער פּראָגראַם", וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַלטע מלוכה'שע אַספּיראַציעס פון פּאָליטישן ציוניזם, איז פון דאַן אָן געוואָרן דער „אני מאמין" פון דער מערהייט אידן אין אַלע לענדער אויף דער גאַנצער וועלט. נאָך דער קאָנפערענץ אין האָטעל „בילטמאָר" איז געקומען דער ציוניסטישער אַקציאָנס

קאָמיטעט, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיין זיצונג דעם 10טן נאָ־
וועמבער 1942 אין ירושלים, און האָט זיך געשטעלט אויפן יסוד
פון בילטמאָר־פּראָגראַם און האָט פייערלעך פּראָקלאַמירט דעם פּאָס־
טולאַט פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ ישראל, ווייל: „די נייע
וועלט־אָרדנונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָך דעם זיג איבער דעם
נאַצי־פאַשיזם, קאָן זיך נישט שטיצן אויף די פּרינציפּן פון שלום,
גערעכטיקייט און גלייכקייט, כל זמן דאָס פּראָבלעם פון אידישער
היימלאָזיקייט איז נישט פולשטענדיק געלייזט געוואָרן. פון די 25
מיטגלידער פון אָקציאָנס קאָמיטעט האָבן פאַר דער דערמאָנטער
רעזאָלוציע געשטימט 21. 3 מיטגלידער פון „השומר הצעיר״ און
1 לינקער פועלי ציון האָבן געשטימט קעגן איר.

זייט דאַן איז דער „בילטמאָרער־פּראָגראַם״ געוואָרן די אָפּי־
ציעלע פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און פאַר דער
דאָזיקער פּאָליטיק פון אידישער מלוכה׳שאַפט, פאַר דעם „בילט־
מאָרער פּראָגראַם״, איז בן־גוריון אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך.

ווען בן־גוריון איז דאַן געקומען קיין אַמעריקע צו באַאיינפלוסן
זיין שטעלונג וועגן אידישער מלוכה׳שאַפט, האָט ער ביי דאָס רוב
אַמעריקאַנער ציוניסטן געפונען פאַרשטאָפּטע אויערן. זיי האָבן אים
געהאַלטן פאַר אַ וויסטן פאַנטאַזיאָר, פאַר אַ ניט רעאַלן פּאָליטיקער,
וועלכער פּרעדיגט ווילדע געדאַנקען: אַ אידישע מלוכה! עס האָבן
אים גענומען חדשים פון שווערער אַרבעט ביז ער האָט צוזאַמענ־
געבראַכט די בילטמאָרער קאָנפערענץ, און ביז ער האָט דורכגעפירט
זיין רעזאָלוציע. און די דאָזיקע רעזאָלוציע איז דער ערשטער אָפּי־
ציעלער ציוניסטישער דאָקומענט, וואָס רעדט פון אַ אידישער מדינה.

און זייענדיק דאַן אין אַמעריקע האָט ער נישט נאָר די ציוניסטן
„אָנגעשטעקט״ מיט דער אידישער מלוכה אידייע, נאָר ער האָט
פאַר דער דאָזיקער אידייע אויך געוואונען וויכטיקע נישט־ציוניסטן,
ווי מאָריס ווערטהיים, דעם דעמאָלטדיקן פּרעזידענט פון אַמערי־

קאַנער אידישן קאָמיטעט, ווי ריכטער סעמיועל ראָזענמאַן, ראַט־געבער ביי פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט און אַנדערע.

אין פאַרלויף פון פינף יאָר, אין דעם צווייטן וועלט־קריג און נאָך אים, האָט בן־גוריון באַזוכט דריי מאָל די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַ דירעקטע שייכות מיט דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה. דער ערשטער פון די דאָזיקע באַזוכן איז דער, ווען ער איז געקומען מאָביליזירן די אַמעריקאַנער ציוניסטן פאַר דער אידייע פון אידישער מלוכה׳שאַפט, ווען ער האָט צוזאַמענגערופן די בילט־מאָרער קאָנפערענץ.

דער צווייטער באַזוך זיינער איז געווען אין יולי 1945, גלייך ווי דער קריג אין אייראָפּע האָט זיך געענדיקט. און געקומען איז ער נישט אַליין, נאָר מיטן ארץ־ישראל׳דיקן אינזשינער חיים סלאַווין. ער האָט דאַן דערציילט פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער און קאַנאַדער אידנטום וועגן די מעגלעכקייט פון אַן אַראַבישן איבערפאַל אויפן אידישן ישוב אין ארץ ישראל און וועגן דער נויטווענדיקייט דאָרט אויפצושטעלן אַן אייגענע אינדוסטריע פאַר מיליטערישע אויסאַר־בעטונגען. אים איז דאַן געלונגען צו באַקומען הילף פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אינזשינער סלאַווין, אַלס ספּעציאַליסט, האָט איינגע־קויפט די נויטיקע מאַשינען פאַר דער דאָזיקער אינדוסטריע, וועלכע האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדע ראָלע אין ישראל׳ס באַפרייאונגס קריג.

זיין דריטער באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, איז געווען אין מאַי 1947, ווען ער איז אויפגעטראָטן פאַר דער ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון יו־ען, וואָס איז גערופן געוואָרן כדי צו לייזן די פּאַלעסטינע־פראַגע.

זומער פון דעם יאָר 1945. די מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט און אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך גע־נויער דערוואוסט ווי גרויס עס איז אונזער בראָך, וויפל אידן היט־

לער האָט פאַרניכטעט. אין ענגלאַנד זיינען דאַן פאַרגעקומען פאַר־לאַמענט־וואַלן און צו דער מאַכט איז געקומען די לייבאָר פּאַרטיי, אָט די פּאַרטיי, וואָס האָט אויפריכטיק אין פאַרלויף פון אַ פערטל יאָרהונדערט געשטיצט די ציוניסטישע פאָדערונגען אויף ארץ ישראל, און וועלכע האָט מיט אַ האַלב יאָר פריער — אין דעצעמבער 1944 — אָנגענומען אַזאַ ווייטגייענדיקע ציוניסטישע רעזאָלוציע, וואָס האָט אַפילו געפאָדערט די טראַנספּערירונג פון די ארץ ישראל׳־דיקע אַראַבער אין אַנדערע לענדער. די לעצטע געשעעניש האָט אַרויסגערופן אַ סך פרייד אין דער אידישער וועלט. מערערע האָבן געגלויבט, אַז די לייבאָר פּאַרטיי וועט איצט לייזן די ארץ ישראל פראַגע לטובת די אידן.

אין דעם „האָניק חודש" פון דעם דאָזיקן גרויסן אַרבעטער זיג, איז אין לאָנדאָן אויך פאָרגעקומען די ערשטע נאָכ׳מלחמה׳דיקע ציו־ניסטישע קאָנפערענץ (אויגוסט 1945). אויף דער טריבונע פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך בן־גוריון אָנגעשטעלט און גע־וואָרנט דער וועלט, געוואָרנט דער נייער בריטישער רעגירונג, גע־וואָרנט דאָס בריטישע פאָלק און אויך די אידן, אַז די לייזונג פון דער ארץ־ישראל־פראַגע קען זיין נאָר אין איין ריכטונג — אין דער שאַפונג פון אַ אידישער מדינה. נאָך דעם ווי ער דערציילט די פאַרזאַמלטע, וואָס די לייבאָר פּאַרטיי האָט די גאַנצע צייט געטאָן פאַר ציוניזם, רופט ער אויס פּאַטעטיש:

— „פאַרלאָזט זיך נישט צו פיל אויף דער גרויסער ענדערונג, וואָס עס איז איצט פאָרגעקומען אין ענגלאַנד. מיט דעם אַליין איז נאָך נישט געלייזט געוואָרן די פראַגע פון „ווייסבוך". מיר דאַרפן זיך מיט פאַרדאַכט באַציען צו דער נייער רעגירונג. „כבדהו וחשדהו!"

— „איך האַלט פאַר מיין חוב צו וואָרנען דער ציוניסטישער באַוועגונג: מ׳קאָן אָפיציעל אָפּשאַפן דעם „ווייס בוך" אָבער גלייכ־צייטיק פאַרווירקלעכן זיינע פרינציפּן.

— „אַלע מיינע יאָרן — האָט בן־גוריון פאָרגעזעצט, — און איצט נאָך מער ווי ווען עס איז פריער, האָב איך געגלויבט, אַז דער ציוניזם הויבט זיך אָן מיט דער מאָס פון אונזער טאָט. טראָץ דעם וואָס עס האָט מיט אונז געטראָפן, גלויב איך, אַז מיר זיינען אַ כוח, אַ וועלכער עס איז כוח, און אַז אויך אונזער ווילן האָט אַ וועלכע עס איז באַדייטונג. צוזאַמען מיטן פולשטענדיקן יאוש אין גלות האָב איך אַ טיפן גלויבן אין דער ווערדע פון אידישן מענטש און אידישן כלל, אין דער ווערדע פון זיין ווילן און זיין מעגלעכקייט. דאָס איז לויט מיין מיינונג די גאַנצע ציוניסטישע תורה.

— „און איך זאָג: אַז אונזער געראַנגל האָט אַ באַדייטונג. די ביטערסטע דערפאַרונג אין די איצטיקע ביטערע יאָרן האָב איך געהאַט אין מיין באַגעגעניש מיט אַ אידישע פליכטלינגע מיידל פון יוגאָסלאַוויע, און איר דערציילונג האָט מיך אויפגעציטערט נישט ווייניקער ווי די אויסשעכטונג פון אידן אין פוילן. און דאָס, אַז אַ סך יוגאָסלאַווישע אידן האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען ווען זיי וואָלטן געקעמפט. דאָס יוגאָסלאַווישע אידנטום איז פאַרטיליגט געוואָרן ווייל עס האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם שונא“.

אין דער זעלביקער רעדע זאָגט ער ווייטער וועגן די ארץ ישראל׳דיקע אידן:

— „זיי ווייסן די כוחות־פאַרהעלטענישן פון ביידע צדדים, און ווייסן, אַז זיי זיינען נישט קיין גלייכע. זיי האָבן אין דעם פרט קיין אילוזיעס נישט. זיי ווייסן, אַז אונזערע מעגלעכקייטן זיינען באַגרענעצטע. און פונדעסטוועגן וועלן זיי זיך שטעלן אין געראַנגל און וועלן זיגן.

— „זיי זיינען נישט קיין האָפנונגסלאָזע מענטשן, נאָר די גרעסטע מאמינים, וועלכע זיינען דערשינען אין דער אידישער געשיכטע. זיי זיינען דאָרשטיק נאָך לעבן און האָבן ליב דאָס לעבן.

זיי זיינען נישט להוט נאָך אומזיסטע קרבנות. אָבער זיי גלויבן אין דעם כוח פון געראַנגל פון דעם ארץ ישראל׳דיקן איד.

—„און פון דאַנען וויל איך זאָגן צו דער בריטישער לייבאָר פּאַרטיי: אויב צוליב דער אָדער יענער סיבה וועט זי פּאַר אַ גע־וויסער צייט אויפהאַלטן די אָרדנונג פון „ווייסבוך״, וואָס לייקנט אין אונזערע היסטאָרישע רעכט, וואָס שליסט פאַר אונז די טויערן פון פאָטערלאַנד, וואָס פאַרוואַנדלט ארץ ישראל אין אַ גלות, וואָס גזל׳ט פון אונז דאָס רעכט פון זיין אַ מדינה — וועלן מיר אין לאַנד זיך נישט דערשרעקן און זיך נישט צוריקציען פאַר דעם גרויסן ענגלישן כוח, און מיר וועלן קעגן אים קעמפן.

—„און דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס דער געראַנגל פון אַ קליין פאָלק האָט אַ באַדייטונג, און האָט אויך מנצח געווען. איך זע אַלס מיין פליכט צו וואָרנען די לייבאָר פאַרטיי, וועלכע האָט פאַרדינט, אַז מיר זאָלן זיך צו איר באַציען מיט געוויסן צוטרוי, און מיר זאָלן אָן איר אָנהענגען געוויסע האָפענונגען, און פאַרשטיין מער אָדער ווייניקער איר לאַגע — איך זע מיין פליכט זי צו וואָרענען, אַ האַרבע וואָרנונג, טראָץ דעם וואָס צווישן דעם ישוב אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אידן וועמען ס׳זיינען פיליכט נישט פרעמד די היסטאָרישע אידעאַלן פון דער בריטישער אַרבעטער באַוועגונג, ווילן זיי אָבער, אַז אין דער נייער וועלט, אין דער אויסגעבעסערטער און רעכטפאַרטיקערער, זאָל געגעבן ווערן אַ בכבוד׳יקער אָרט אויך דעם פאָלק ישראל. אויב מ׳וועט פון זיי אַוועק׳גזל׳נען דאָס דאָזיקע רעכט — וועלן זיי זיך פאַרטיידיקן און זיי וועלן זיך ביטער ראַנגלען, און זיי וועלן נישט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע אימפעריע זאָל געוועלטיקן אין לאַנד, נאָך דעם ווי זי האָט זיך דאָרט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויזאַמער און ברוטאַלער מאַכט, וואָס אָנערקענט נישט קיין פאַרשפּרעכונגען, וואָס האַלט נישט קיין וואָרט, און אָנערקענט נישט קיין גערעכטיקייט.

— „איך האָב געפונען פאַר מיין חוב דאָס צו זאָגן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו אונזערע פריינט אין ענגלאַנד און צו דער אַרבעטער באַוועגונג: אָדער מיר שטייען אויפן שוועל פון דער גרינדונג פון אַ אידישער מדינה — ווייל אָן אַ מדינה האָט דאָס אידישע פאָלק נישט קיין מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אין דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן איצט, — אָדער מיר שטייען אויפן שוועל פון אַ שווערן, ביטערן און ערנסטן געראַנגל, וועלכן די בעסטע זין פון אידישן פאָלק וועלן אויף זיך נעמען — און זאָל דער פרייז, וואָס זיי וועלן באַצאָלן זיין וועלכער עס איז".

מיר האָבן דאָ געבראַכט דעם לענגערן אויסצוג פון זיין לאָנדאָנער רעדע, ערשטנס — ווייל זי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט אים דאַן איינגאַנצן באַהערשט. אין די פאַר בלעטלעך געפינען מיר מערערע פון די פראָבלעמען, וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט אין די יאָר פון זיין פירערשאַפט, ווען ער געפונען די איינציקע לעזונג: אַ אידישע מדינה. און צווייטנס — צוליב דער קלאָרער אַנאַליזע פון דער לאַגע. און מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז ערנסט בעווין איז נאָך דאַן געווען באַקאַנט אַלס פריינט פון ציוניזם. ערשט שפּעטער האָט ער אַרויסגעוויזן זיין אמת׳ן פּרצוף.

אין פרילינג 1946 רופט ער אויס פאַר דער געמישטער אַמעריקאַנער־ענגלישער אויספאָרשונגס קאָמיסיע: „אויף אונזער אויפלעבונג אין אונזער מדינה וועלן מיר נישט פאַרציכטן, ווייל זי איז פאַר אונז אַ פראַגע פון לעבן אָדער טויט". און ער האָט פאַרגעזעצט די פּאָליטיק פון אידישער מלוכה׳שאַפט. ער איז ווייטער געגאַנגען דעם וועג פון לעבן.

אַכצטער קאַפּיטל

מדינת ישראל

דאָס רייכע, פאַרצווייגטע לעבן פון דוד בן־גוריון האָט אין די חדשים צווישן דעם 29טן נאָוועמבער 1947 ביז דעם 14טן מאַי 1948, געהאַט אַ זייער דראַמאַטישן פאַרלויף, וואָס נאָר געציילטע מענטשן אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק האָבן די זכיה אַזעלכעס מיטצומאַכן. דאָס זיינען די חדשים צווישן דעם באַשלוס פון יו־ען וועגן צעטיילן ארץ ישראל און די שאַפונג פון אַ אידישער מדינה אין אַ טייל פון איר, ביז די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל.

דער פּאָליטישער קאַמף פאַר דער גרינדונג פון אַ אידישער מדינה אין ארץ ישראל פאַר וועלכער ער האָט זיך אַזוי אייפעריק איינגעשטעלט אַלע יאָרן פון זיין עפנטלעכער אַרבעט, סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך, סיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און סיי אויסערהאַלב דער אידישער וועלט, האָט זיך פאַקטיש געענדיקט מיטן אַקט פון יו־ען פון 29טן נאָוועמבער 1947. דער ערשטער טייל פון דער דראַמע איז אָפּגעשפּילט געוואָרן, און דער פאַרהאַנג פאַרן צווייטן אַקט פון דער דראַמע, האָט זיך אויפגעהויבן.

אין לעבן פון ישוב איז אַריינגעטראָטן אַ צייט־אָפּשניט אין וועלכן מ׳האָט דעם דערגרייכטן פּאָליטישן נצחון געדאַרפט פאַר־ווירקלעכן אין טאַט, טראָץ דער קעגנערישער איינשטעלונג פון דער גאַנצער אַראַבישער וועלט און טאָץ די שטערונגען פון מאַנכע גרויסע מלוכות. אין קאַן איז געשטאַנען דער טויזנט יעריקער חלום

פון „שיבת ציון", די דערגרייכונגען פון 70 יאָר קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט אין ארץ ישראל און 50 יאָר ציוניסטישע באַוועגונג. און מיר מוזן דאָ נאָכאַמאָל זאָגן, אַז ווען נישט די איינשטעלונג פון בן־גוריון וואָלט דער גאַנצער באַשלוס פון יו־ען נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג.

די איינשטעלונג פון בן־גוריון איז געווען די פון אַ רעאַלן פּאָלי־טיקער. זייט ער איז געקומען צו זיין פּאָליטישן באַוואוסטזיין האָט ער אַלעמאָל געפּרעדיקט, אַז מיר טאָרן זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין, אויף די אייגענע כוחות. די דאָזיקע איינשטעלונג האָט אים אין דער יוגנט געפירט צו דער גרינדונג פון דער זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע אין זיין היים־שטעטל פּלאָנסק. און די זעלביקע איינשטעלונג האָט ער געהאַט ווען דער ישוב איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר גרויסע געשעענישן. זיין לאָזונג איז אַלע מאָל געווען: „אָריענטירן זיך אויף די אייגענע כוחות".

די אַלע יאָרן פון דער „הגנה", זייט זי איז געגרינדעט געוואָרן, איז בן־גוריון געווען מיט איר זייער ענג פאַרבונדן. און צוליב זיין איינשטעלונג „אויף די אייגענע כוחות", האָט ער זיך אויך גענומען אינטערעסירן מיט מיליטערישע פראַגן, גענומען שטודירן מילי־טערישע ליטעראַטור, און ער איז געוואָרן גוט באַהאַוונט אין דעם דאָזיקן קעגנשטאַנד. מיטן איבערנעמען דעם אַמט פון פאָרזיצער פון דער אידישער אַגענטור אין ירושלים, האָט ער זיך אויך גע־נומען אָפּגעבן מער מיט דער פראַגע פון שוץ פאַרן ישוב, און ממילא אויך מער מיט דער „הגנה".

אַן אָפּשפּיגלונג פון יענע דראַמאַטישע טעג און וואָכן אין ארץ ישראל, וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ, געפינען מיר אין זיין בוך „בהלחם עם" (אין אידישער איבערזעצונג: „ישראל אין קריג") — אַ זאַמלונג פון זיינע רעדעס און באַריכטן פון יענער היסטאָרישער צייט. אויך איצט, נאָך פיר יאָר מדינת ישראל, ווען מיר לייענען דאָס בוך, ווערן מיר באַהערשט מיט יענער אויסערגעוויינלעכער שפּאַנונג.

אויפן פּאָרום און הינטער די קוליסן פון פעלקער פאַרבאַנד גייט ווייטער אָן דער קאַמף אַרום דער שאַפונג פון דער אידישער מדינה. אָבער ער באַטייליקט זיך ניט אין יענעם פּאָליטישן געראַנגל. דאָס טוען זיינע קאָלעגן פון ארץ ישראל און די אָנפירער פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן. ער באַטייליקט זיך אויך נישט אין דער זיצונג פון אַקציאָנס קאָמיטעט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין הערבסט 1947 אין דער שווייץ. ער קומט יאָ צופליען קיין צוריך. האַלט אָפּ געהיימע פאַרזאַמלונגען און פאַרזיכערט דעם בודזשעט פון דער „הגנה" און פליט גלייך אָפּ צוריק. אין די איבעריקע זיצונגען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט נעמט ער נישט קיין אָנטייל.

די צייט איז קורץ און די אַרבעט, וואָס שטייט אים פאָר איז געוואַלדיק גרויס. ער זעט דאַן זיין איינציקע אויפגאַבע: צוצוגרייטן דעם ישוב מיליטעריש, אַז ער זאָל זיך קאָנען פאַרטיידיקן. ער פאַרלאָזט דעריבער נישט ארץ ישראל. ער פאָרט אַרום איבערן לאַנד און טרעפט זיך מיט גרופן און יחידים פון דער „הגנה" און קנעלט מיט זיי איין די ניי־געשאַפענע לאַגע און וואָס עס שטייט פאָר פאַרן ישוב און זיינע שוץ־קרעפטן. ער האַלט אָפּ געשפּרעכן מיט טויזנטער „הגנה"־פירער, העכערע און נידעריקע מיליטער לייט, וועלכע וועלן דאַרפן אָנפירן דעם באַפרייאונגס קריג. לייענט איר היינט זיינע אויסערונגען פון יענער צייט ווערט איר נשתומם ווי אַזוי ער האָט דאַן קלאָר פאָראויסגעזען די לאַגע.

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ספּעציעל איינגעלאַדענע אין תל־אביב, פון 21טן יאַנואַר 1948, וועגן די פּראָבלעמען פון זיכערקייט און פאַרטיידיקונג, האָט זיך בן־גוריון צווישן אַנדערע געאויסערסט:

— „איידער און בשעת ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס (פון די פאַראייניקטע פעלקער) בין איך געווען איינער פון די, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו וואָרענען דעם ישוב, אַז דער באַשלוס פון יו־ען איז נאָר אַ מאָראַלישער, פּאָליטישער און געזעצאַרטיקער, און אַז דיווירקלעכע, פּאַקטישע, עקזעקוטיווע דעציזיע

וועט פאַלן דאָ און נאָר דאָ, און מיט אונזערע אייגענע כוחות. אויף דער פּלענאַרער זיצונג פון ועד לאומי, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב אייניקע טעג פאַרן אָננעמען דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער יו־ען האָב איך געזאָגט: „די צייט־שטרעקע, וואָס מיר דאַרפן דורכגיין פון היינט ביז צו דער גרינדונג פון דער מדינה, איז אפשר נישט קיין לאַנגע; וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילן 8־9 חדשים אין דער געשיכטע פון אַן אור־אַלט פאָלק? אָבער דווקא די דאָזיקע שטרעקע איז אַ דעצידירנדיקע; אין איר זיינען צונויפגעקנוילט די גרעסטע און שווערסטע געפאַרן, און אויב מיר וועלן נישט באַוויזן צו פאַרמיידן זיי אָדער צו באַזייטיקן זיי — וועלן מיר נישט דערגיין צו דער מדינה".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „וואָס מער עס דערנענטערט זיך די בריטישע עוואַקואַציע, וואָס מער עס שטייגט די צופאַלונג פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט — אַלץ מער קאָן די לאַגע ערגער ווערן. די נאָענטסטע מאָנאַטן וועט זיך די מלחמה וואַרשיינלעך פאַרשפּרייטן אויף נייע געביטן, עס וועלן זיך פאַרמערן די כוחות פון־דער־פרעמד־אָנגעקומענע אַראַבער, עס וועט זיך אויך פאַרמערן זייער געוועהר און זייער קריגס־טעכניק וועט זיך וואַרשיינלעך פאַרפולקאָמען, אַזוי אַז אין 3־4 מאָנאַטן אַרום קען די מלחמה גריילעך דערגרייכן איר הויכפּונקט. דאַרפן מיר גרייט זיין".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— „מלחמה איז — דער העכסטער עקזאַמען פאַר אַ פאָלק. קאָן אַ פאָלק נישט אויסהאַלטן דעם דאָזיקן עקזאַמען — מוז עס אונטערגיין. מלחמה — איז מער ווי אַן עקזאַמען פון כוח, אָדער אַן עקזאַמען פון ווילנס־קראַפט. מיר זיינען איצט געשטעלט געוואָרן פאַר דער העכסטער פּראָבע פון אונזער נאַציאָנאַלן ווילן. נישט אַ סך פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן אין פאַרלויף פון דער געשיכטע אַזאַ עקשנות'־דיקן און העראָאישן עקזיסטענץ־ווילן, ווי עס האָט אַרויסגעוויזן

דאָס אידישע פאָלק, און עס איז פיליכט נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי שווער און ביטער געפּרואווט ווערן, ווי מיר אידן. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַרן גרעסטן פיזישן כוח. נאָפּאָ־לעאָנס באַקאַנטער מיליטערישער כלל, אַז די מאָראַלישע קראַפט איז וויכטיקער פאַר דער פיזישער, איז אַמבעסטן דערוויזן געוואָרן דורך דער אידישער געשיכטע.

— „מיר וועלן נישט קעמפן בלויז מיט גייסט; מיר וועלן זיך שלאָגן — בחיל ובכוח. אָבער דער „חיל" און דער „כוח" וועלן געלייטערט ווערן דורך דעם אומבויגזאַמען גייסט, דעם גייסט פון אייביקן פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון אונטערגעבן זיך".

אָט דער דאָזיקער גייסט, דער מיסטישער גלויבן אין „נצח ישראל לא ישקר", דער גלויבן אין גרויסן אידישן מאָראַלישן כוח, איז דורכגעוועבט דורך אַלע רעדעס, וואָס בן־גוריון האָט אין יענער קורצער צייט־אָפּשניט געהאַלטן, אין יענע באַדייטונגספולע וואָכן און חדשים, ווען די אידישע מדינה איז געשטאַנען אויף דער וואָג־שאָל.

און דער דאָזיקער גלויבן זיינער האָט אָנגעשטעקט נישט נאָר דער יוגנט, וועלכע איז געגאַנגען זיך אָפּפערן פאַר דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט, נאָר אויף די מיושב׳דיקע פירער פון ישוב, וואָס אין זייערע הענט איז געלעגן דער באַשלוס: יאָ פּראָקלאַמירן אַ אידישע מדינה — נישט פּראָקלאַמירן! און אין דער ערשטער רייע די פרומע אידן, וועלכע האָבן אים געשטיצט אין זיין געוואַגטן באַשלוס.

וואָס וועט זיין אויף מאָרגן נאָך דער עוואַקואַציע פון די ענגלענדער? וואָס וועט זיין אויף מאָרגן נאָך דעם ווי דער ענגלישער מאַנדאַט וועט זיך ענדיקן? היינט, פיר יאָר נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל קאָן זיך אפשר מאַנכע אויסדוכטן, אַז דער ישוב איז געגאַנגען מיט אַ לייכט געמיט צו זיין זעלבסטשטענדיקייט, צו

זיין אומאָפּהענגיקייט — אויב אַזוי האָבן זיי אַ גרויסן טעות. די פריער דערמאָנטע פראַגן האָבן שטאַרק געעגבערט אין די מוחות פון אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג. און מיט יעדן טאָג, וואָס איז געקומען נעענטער צום סוף פון מאַנדאַט, נעענטער צו דער עוואַקואַציע פון די ענגלענדער, איז געשטיגן די געשפּאַנטקייט אין לאַנד, די געשפּאַנטקייט אין ישוב.

דער ישוב האָט זיך זייער שטאַרק געוואַקלט אַנצונעמען אַזאַ דרייסטן באַשלוס ווי פּראָקלאַמירן אַן אייגענע, אומאָפּהענגיקע מדינה. עס האָבן זיך געוואַקלט די דרייסטע אָנפירער פון ישוב צווישן זיי אַ סך פון די נאָענטסטע פריינט און פאַרערער פון דוד בן־גוריון.

— איז דאָס נישט אַ צו גרויסע אַוואַנטורע?

— איז דאָס נישט אַ קאָפּ־ברעכנדע אונטערנעמונג?

מאַנכע האָבן זייערע ספקות באַהאַלטן ביי זיך אין האַרצן און האָבן מיט ציטער אין זייער נשמה געוואַרט אויף דער נאָענטסטער צוקונפט; און אַנדערע האָבן זייערע ספקות הויך אויפן קול אַרויסגעזאָגט און געוואָרנט דעם ישוב אויף אַ מעגלעכן אומגליק. אין אַלעמענס הערצער האָט געעגבערט די פראַגע: וואָס וועט זיין ווען די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

נאָר איינער איז געווען שטאַרק ווי אַ פעלז און געוואוסט צו געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער דאָזיקער האַרבער פראַגע: בן־גוריון. זיין קורצע תשובה איז געווען:

— „ווען די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד וועלן מיר עס איבערנעמען!“

פאַר בן־גוריון זיינען יענע וואָכן און חדשים געווען די שווערסטע און דערהויבנסטע אין זיין לעבן, אין זיין פּאָליטישער קאַריערע. מ׳קאָן זאָגן, אַז ער האָט אויף זיינע פּלייצעס דאַן געטראָגן דעם גאַנצן לאַסט פון ישוב. נאָר זיין אויסערגעוויינלעכע אַרבעטס־קראַפט האָט געקאָנט לייסטן דאָס, וואָס ער האָט געלייסטעט אויף אַלע געביטן, און הויפּטזעכלעך אויפן מיליטערישן געביט. און נישט נאָר

דאָס: מיט זיין גאַנצער ענערגיע האָט ער געזוכט צו איבערצייגן דעם ישוב, אַז פון דער געשאַפענער לאַגע איז דער בעסטער אויס־וועג די פּראָקלאַמירונג פון אַ אידישער מדינה. אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט ער געזוכט צו באַגייסטערן די „הגנה" און אירע אָנפירער, געזוכט צו איבערצייגן זיינע פריינט און צווייפלער, גע־זוכט צו דערמוטיקן זיינע נאָכפאָלגער.

און למען האמת מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַ סך דערמוטיקונג האָט ער געהאַט אין דער שטעלונג פון די מזרחי־פירער, וועלכע האָבן, אַזוי ווי ער, געהאַלטן פאַר דער באַלדיקער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה.

ענדע מערץ 1948 איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג פון אומאָפּהענגיקייט. ס'איז דאַן געשאַפן געוואָרן דער פאָלקס־ראַט און פאָלקס־פאַרוואַלטונג פון די עקזיסטירנדע צוויי קערפּערשאַפטן: פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענ־טור און פון ועד לאומי. דער פאָלקס־ראַט האָט געדאַרפט דינען אַלס מין פאַרלאַמענט און פאָלקס־פאַרוואַלטונג — אַלס מין רעגירונג.

עס איז דאַן קלאָר געוואָרן, אַז אין דער געשאַפענער לאַגע איז אומדערלאָזבאַר ס'זאָלן עקזיסטירן צווייערליי באַזונדערע און קאָנ־קורירנדע מאַכטן, וועלכע טוען די זעלבע אַרבעט, ווי זיכערקייט, אַפּראָוויזאַציע, צושטעלונג פון מענטשן מאַטעריאַל און דאָס גלייכן. און ס'איז געווען פאַר אַלעמען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך דאָס דוד בן־גוריון זאָל שטיין אין שפּיץ פון דער פּראָוויזאָריש־געשאַפענער פאָלקס־רעגירונג.

די ענגלישע עוואַקואַציע פון ארץ ישראל איז פאָרגעקומען אַ חודש פריער, פאַר דעם באַשטימטן טערמין. דער ענגלישער מאַנ־דאַט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט צוויי און אַ האַלב חדשים פריער, ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אין לייק סוקסעס. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט נישט בדעה זיך צו רעכענען מיט די באַשלוסן פון יו־ען, און אַז די אויספיר־אָרגאַנען פון פעלקער פאַר־

באַנד זײַנען פֿולשטענדיק מאַכטלאָז. דאָן איז אויך פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין באַצוג צו דעם חלוקה־פּלאַן און דער שאַפֿונג פֿון אַ אידישער מדינה.

איניקע טעג אײדער די ענגלענדער זײַנען אַוועק פֿון ארץ ישראל איז משה שרת — דאַן משה שערטאָק, — װעלכער האָט זיך צו יענער צײַט געפֿונען אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן, אײַנגעלאַדן געװאָרן פֿון דזשאָדזש ס. מאַרשאַל, מלוכה־סעקרעטאַר פֿאַר אויסער־לעכע אָנגעלעגנהײטן, קײן װאַשינגטאָן. דער אַמעריקאַנער דיפּלאָ־מאַט האָט מיט אים געהאַט אַן ערנסטן געשפּרעך און געגעבן אָנצו־הערעניש, אַז ס׳װעט זײַן נישט גוט פֿאַרן ישוב אויב ער װעט איצט פּראָקלאַמירן די אידישע מדינה. ער האָט געבעטן איבערצו־געבן די פֿירער פֿון ישוב, אַז זײ זאָלן זיך איצט אָפּהאַלטן פֿון דעם דאָזיקן אַקט, ביז אַ שפּעטערדיקן טערמין. שרת איז דאַן גלײַך אָפּגע־פֿלויגן קײן ארץ ישראל מיט דער דאָזיקער אומאַנגענעמער שליחות. די נײַע שטעלונג פֿון װאַשינגטאָן, פֿון סטייט דעפּאַרטמענט, האָט נאָך מער צעטומלט די פֿירער פֿון ישוב. דער אײנציקער, װאָס איז גע־בליבן פֿעסט בײַ זײַן באַשלוס, אָן ספקות, אָן װאַקלענישן איז געװען בן־גוריון, און אויף אַלע אײַנװענדונגען פֿון די סקעפּטיקער, פֿון די צװײפֿלער, האָט ער געהאַט אײן ענטפֿער: — „מה שלא יהיה, אנחנו נכריז את המדינה!״ — װאָס עס זאָל נישט זײַן, מיר װעלן פּראָקלאַ־מירן די מדינה!

און דער זײגער פֿון דער געשיכטע האָט זיך װײַטער גערוקט, און זײער שנעל גערוקט. עס איז שױן דער חודש מאַי, און אָט־אָט ענדיקט זיך דער ענגלישער מאַנדאַט. ערשט אַ פּאָר טעג פֿאַר דער עװאַקואַציע פֿון די ענגלינדער האָט בן־גוריון געבעטן אײנעם פֿון זײַנע נאָענטע מיטאַרבעטער, אַז ער זאָל צוגרײטן אַלץ, װאָס עס איז נױטיק צו דער צערעמאָניע פֿון פּראָקלאַמירן די אידישע מדינה, אײַנאָרדנען דעם זאַל אײַנלאַדן די געסט — און ער אַלײן האָט זיך גענומען צוצושלײַפֿן דעם נוסח פֿון דער אומאָפּהענגיקײטס דעקלאַ־

ראַציע, וועלכע איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ קליינער קאָמיסיע פון דער פאָלקס פאַרוואַלטונג.

נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען און באַוואָרעניַשן, סיי די פון דער אַראַבישער וועלט און סיי די פון געוויסע דעמאָקראַטישע לענדער, איז די אידישע מדינה מיטן נאָמען „ישראל" געשאַפן געוואָרן פרייטאָג, ה' אייר תש״ח, דעם 14טן מאַי 1948, אַ טאָג פאַר דעם אָפּלויף פון ענגלישן מאַנדאַט. די אומאָפּהענגיקייטס דעקלאַראַציע, געשריבן אין פאַטעטישע, האַרציקע ווערטער, איז דורכגעליינט געוואָרן דורך דעם פּרעמיער דוד בן־גוריון אויף דער פייערלעכער זיצונג אין תל־אביב'ער מוזיי־זאַל. די פאַרזאַמלטע מאַסן האָבן גע'יובל'ט צו דער גרויסער היסטאָרישער געשעניש, ווען נאָך אַן איבעררייס פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר איז ווידער אויפגעשטאַנען מדינת ישראל.

אַט דער דאָזיקער טאָג איז געווען דער גליקלעכסטער אין לעבן פון דוד בן־גוריון, דעם אַמאָליקן פּלאָנסקער בחור'ל דוד יוסף גרין, וועלכער האָט פון דער צווייטער עליה אָן דורכגעמאַכט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון ישוב, און האָט אין אַ גרויסער מאָס אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, דורכגעטראָגן דעם פּאָליטישן געראַנגל פאַר דער אידישער אומאָפּהענגיקייט.

אָבער דער דאָזיקער גרויסער פּאָליטישער אַקט איז געווען נישט גענוג. כמעט גלייכצייטיק מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה האָט זיך אויך אָנגעהויבן די פיינטלעכע אינוואַזיע פון די אַראַבישע מלוכות, וועלכע זיינען געווען גוט באַוואָפנט און צוגעגרייט, מיטן צוועק צו פאַרניכטן דעם גאַנצן ישוב. מיט אַ מורא'דיקן ציטער אין האַרצן האָט די גאַנצע אידישע וועלט נאָכגעפאָלגט דעם פאַרלויף פון קאַמף, וואָס האָט אויסגעזען אַ פאַרצווייפלטער פאַר דעם אידישן צד.

די וועלט האָט אָבער איבערגעלעבט אַ גרויסע איבעררעשונג. ס'איז פאַרגעקומען אַ נס פון אידישער העלדישקייט און אָרגאַני־

זירטער פעאיקייט. מיט דאָס ביסעלע וואפן, וואָס דער ישוב האָט פאַרמאָגט, האָט ער אָפּגעהאַלטן דעם מאַרש פון דער אַראַבישער אינוואַזיע, און האָט כמעט ווי פאַרניכטעט די מיליטערישע כוחות פון שונא. און דוד בן־גוריון איז באַרימט געוואָרן אויך אַלס מילי־טערישער פירער.

אין די חדשים פון קריג איז דער באַוועגלעכער בן־גוריון גע־וואָרן נאָך מער באַוועגלעך. וועגן זיך — האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. זיינע געדאַנקען זיינען געווען אינגאַנצן קאָנצענטרירט אַרום די קריגס־פראָנטן. און נישט נאָר מיט די געדאַנקען אַליין. איר האָט אים אינדערפרי געקאָנט טרעפן אויף איין פראָנט־אָפּשניט, מיטאָג־צייט — אויף אַן אַנדערן, און אין אָוונט אויף אַ דריטן פראָנט־אָפּשניט. און מיט אַלץ האָט ער זיך אינטערעסירט, מיט יעדער פּרט, און נישט נאָר מיט אַלץ, נאָר אויך מיט אַלעמען, מיט יעדן קעמפער. און ער האָט אויך איבערגעלעבט די פערזענלעכע ליידן פון די קעמפער. איר האָט אים אין דאַן געפילט נישט נאָר דעם פאַרהאַרטעוועטן מיליטערישן פירער, נאָר אויך דעם וואַרעמען, איבערגעגעבענעם מענטש.

נײנצנטער קאַפּיטל

פּרעמיער און פּאַרטײדיקונגס־מיניסטער

ד וד בן־גוריון האָט נישט לאַנג צוריק אַריבערגעטראָטן זײַן 65טן לעבנס־יאָר. אָבער נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן בכבוד׳יקן עלטער — „בן ששים לזקנה״ — האָט זיך זײַן אַרבעטס־לוסט און זײַן אַרבעטס־קראַפט אויף קײן האָר נישט פאַרמינערט. ער באַזיצט נאָך זײַן אויסערגעװײנלעכע ענערגיע, װי װען ער איז געװען אַ יונגערמאַנטשיק. זײַנע אַן אַלטע טעאָריע איז, אַז „די עלטער איז נישט קײן ביאָלאָגישער באַגריף, נאָר אַן ענין פון גײַסט״. און די דאָזיקע טעאָריע איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו אים אַלײן. ער איז נאָך יונג אין גײַסט אַזוי װי אין מעשים.

ער איז דער אַממײסטן אַרבעטסזאַמער מענטש אין לאַנד. שטעלט זיך פאָר: די בן־גוריונ׳ס פאַרמאָגן צװײ הײמען. אײן הײם אין תל־אביב, די אַלטע הײם, װעלכע זײ האָבן אײַנגעאָרדנט װען װען זײ זײַנען נאָך געװען יונגע מענטשן, און די צװײטע — אין ירושלים, נאָכדעם װי ער איז דערװײלט געװאָרן אַלס פּרעמיער. װען ער איז נישט אויף אײנע פון זײַנע קורצע אורלויבן — פאַר־ברענגט ער אײן האַלבע װאָך אין אײן שטאָט, און די צװײטע האַלבע װאָך — אין דער צװײטער שטאָט. אין ירושלים געפינט זיך כמעט די גאַנצע רעגירונג, די כנסת, מוז דאָרט אויך זײַן דאָס ביוראָ פון פּרעמיער מיניסטער. אין תל־אביב, דאַקעגן, געפינען זיך אַלע פּאַרטײ־אַנפירונגען, מיט װעלכע אים קומט אויס אָפט צו

פאַרהאַנדלען, און אויך זיין אייגענע פאַרטיי. אויסער דעם געפינען זיך אין תל־אביב, אַזוי ווי אין ירושלים, אָפּטיילונגען פון פאַרטיידי־קונגס־מיניסטעריום. זיין אַמט, אַלס פאַרטיידיקונגס מיניסטער, איז זיין צווייטער אַמט אין דער רעגירונג, און לויט זיין חשיבות — אפשר גאָר דער ערשטער, און מ׳קאָן אים נישט פאַרנאַכלעסיקן.

עס איז אויך באַקאַנט, אַז ער נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין דער אויסערן פּאָליטיק פון לאַנד, טראָץ דעם וואָס די רעגירונג האָט איר באַזונדערן אויסערן מיניסטער. קיין זאַך ווערט אין דער אויסערן פּאָליטיק נישט באַשטימט, נישט באַשלאָסן אָן זיין צושטימונג. פּאָליטיק איז דאָך זיין „פערדל״ אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן.

אויסער דעם זאָרגט ער אויך אַ סך פאַר די פינאַנסן פון לאַנד, פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל. אויך אויף דעם געביט דאַרף מען האָבן שוואונג, דאַרף מען האָבן וויזיע. אַט די אַקציע פון באַקומען אַ ביליאָן דאָלאַר פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין ישראל אין פאַרלויף פון דריי יאָר — איז אויך זיינען אַן אויפטו. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, ווערט דערציילט אַן אינטערעסאַנטער פאַל:

אליעזר קאַפּלאַן, דער פינאַנס־מיניסטער, איז צו אים איין מאָל אַריינגעקומען זייער אַ פאַרזאָרגטער. וואָס איז? ער דאַרף האָבן זייער דרינגנד פינף מיליאָן דאָלאַר און ער האָט זיי נישט.

— „געוויס״ — האָט זיך בן־גוריון צו אים אָנגערופן — „ווען זי נישט האָבן. פאַרלאַנג אָבער אַ ביליאָן דאָלאַר — און דו וועסט זיי קריגן. אַט וועסטו זען!״

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער נאָך דעם דאָזיקן קורצן געשפּרעך מיט אליעזר קאַפּלאַן, זיינען, אין אָקטאָבער 1950, צוזאַמענגערופן געוואָרן קיין ירושלים פופציק פון די איינפלוסרייכסטע אידישע פערזענלעכקייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און דאָרט איז באַ־שלאָסן געוואָרן וועגן דער שאַפונג פון אַ ביליאָן דאָלאַר פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער אידישער מדינה: 500 מיליאָן

דורך פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע די אנלייע פון מדינת ישראל און נאָך פינף הונדערט מיליאָן דאָלאַר — פון אַנדערע קוועלן.

דוד בן־גוריון באַזיצט אַ פילזייטיקע בילדונג. ער איז באַ־האַוונט און פאַראינטערעסירט אין מערערע וויסנשאַפטלעכע צווייגן. ער קאָן אויסגעצייכנט פילאָזאָפיע, געשיכטע, סאָציאַלע וויסנשאַפטן, יהדות און אַנדערע, און מאַנכע פון זיינע ידיעות האָבן אַ ספּעציעלע שייכות צו דעם אָדער יענעם מיניסטעריום. דעריבער, אויסער זיינע צוויי אָפיציעלע אַמטן, און אויסער זיין גרויסן אינטערעס אין אויסערן פּאָליטיק און אין פינאַנס־פראַגן, האָט איר אויך זיין איינפלוס, מער אָדער ווייניקער, אין די איבעריקע מיניסטעריומס. ער לעבט און אָטעמט מיט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד; מיט אַלץ, וואָס עס גייט אָן אין דער רעגירונג, נישט ווייל דאָס פאָדערט זיין פּרעמ־יער אַמט, נאָר ווייל ער איז בן־גוריון, ווייל ער פאַרמאָגט אַזאַ איבערגעגעבענע נאַטור. אָבער צוליב דער דאָזיקער איבערגעגע־געבנקייט זיינער — באַשולדיקן אים זיינע פּאָליטישע קעגנער אין דיקטאַטאָרישע נייגונגען. דאָס איז אָבער אינגאַנצן אַ פאַלשע באַ־שולדיקונג!

ער איז אַ דעמאָקראַטישער מענטש, און שטייט שטאָל און אייזן פאַר דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. מיט זיין גאַנצער נשמה איז ער איינ־געשטעלט קעגן דיקטאַטאָרישע פּירונגען. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער אויפגענומען דעם „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער חנא גאָטעס־פעלד. אַנשטאָט אינטערוויואירט צו ווערן האָט ער אינטערוויואירט

— „זאָגט מיר" — האָט בן־גוריון זיך צו אים געווענדעט — וואָס האָט אויף אייך געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אין דער יונגער אידישער מדינה?" — „דעם שטאַרקסטן איינדרוק" — האָט אים חנא גאָטעספעלד געענטפערט — „האָט אויף מיר געמאַכט ווען איך האָב אין תל־אביב געהערט ווי אַ שיכור׳ער סאָלדאַט האָט געשאָלטן דעם ראש הממשלה און קיינער האָט אים גאָרנישט געטאָן דערפאַר".

אויף דעם האָט אים בן־גוריון געענטפערט: — „כל זמן איך וועל זיין אין דער רעגירונג וועל איך זיך באַמיען אָפּצוהיטן די דאָזיקע פרייהייט, אַז די מענטשן אין גאַס זאָלן מעגן שילטן דעם פּרעמיער!“

און דאָס איז נישט קיין פּוסטע פּראַזע. זיין דעמאָקראַטישקייט קאָנט אַרויסדרינגען פון אַ סך קלייניקייטן. און עס האָט אויך געטראָפן, אַז אַן איראַקישער איד האָט באַשלאָסן דאָס דער פּרעמיער פון ישראל מוז זיין דער סנדק ביי זיין ניי־געבוירענעם זון — און אויך אין דעם פאַל האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבן דעם ווילן פון פאָלק...

מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן בן־גוריונס באַשעפטיקונגען אין און אַרום דער רעגירונג. דער פּרעמיער פון ישראל — האָט אָבער אויך אַנדערע פליכטן. איר טרעפט אים אויף אַלע וויכטיקע קאָנפערענצן אין לאַנד, סיי פּראָפעסיאָנעלע, סיי ווירטשאַפטלעכע און סיי קולטורעלע, וואו ער האַלט אויך זייער אָפט רעדעס; איר טרעפט אים אויף פאַרשיידענע פייערונגען אין לאַנד, און אָפטמאָל אויך אויף פּריוואַטע שמחות; איין טאָג טרעפט איר אים אין חיפה און אַ צווייטן טאָג — אין אילת, אַמאָל אין באר־שבע און אַנדערש מאָל — אין פּתח־תקוה; ער איז פירער פון מפא״י און מוז אָפט נאָכקומען די פאַרלאַנגען פון זיין פּאַרטיי, וועלכע וויל אים האָבן אין איר מיטן; דאָ זיינען כנסת וואַלן און דאָרט — מוניציפּאַליטעט וואַלן; דאָ דאַרף ער זיך טרעפן מיט די פירער פון איין פּאַרטיי, און דאָ — מיט די פירער פון אַן אַנדער פּאַרטיי.

און ער פירט זיך נישט ווי מיניסטאָרן אין אַנדערע לענדער, וועלכע ערלויבן זייערע סעקרעטאַרן צו דיקטירן זייערע בריוו און שרייבן פאַר זיי זייערע רעדעס. דאָס פּראַקטיצירט ער נישט. עס איז נישט לויט זיין גייסט. ער מוז אַליין דיקטירן זיינע בריוו אָדער שרייבן זיי מיט דער האַנט און ער האַלט אויך אַליין זיינע אייגענע רעדעס.

די וויכטיקסטע רעדעס זיינע פאַר די לעצטע פיר יאָר, פון מיטן 1947 ביז מיטן 1951, זיינען די דריי בענדער, וואָס זיינען לעצטנס פון אים דערשינען: דער באַנד „בהלחם עם" און די צוויי בענדער „חזון ודרך". און זיי אַנטהאַלטן נישט סתם רעדעס, נאָר געשליפענע אָפּהאַנדלונגען, וויכטיקע עסייען וועגן סאָציאַלע און פּאָליטישע געגנשטאַנדן. אָט פאַר די דאָזיקע ביכער האָט ער דאָס באַקומען דעם ביאַליק־פּרייז פאַרן יאָר תשי"ב פון דער שטאָט תל־אביב. די ריכטער, וועלכע האָבן אים צוגעטיילט דעם דאָזיקן וויכטיקן ליטעראַרישן פּרייז, האָבן קלאַסיפיצירט זיינע ביכער אין דער קאַטעגאָריע פון „חכמת ישראל".

און דער פּרעמיער מיניסטער פון ישראל האָט זייער אַ לאַנגן און שווערן אַרבעטס־טאָג. שוין אַכט אַזייגער אין דער פרי קומט ער אין זיין ביוראָ, וואו ער אַרבעט אומאונטערבראָכן פינף שעה, ביז איינס בייטאָג. און שפּעטער — פון פיר נאָכמיטאָג ביז אַכט אין אָוונט. צווישן איינס און פיר איז ער אין דער היים, וואו ער עסט מיטאָג און רוט זיך אויס אַביסל. אַכט אין אָוונט איז ער ווידער אין דער היים. אָבער דאָן ענדיקט זיך נאָך נישט פאַר אים זיין אַרבעטס־טאָג. אָפטמאָל קומט אים אויס צו אַרבעטן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. די שפּעטערדיקע אָוונט־שעה'ן ווידמעט ער אָבער ס'רוב פאַר זיך, אויף לערנען און שטודירן זיינע באַליבטע געגנשטאַנדן, אָדער אויף זיין „האָבי" — צו לערנען און לייענען די אַלט־גריכישע ליטעראַטור אין אָריגינאַל.

דאָס אַלץ איז אָבער גערעדט וועגן אַ געוויינלעכן אַרבעטס־טאָג, ווען ער האָט זיך נאָרמאַלע באַשעפטיקונג, אָדער נעמט אויף זיינע אינטערעסאַנטן לויט אַ פריער באַשטימטן פּראָגראַם. אין אַן אויסערגעוויינלעכן אַרבעטס־טאָג — און אַזעלכע טעג זיינען פאַראַן אַ סך — ווערט דער סדר־היום פון פּרעמיער פעסטגעשטעלט לויט די אייליקע ענינים, וואָס ער האָט צו ערליידיקן, און אַלע זיינע מיט־אַרבעטער פּאַסן זיך צו צו זיין אַרבעטס־טעמפּאָ. אין אַזעלכע

טעג פאַסירט אָפט, אַז מענטשן ווערן איינגעלאַדן צו אים גאַנץ פרי אָדער זייער שפעט ביינאַכט. ווען ער שטעלט פעסט אַ סדר־היום פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן אַרבעטס־טאָג, זאָגט ער שטענדיק זיינע יונגע מיטאַרבעטער:

— „איך וועל נישט מיד ווערן — אפשר וועט איר מיד ווערן?"

בן־גוריון איז באַוואוסט אַלס מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַק־טער, אַלס תקיף. אָבער אין זיין באַנעמען מיט די מיטאַרבעטער איז ער זייער איינפאַך און מילד, און ער איז שטענדיק גרייט צו לערנען אַפילו פון זיינע סעקרעטאַרן. אַן ענין הויבט ער אָן צו שטודירן פון „אלף", און נאָך דעם ווי ער האָט די זאַך גרינטלעך באַנומען — זאָגט ער אַרויס זיין מיינונג. און ערשט דאַן זעט מען ווי טיף ער איז אין דעם ענין אַריינגעדרונגען. די, וועלכע דאַרפן אויספירן זיינע אָנווייזונגען — זיי איז נישט לייכט נאָכצוהאַלטן דעם טעמפּאָ פון זיין אַרבעט. זיין געדאַנק איז קלאָר, זיין ווילן איז שטאַרק, און ער האָט אַ באַזונדער פעאיקייט אָנצושטעקן מיט התלהבות די מענטשן, וועלכע אַרבעטן מיט אים.

אַזוי אויסערן זיך וועגן אים זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער.

דאָס אַרבעטס־צימער פון פרעמיער איז קליין און באַשיידן. אויפן טיש נעבן אים ליגט אַ תנ"ך, אַ קאָנקאָרדאַנץ צום תנ"ך און עס שטייט דאָס בילד פון זיין פאַרשטאָרבענעם פריינט און חבר בערל קאַצענעלסאָן. אין זיין צימער הענגט אויף די מאַפּע פון מדינת ישראל. דאָרט געפינט זיך אויך אַ טאָפּאָגראַפישע רעליעף מאַפּע פון גליל. אויפן טיש געפינען זיך נאָך: די זאַמלונג פון די כנסת־פּראָטאָקאָלן און נאָך איניקע ביכער, צווישן זיי מאַנכע פון זיינע אייגענע שריפטן. נעבן טיש שטייען עטלעכע באַקוועמע שטולן, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר געסט.

און אָט פון דעם דאָזיקן קליינעם און באַשיידענעם צימער ווערט אָנגעפירט מדינת ישראל.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער מענטש

אַויב שטימונגען איז אַן אייגנשאַפט פון קינסטלער, איז בן־גוריון אַ גרויסער קינסטלער. ער איז אַ מענטש, וואָס ווערט אָפט באַהערשט פון שטימונגען. אַלס פּרעמיער און פאַרטיידיקונגס־מי־ניסטער ; אַלס מענטש, וואָס שטייט היינט אין צענטער פון עפנטלעכן לעבן אין דער יונגער אידישער מדינה, האָט ער פאַרשיידענע פליכטן. און צווישן די פליכטן, וואָס זיינע הויכע אַמטן צווינגען אויף אים אַרויף, איז אויך שטיין אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די בירגער פון לאַנד : אויפנעמען מענטשן, איינלאַדן געסט צו זיך אַהיים, טרעפן זיך מיט אויסלענדישע פאַרטרעטער, ערשיינען אויף פייערלעכ־קייטן און דאָס גלייכן. ער מוז דעריבער היינט באַקעמפן זיינע שטימונגען.

פריער אָבער, איידער ס'איז אַנטשטאַנען די אידישע מדינה, איידער ער איז געוואָרן די צענטראַלע פּערזענלעכקייט אין עפנט־לעכן לעבן, פלעגט ער אָפט אַריינפאַלן אין שטימונגען, וואָס פלעגן אים דערווייטערן פון מענטשן. אָט איז ער אין אַ געזעלשאַפט פון פריינט און חברים, אָט איז ער אין מיטלפונקט פון אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט, און פּלוצלונג באַפאַלט אים אַ באַגער פון זיין אַליין — און ער דערווייטערט זיך פון דער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע שטימונגען האָט ער פאַרמאָגט אַלע זיינע יאָרן, אין אַלע תקופות פון זיין לעבן און ווירקן, און זיי האָבן אים אויך

באַגלייט אומעטום וואו ער איז געגאַנגען און געפאָרן. און זיינע חברים האָבן געוואוסט זיינע שטימונגען און האָבן זיך אויף אים נישט באַליידיקט, ווען זיי האָבן פּלוצלונג דערפילט, אַז ער האָט זיי פאַרלאָזן.

און די דאָזיקע דערשיינונג זיינע ווערט אויך באַגלייט פון אַן אַנדערער, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים: זיין איינגעשלאָסנקייט. ער איז פון דער נאַטור אַ מענטש, וואָס לעבט אין זיך, איינגע־שלאָסן. אין פּריוואַטן לעבן האָט ער דעריבער זייער ווייניק פריינט, פריינט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט — פאַר וועלכע מ׳זאָל אַמאָל אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, ווען דאָרט דריקט עפּעס; פריינט, מיט וועלכע מ׳טיילט זיך פריידן אוןליידן, מיט וועלכע מ׳טיילט זיך איבערלעבונגען. ער האָט אַ סך חסידים, פאַרערער, נאָכפאָלגער, וועלכע וועלן פאַר אים גיין, ווי מען זאָגט „אין פייער און אין וואַסער". ער האָט אַ סך געטרייע, איבערגעגעבענע חברים, אָבער נישט קיין געוויינלעכע פריינט. און מען מוז צוגעבן, אַז ער האָט זייער אַ וואַרעמע באַציאונג צו זיינע חברים, הויפּטזעכלעך צו די חברים פון די אַמאָליקע יאָרן.

אין דער היים, אַלס פאַמיליע־מענטש, איז ער אַ גוטער מאַן און זייער אַן איבערגעגעבענער פאָטער. די בן־גוריונ׳ס פאַרמאָגן: איין זון און צוויי טעכטער. דער זון, עמוס, איז דער מיטלסטער צווישן די קינדער. די טאָכטער, גאולה, איז די עלטסטע, און די טאָכטער, רענגה, איז די מוזינקע. און די מוזינקע, ווי אין דאָס רוב פאַמיליעס, איז „דעם טאַטנס טאָכטער". וואָס זי פאַרלאַנגט — פירט זי ביי אים אויס, און דער שטאַרקער בן־גוריון קאָן זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דער דאָזיקער „שוואַכקייט" צו זיין מוזינקע...

און עס איז דאָ כדאי צו באַמערקן אַ פאַקט, וואָס כאַראַקטערי־זירט אָפּט אַ היינט־ציטיקע אידישע פאַמיליע: זייערע אַלע דריי קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער. גאולה — אין די פאַראייניקטע שטאַטן, עמוס — אין ענגלאַנד, און רענגה —

אין ארץ ישראל. און אפשר אויך דערפאַר, וואָס די מוזינקע איז גע־בוירן געוואָרן אין לאַנד פון זיינע חלומות און האָפענונגען איז זי אַזאַ יחסנ׳טע ביי איר פאָטער. די עלטערע צוויי קינדער זיינען אויך פאַרהייראַט און צו דער משפחה געהערן נאָך פינף אייניקלעך.

די צוויי היימען פון די בן־גוריונ׳ס, וועלכע מיר האָבן דער־מאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, זיינען, אין פאַרגלייך מיט די היימען פון אַנדערע פּרעמיערס, זייער איינפאַכע. די היים אין ירושלים, די אָפיציעלע היים פון פּרעמיער מיניסטער, איז די נייע היים, אַ וואוינונג, וואָס איז אָפּגעדונגען געוואָרן פאַר דעם צוועק. דאַקעגן איז די אַלטע וואוינונג אין תל־אביב — איז אַן אייגענע. בן־גוריונ׳ס תל־אביב׳ער רעזידענץ געפינט זיך אין צפון פון שטאָט, אויף „שדרות קרן הקיימת״. מיט בערך אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק איז אויף יענעם אָרט אויסגעבויט געוואָרן אַ רייע איין־שטאָקיקע קליינע הייזער, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „שכונת העוב־דים״, אַרבעטער־קוואַרטאַל. דער אַרבעטער־קוואַרטאַל איז געלעגן ווייט פון צענטער, אַרום איז געווען אַ ים מיט זאמען, און צוקומען צו די הייזקעס איז געווען זייער שווער. יעדע אַרבעטער־היים, וואָס איז דאָרט אויסגעבויט געוואָרן האָט פאַרמאָגט 3־4 צימערן מיט אַ וועראַנדע. און צווישן יענע אַרבעטער־הייזער האָט אויך דער דע־מאָלטדיקער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער הסתדרות זיך אויסגע־בויט אַ היים, וואָס איז היינט די היים פון פּרעמיער פון ישראל.

ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און עס האָבן זיך אויך פאַרמערט די פאָליצעס מיט ביכער, זיינען די פּאָר קליינע צימערן געוואָרן ענג פאַר דער משפחה, און דאַן האָבן די בן־גוריונ׳ס אויף זייער הייזקע „אַרויפגעצויגן״ נאָך אַ שטאָק. אַהין, אויפן צווייטן שטאָק, האָט בן־גוריון איבערגעטראָגן זיינע ביכער און דאָרט אויך געמאַכט פאַר זיך זיין אַרבעטס־צימער.

אין די ווינטער־חדשים, ווען ס׳איז רעגנדיק אין לאַנד און פון ים בלאָזט אַ קילער ווינט, איז אין ס׳רוב תל־אביב׳ער הייזער

קאַלט און אומגעמיטלעך. די באַלעבאָסטעס, וועלכע זיינען צוגעבונדן צו די הייזער, שלעפּן דאַן אויף זיך אַרויף פאַרשיידענע וואַלענע זאַכן, כדי איבערצוטראָגן די קעלט. אין דעם פּרט איז בן־גוריונ׳ס הויז נישט קיין אויסנאַם. אַן אויסנאַם איז אפשר דאָס „אַנטיקע״ נאַפּט־אויוועלע, וואָס די פאַמיליע פאַרמאָגט. אין אַזעלכע קאַלטע טעג צינדט מען אָן דאָס נאַפּט־אויוועלע און מען שטעלט אויף עס אַרויף אַ טשייניק מיט וואַסער. און סיי די וואַרעמקייט פון דעם אויוועלע און סיי די פּאַרע פון טשייניק — מאַכן אָנגענעמער דאָס אויפנטהאַלט אין שטוב.

אין די ווינטער־חדשים באַקענען זיך מיט דער דאָזיקער „אַנ־טיקער״ באַהייצונג אויך די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, וועלכע באַ־זוכן בן־גוריונ׳ס היים אין תל־אביב.

דזשעימס דזש. מאַקדאָנאַלד, דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין ישראל, דערציילט אין זיין בוך „מאַי מישאַן אין איזראַעל״: איין מאָל אין אַ ווינטער טאָג איז ער געווען געלאַדן צום פּרעמיער אַהיים. ווען ער איז אַריין אין שטוב האָט אים פרוי בן־גוריון געזאָגט, אַז איר מאַן איז ביי זיך אין צימער און אַרבעט. אַמבאַסאַדאָר מאַקדאָנאַלד איז צו אים אַרויף און אים געפונען אין בעט אַרומגעוויקלט מיט אַ האַלבן טוץ קאָלדרעס און שרייבט אונטער וויכטיקע דאָקומענטן. ווען בן־גוריון האָט דערזען זיין גאַסט האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— „איך האָב געהאַט פאַר זיך די ברירה אָדער צו פרירן אין די אונטערשטע צימערן אָדער פילן זיך באַקוועם אין בעט. און שרת וואַרט אויף די דאָקומענטן״.

דיווירטשאַפט ביים פּרעמיער אין שטוב פירט די באַלעבאָסטע אַליין, פרוי בן־גוריון. זי קאָכט און באַקט אַליין, אַפילו ווען זיי האָבן אייניקע געלאַדענע געסט. זי האָט אָבער אַ מיידל, וועלכע העלפט איר אַרויס אין דער אַרבעט, און וועלכע פאָרט מיט זיי אויך

מיט פון איין היים אין דער צווייטער, פון תל־אביב קיין ירושלים און פון ירושלים קיין תל־אביב.

דער אויבערשטער שטאָק פון זייער הויז אין תל־אביב געהערט אינגאַנצן צו בן־גוריון. דאָרט איז זיין ביבליאָטעק, דאָרט איז זיין אַרבעטס־צימער און דאָרט איז אויך זיין שלאָף־צימער. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זעט איר זייער אָפט ליכט פון בן־גוריונ׳ס צימער. דער פּרעמיער פון ישראל שלאָפט זייער ווייניק. אין די נעכט אַרבעט ער פאַר זיך. ער לערנט, שרייבט אָדער ער לייענט. דאָס איז זיין אָפּרו און דאָס איז אויך זיין פאַרגעניגן. און דעם גרעסטן פאַרגע־ניגן האָט ער ווען ער לייענט די שאַפונגען פון דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור אין אָריגינאַל.

ווען בן־גוריון איז געווען שוין איבער 50 יאָר אַלט, האָט ער אָנגעהויבן צו שטודירן די אַלט־גריכישע שפּראַך. אין פאַרלויף פון אייניקע יאָר האָט ער זי גרינטלעך געלערנט. און ער קאָן היינט אויך גוט די אַלט־גריכישע פילאָזאָפיע פון וועלכער ער האָט זייער אַ הויכע מיינונג. ער האָט נאָך אַ „האָבי״ — צו שטודירן די פילאָ־זאָפן פון אַלטן אָריענט, הויפּטזעכלעך פון אינדיע. און אויף דעם ווידמעט ער די שטילע נעכט, ווען ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די מלוכה־פליכטן.

דער פּרעמיער פון ישראל איז אָבער אַמטיפסטן איינגעוואָרצלט אין דער אַלטער העברעאישער קולטור. ער איז איינער פון די גרויסע קענער פון ארץ ישראל, פון איר עלטסטע תקופה ביז היינטיקן טאָג, פון איר געשיכטע, געאָגראַפיע און ליטעראַטור. די אָפּטיילונג וועגן ארץ ישראל פאַרנעמט אין זיין ביבליאָטעק זייער אַן אָנגעזעענעם אָרט.

זיין ביבליאָטעק, אַלס פּריוואַטע ביבליאָטעק, איז אַ גאַנץ באַדייטנדע. בן־גוריון איז אַ ליבהאָבער פון גוטע, זעלטענע ביכער. זיין ביבליאָטעק־צימער פאַרמאָגט פאַליצעס מיט ביכער פון סטעלע ביז צו דער פּאָדלאָגע. און ביכער פאַרמאָגט זיין ביבליאָטעק אין

פאַרשיידענע שפּראַכן. אויסער העבֿרעאיש, אידיש און אַלט־גריכיש, געפינט איר דאָרט אויך ביכער אין ענגליש, פראַנצויזיש, טערקיש, רוסיש, אַראַביש און אַנדערע. זיין ביבליאָטעק פאַרמאָגט כמעט אַלץ פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. און צו זיינע רייכע ביכער־זאַמלונגען געהערט אויך די גרויסע אָפּטיילונג פון דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור.

דוד בן־גוריון לעבט זיך אויס גייסטיק אינגאַנצן אין זיין ביבליאָטעק. און מערקווירדיק: דער וויזיאָנער מיט דער רייכער קינסטלערישער פאַנטאַזיע, מיט דעם גרויסן קינסטלערישן שוואונק — האָט אַליין זייער ווייניק געפיל פאַר קונסט. אויב ער גייט אַמאָל אויף אַ קאָנצערט אָדער אין דער אָפּערע — איז עס צום גרעסטן טייל אויס איינזעעניש צו זיין פרוי, כדי איר צופרידנצושטעלן. ער אַליין קאָן אויסקומען אָן מוזיק. אַמאָל, ווען ער האָט געהאַט מער צייט פלעגט ער פון צייט צו צייט גיין זען אַ פילם. זיין אויג האָט אויך ווייניק גענוס פון מאָלערישע קונסט. ער האָט נישט ליב קיין שוואַרצע קאָלירן, און זיין פרוי טראָגט דעריבער נישט קיין שוואַרצע קליידער, אַפילו צו פייערלעכע אויפנאַמען. דאָס מעבל אין די צימערן זיינען אין העלע קאָלירן.

בן־גוריון אַליין איז נישט קיין באַלעבאָס, ווי מען זאָגט. ער האָט נישט קיין זין פאַר באַלעבאַטישקייט. די איינריכטונג אין די היימען — איז לויט דעם געשמאַק פון זיין פרוי.

אַמאָל האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן אין שאַך. אָבער זייט ער איז געוואָרן שטאַרק פאַרנומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — האָט ער אויך דעם דאָזיקן פאַרגעניגן אויפגעגעבן. און ער האָט אויך נישט גערן קיין רכילות, וואָס מען טראָגט אים צו אויף איינעם אָדער אַ צווייטן. אין דעם זין איז ער זייער מאָראַליש. ער האָט אָבער ליב אַ וויץ און אים געלינגט אויך זייער אָפט אַליין צו שאַפן אַ וויץ.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז בן־גוריון נישט מקפיד אויף זיין קליידונג, אויף זיין אָנטועכץ. אויך איצט, אַלס פּרעמיער־מיניס־

טער האָט ער זיך נישט ליב צו פּוצן. ער פאַרטראָגט נישט דעם אָפיציעלן פראַק, מיטן ווייסן, שטייפן קראַגן, מיטן ווייסן שלייפל — דעם „הולך" פון דיפּלאָמאַטן. אַמליבסטן האָט ער זיין אַרבעטס־בלוזע און פילט זיך אַמבאַקוועמסטן אין אַ העמד מיט קורצע אַרבל, מיט אָן אָפענעם קראַגן, אָן אַ שניפּס, די שבת־און יום־טוב׳דיקע העמד פון די אַמאָליקע אַרבעטער יאָרן.

איינמאָל איז ער פון אַ דיפּלאָמאַטישער אויפנאַמע, אויסגעפּוצט אין „עסיג און אין האָניג", גלייך געקומען צו אַ פאַרזאַמלונג פון דער הסתדרות. זיינע חברים אַרבעטער און קיבוץ׳ניקעס, דערזעענדיק אים אין זיין דיפּלאָמאַטישן „סטראָי", האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דער פּרעמיער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און געמאַכט די פאָלגנדע דערקלערונג:

— זייט מיר מוחל חברים טייערע. וואָס איך בין אַהער געקומען אין אַזאַ „הולך" איך קום דאָס איצט דירעקט פון דער אַרבעט און טראָג נאָך מיינע „אַרבעטס־קליידער"...

אויפנעמען אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, אַנגעזעענע אויסלענדישע געסט — דאָס פאַרפליכטעט דער הויכער אַמט. אָבער די בן־גוריונ׳ס נעמען אויף אָפט אויך היימישע געסט, פריינט און באַקאַנטע פון אַמאָל. און אין דעם פּרט מאַכן די באַלעבאַטים נישט קיין אונטערשייד צווישן פּאָליטישע פריינט און פּאָליטישע קעגנער. צו אַזעלכע היימישע אויפנאַמען ווערן געלאַדן פריינט אויך פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. אין ישראל, וואו עס הערשט פּאַרטייאישע ענג־האַרציקייט קאָן מען אַזאַ זאַך נישט באַגרייפן. בן־גוריון קאָן אָבער אונטערשיידן צווישן פּאַרטיי און מענטש, צווישן „כנסת" און דער היים.

בן־גוריון איז אַ גרויסער פאַרערער פון אַמעריקע, פון אַמעריקאַנער געשיכטע, פון אַמעריקאַנער פּאַרטיי סיסטעם. און ער פירט זיך אויך ווי די אַמעריקאַנער פּאָליטיקער פירן זיך אין באַצוג צו זייערע פּאָליטישע קעגנער.

בן־גוריון האָט דורך ארץ פאַר יעדן אידעאישן מענטשן, מעגן

זייערע אידייעס זיין גאָר אַנדערע, ווי זיינע. זיי מוזן אָבער זיין אויפריכטיקע. און ער פאַרשטייט זיך ווער עס איז אַן אידייאישער קעגנער און ווער נאָר — צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. און ער איז אַ מענטש, וואָס האָט ליב נישט נאָר צו הערן אַן אמת, נאָר אויך צו זאָגן עמיצן אַנדערש דעם אמת אין די אויגן. ער איז אָפּטמאָל אומ׳ברחמנות׳דיק מיט זיין אמת זאָגן. דורך זיין אמת זאָגן גלייך אין פּנים אַריין, און נישט אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, האָט ער זיך געשאַפן אַ סך שונאים, אַפילו אין זיין אייגענער פּאַרטיי. און אַ סך פּאָליטישע פירער, וועלכע קומען מיט אים אין באַרירונג, האָבן טאַקע מורא פאַר זיינע אמת׳ן.

מיט יאָרן צוריק, ווען בערל קאַצענעלסאָן האָט נאָך געלעבט, פלעגט מען אויפן פאָלגנדן אופן באַצייכענען די באַציאונגען פון ישוב צו די דריי הויפּט־פירער פון מפא״י: בערל קאַצענעלסאָן האָט מען ליב, פאַר יצחק בן־צבי האָט מען דרך ארץ און פאַר דוד בן־גוריון האָט מען מורא. מורא פאַר זיינע ביטערע אמת׳ן...

בן־גוריון איז גלייכצייטיק: אַ רעאַלער פּאָליטיקער און מענטש פון גייסט; אַ שטאַטסמאַן פון ברייטן פאַרנעם און אינטעלעקטועלער מיט גרויסן אידישן וויסן. ער באַהערשט אויסגעצייכנט אייניקע געביטן: געשיכטע פון אידישן פאָלק; אַלגעמיינע געשיכטע, געאָגראַפיע און אַרכיוואָלאָגיע פון ארץ ישראל, תנ״ך, העברעאישע שפּראַך און אַנדערע צווייגן פון „חכמת ישראל״. פאַר זיינע אויגן שטייען די בלעטער אידישע געשיכטע און ביי יעדער געלעגנהייט פאַררופט ער זיך אויף אונזער פאַרגאַנגענהייט. זיין העברעאישער סטיל איז רייך, קלאָר, שאַרף, אויסדרוקספול און אויך געשליפן. זיין כאַראַקטער שפּיגלט זיך אָפּ גאָר אַ סך אין זיינע העברעאישע רעדעס.

דזשעימס דזש. מאַקדאָנאַלד, דער ערשטער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל, אין זיין דערמאָנטן בוך „מאַי מישאָן אין איזראַעל״, דערציילט, אַז איינמאָל איז ער געווען אַנוועזנד ביי אַ גע־

שפּרעך צווישן בן־גוריון און משה שרת: דער פּרעמיער און דער אויסערן מיניסטער, וועלכער איז אויך אַ העברעאישער שפּראַכן־קענער, האָבן דיסקוטירט אויף ווי ווייט יעזוס האָט באַהערשט העברעאיש. בן־גוריון איז געווען ביי דער מיינונג, אַז יעזוס האָט געמוזט קאָנען העברעאיש און האָט זיך פאַררופן אויפן נייעם טעס־טאַמענט ווייל „ווען איר לייענט דעם נייעם טעסטאַמענט אין דעם גריכישן אָריגינאַל ווערט איר איבערצייגט, אַז די ווערטער, וועלכע ווערן אים צוגעשריבן, האָבן געקאָנט אַרויסגעזאָגט ווערן נאָר אין העברעאיש, ווייל דער געבוי פון זאַץ איז כאַראַקטעריסטיש אָן העברעאישער".

און תנ"ך? זומער 1950 האָט ער צום ווײפלטן מאָל באַזוכט אילת, דעם דרום׳דיקן האַפן פון ישראל ביים רויטן ים (ים סוף). ער איז געקומען זען די מיליטערישע איינריכטונגען, וועלכע זיינען דאָרט געמאַכט געוואָרן. אין האַפן זיינען דאַן געשטאַנען צוויי קליינע מאָטאָר־שיפן פון דעם ישראל׳דיקן ים־פלאָט. דער קאָמאַנדיר פון די ים־כוחות אין יענעם געגנט האָט פאַר דעם פּרעמיער און פאַר־טיידיקונגס־מיניסטער געמאַכט אַן אוינאַמע אויף איינע פון די שיפן.

פלוצלונג האָט זיך בן־גוריון געווענדעט צום קאָמאַנדיר מיט גאָרנישט קיין מיליטערישע פראַגע: „זאָג מיר" — האָט ער זיך צו אים געווענדעט — „וויפל מאָל ווערט דער אָרט אילת דערמאָנט אין תנ"ך?"

דער קאָמאַנדיר איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט געלערנט תנ"ך, אָבער נישט אַזוי ווייט ער זאָל געדענקען אַזאַ זאַך. ער האָט אויף דער פראַגע נישט געקאָנט ענטפערן.

— „איך וועל דיר זאָגן: זעקס מאָל. דער אָרט ווערט דער־מאָנט אין דער דערציילונג פון די ישראל־וואַנדערונגען אין דער מדבר (1); ווערט דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פלאָט, וואָס שלמה המלך האָט געבויט „בעציון־גבר אשר את אילת" (2); ווערט דערמאָנט ביי עוזיהו בן עצמיהו, וועלכער האָט געבויט

אילת (3) און די שטאָט אומגעקערט צו יהודה; „אָבער אין דער צייט פון אחז בן יותם, דער קעניג״ פון יהודה, האָט רצין דער קעניג פון ארם אומגעקערט אילת (4) צו ארם און האָט די אידן אַרויסגעטריבן פון אילת (5) און די אדומ׳ער זיינען געקומען קיין אילת (6) און זיינען דאָרט געבליבן ביז היינטיקן טאָג״.

און דער פּרעמיער האָט צוגעגעבן:

„און דיין אויפגאַבע איז אַכטונג צו געבן, אַז אַזעלכעס זאָל קיינמאָל מער נישט געשען!״

אויף פאַרזאַמלונגען, וואו בן־גוריון באַטייליקט זיך, באַמערקט איר גאַנץ אָפט ווי ער נעמט אַרויס פון רעקל־קעשענע אַ קליין העפטל און פאַרצייכנט אין עס עפּעס. שרייבט עפּעס אַריין אין אים. דאָס שרייבט ער זיין „טאָג־בוך״, נאָך פון דער יוגנט אָן. אָבער מיט זיין יוגנט „טאָג־בוך״ איז געשען אַן אומגליק. ער איז פאַר־לוירן געגאַנגען. ווען דוד בן־גוריון האָט זומער 1914, אַלס סטודענט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דאָן פאַרלאָזן די טערקישע הויפּט־שטאָט, כדי צו פאַרברענגען זיין וואַקאַציע אין ארץ ישראל, האָט ער אין זיין וואוינונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איבערגעלאָזן אַ סך פון זיינע זאַכן און צווישן זיי אויך זיין „טאָג־בוך״. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה אין וועלכער טערקיי האָט זיך באַטייליקט, און אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז פאַרלוירן געגאַנגען.

דער „טאָגבוך״, וועלכן ער פירט ווייטער איז, בכן, פון אַ שפּעטערדיקער דאַטע. דערווייל האָט ער נאָך נישט קיין חשק און נישט קיין צייט אַוועקצוזעצן זיך און אָנשרייבן זיין לעבנס־געשיכטע, וועלכע איז אַזוי רייך אין פּאַסירונגען. דערווייל האָט ער די שווערע אויפגאַבע צו באַפעסטיקן די נייע אידישע מדינה אין וועל־כער ער האָט אַזאַ גרויסן חלק. אַ זשורנאַליסט האָט אים נישט לאַנג צוריק געפרעגט פאַרוואָס ער שרייבט נישט זיין לעבנס־געשיכטע. אויף דעם האָט ער קורץ געענטפערט:

— „ווען מיין צייט וועט מיר דערלויבט וואָלט איך זי פּאַר־ווענדעט נישט אויף צו שרייבן מיין אייגענע לעבנס־געשיכטע, ווייל וואָס פאַראַ וויכטיקייט קאָן דען זיין אין מיין ביאָגראַפיע? איך וואָלט ליבערשט געשריבן איבער צוויי פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען די גרעסטע פון דער מענטשהייט, וועגן פּלאַטאָ און בודאַ״.

וועגן זיין וויכטיקייט אַלס איינער פון די גרעסטע אידישע פּערזענלעכקייטן פון אונזער דור — האָבן מיר אונזער מיינונג, און מיר וועלן פון איר נישט אָפּווייכן. מיר ווילן אָבער האָפן, אַז די אידישע מדינה וועט אין קורצן ווערן אַזוי באַפעסטיקט, אַזוי שטאַרק, אַז זי וועט איר פּרעמיער ערלויבן די נויטיקע צייט, כדי ער אַליין זאָל אָנשרייבן זיין שווערן און גלאָריע־רייכן וועג צו איר שאַפונג.

ביבליאָגראַפיע

העברעאיש

דוד בן־גוריון — במערכה א. ב. ג. ד. ה., הוצאת מפלגת פועלי ארץ ישראל, תל־אביב, תש"ז—תש"ט
יצחק בן־צבי — בעליה השניה, תל־אביב, 1950
ברכה חבס — „אחד ודורו" אין „דבר השבוע", 1950
ברכה חבס בהשתתפות אליעזר שוחט — ספר העליה השניה, עם עובד, תל־אביב, תש"ז
י. לופבן — אנשי סגולה, מפלגת פועלי ארץ־ישראל, תל־אביב, תש"ט
ישראל היילפרין — ספר הגבורה חלק ג', עם עובד, תל־אביב, תש"י.
אליהו גולומב — חביון עז, כרך א', הוצאת מפלגת פועלי ארץ־ישראל, תל־אביב, תש"י
דוד תדהר — אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, כרך ג', תל־אביב, 1948
„מבפנים" — חוברת סיון, תש"ד

אידיש

דוד בן־גוריון — אונזער שליחות, וואַרשע, 1934
דוד בן־גוריון — ישראל אין קריג, ניו־יאָרק, 1951
דוד בן־גוריון און בן־צבי — ארץ ישראל, ניו־יאָרק, 1918
יעקב צינעמאַן — די געשיכטע פון ציוניזם, ערשטער און צווייטער באַנד, פּאַריז, 1947 און 1949
צ. ראָזענשטיין — די הסתדרות, זאַמלבוך, תל־אביב, תש"ח
א. רעוואוצקי — אידן אין ארץ־ישראל, פאַרלאַג שרון, ניו־יאָרק, 1947
בן־אדיר — „מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע שטרעמונגען" אין אידישער ענציקלאָפּעדיע „אידן", באַנד ג'.

ענגליש

ISRAEL COHEN — *The Zionist Movement.* New York, 1946.

JAMES G. MCDONALD — *My Mission in Israel.* New York, 1951.

MOSHE PEARLMAN — *The Army of Israel.* New York, 1950.

רוסיש

יעווריסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ באַנד צוועלף